וכן נקבעו מחירים קבועים ליתר מיני המלבושים, שהפרטיכל הולך ומונה אותם אחד אחד כרוכל, ואין חלוק לחייט הן קודם יום־טוב והן לאחר י״ט. והפרטיכל ממשיך:

„כל זה נעשה במוסכם כל אלופי הקהל כחוק ולא יעבור, על כל אנשי בע״ב דק״ה, יהי מי שיהי, וכן על כל החייטים דק״ה שלא יקחו יותר מ„האיס־טרוקשער״ הנ״ל. ואפילו אחד מבעלי אסיפה הנ״ל יכול לעכב בכדי לקיים תקנה הנ״ל. ובאם שיתברר, שא׳ מבעלי החייטים דקה׳ יעבור על התקנה המ־בוארת לעיל ויזלזל לאיזו מאנשי קהי יהי׳ מי שיהי׳ — אזי יוקנס בקנס גדול כפי ראות עיני אסיפה דק״ה.״

מדוע הפקיעו את שער „מלאכת־התפירה״ דווקא החייטים, דק״ק קארעליטש, שה־פרטיכל מעיר. „אשר לא נשמע בקהילות הסביבה כזאת?״ ומדוע דווקא החיי־טים? ולא יתר „בעלי המלאכה״? — על זה אין למצוא שום רמז בפרטיכל, שהוא יחיד במינו בכל הפנקס, כי „איסטרוקשער״ באומניות אחרות לא נקבע; סימן הוא, ששם היה הכל כשורה. ואם כי לא איתמר מפורש — מסתמא איתמר, שהחייטים היו אנוסים לקבל עליהם את הגזרה ולא היה מקבלים יותר מכפי שנקבע ב„האיסטרוקשער״, בכדי שלא „יוקנסו בקנס גדול״, ואלמלי נקנסו היה איזה פרטיכל מעיד עליהם. אבל פרטיכל כזה איננו.

חסיה טורטל — אבערז'אנסקי — ירושלים

בלעטלעך געשיכטע

דאָס שטעטל קאַרעליטש ליגט אויפן טייך רוטא, אין אַ פּרוכטבאַרער אומגעבונג, אויפן הויפּט טראַקט סלוצק—ניעסוויעזש—מיר, וואָס פירט צו ליטע און צו די איבעריקע קרוין לענדער פון אַמאָליקן היסטאָרישן פּוילן. קאַרעליטש איז אין יענע צייטן געווען דאָס אייגנטום פון די גרויס ליטווישע פירשטן, די טשאַרטאָריסקיס און ראַדזיווילס. אַלס נדן פאַר דער פירסטין סטעפאַניע ראַדזיוויל, איז די אָרטשאַפט שפּעטער איבערגעגאַנגען אין רשות פון דער פירשטן־פאַמיליע — וויטגענשטיין. אַ חוץ דעם האָבן זיך אין דער געשיכטע פון קאַרעליטש אָפּגעשפּילט פיל היסטאָרישע געשעענישן פון דער אַמאָליקער פּוילן אין ליטע.

קאַרעליטש איז געווען אַ דורכגאַנגס־סטאַציע פאַר די טאָטערישע האָרדעס אין 14־טן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן איר פאַרניכטעט. אויך די שוועדן, בעת זייערע מלחמות מיט פּוילן אין 17־טן יאָרהונדערט, האָבן איבערגעלאָזט סימנים אין קאַרעליטש. אין יאָר 1705 האָט קאַרעליטש געהאַט דעם כבוד צו האָבן אַלס גאַסט במשך 24 שעה דעם רוסישן צאַר — פּיאָטר דער גרויסער, אויף זיין וועג פון גראָדנע קיין מאָסקווע. קאַרע־ליטש האָט געדינט אַלס זאַמל־פּונקט פאַר דער פּוילישער שליאַכטע, וועלכע האָט דאָ דורכגעפירט אין יאָר 1733 אַן עלעקטאָרן־סעסיע (נאָכן טויט פון קעניג אויגוסט דעם צווייטן), כדי אומצוקערן אויפן פּוילישן טראָן אַ קעניג פון דער פּיאַסט־דינאַסטיע. אין 1812 זענען דורך קאַרעליטש דורכגעגאַנגען די רעשטלעך פון נאַפּאָלעאָנס אַרמיי, בשעת זייער ריקצוג נאָך דער מפּלה אין רוסלאַנד. נאָך דער צעטיילונג פון פּוילן (1772) איז קאַרעליטש אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון צאַרישן רוסלאַנד, צו וועלכער זי האָט געהערט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914).

די אַלטע יידישע קהילה

ס'פעלן ליידער היסטאָרישע דאָקומענטן וועגן דער אַנטשטייונג פון דער יידישער קהילה אין קאַרעליטש. די עלטסטע מצבות אויפן יידישן בית־עלמין זיינען געווען פון 18־טן יאָרהונדערט. ס'איז אָבער כמעט זיכער, אַז אַ יידישער ישוב איז שוין געווען אין קאַרעליטש מיט פיל יאָרן פריער. לויט אַ ציילונג פון יאָר 1765 האָט די יידישע קהילה געהאַט 336 קאָפּ־שטייער צאָלער (נאָך דערוואַקסענע), ד. ה. אַז די יידישע באַפעלקערונג בכלל האָט געציילט אַן ערך טויזנט נפשות. לויט אַ ציילונג פון יאָר 1897 (אונטער דער

רוסישער הערשאַפט) האָט די יידישע באַפעלקערונג געציילט 1840 נפשות, ביי אַן אַלגע־מיינער באַפעלקערונג פון 2259 נפשות.

אונטער דער רוסישער הערשאַפט האָט די יידישע קהילה ניט געהאַט קיין אָפיציעלן סטאַטוס. די הוצאות פון דער קהילה זיינען געדעקט געוואָרן פון פלייש שטייער (קאַראָבקע), וואָס איז געווען אַרענדירט דורך איינעם פון די יידן. די אַלטע קהילה האָט אויסגעהאַלטן צוויי בתי־כנסת און אַ קלויז (אַ חסידים שטיבל). איין בית־כנסת האָט געהייסן דער „אַלטער", ווייל ער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן פלאַץ פון דער „אַלטער" שול, וואָס האָט עקזיסטירט פון 18־טן יאָרהונדערט און האָט אָפּגעברענט אין 1911. אין דעם „אַלטן" בית־כנסת האָבן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה סטאַביל געלערנט פיל ישיבה בחורים וועלכע האָבן „געגעסן טעג" ביי די שטעטלשע בעלי־בתים. דער „אַלטער" בית־כנסת האָט אויך געדינט אַלס אַכסניה פאַר חברה׳ס לערנער: „עין־יעקב", „משניות" און „תהלים־זאָגער". ס׳זיינען אין שטעטל אויך געווען די חברה׳ס: „הכנסת־כלה", „לינת־הצדק", „חברה־קדישא" און אַ גמילת־חסדים־קאַסע פאַר נויטבאַ־דערפטיקע. די יידישע קהילה האָט געזאָרגט און געשטיצט אירע אָרעמעלייט און נישט דערלאָזט זיי זאָלן גיין קלייבן נדבות אין פרעמדע שטעט. כדי זיי זאָלן זיך נישט דער־גידעריקן פאַר פרעמדע...

צווישן ביידע וועלט מלחמות

לויטן ריגער אָפּמאַך פון יאָר 1921 איז קאַרעליטש, נאָך דער פויליש־באָלשעוויס־טישער קריג, אַריבער צוריק אונטער פוילישער הערשאַפט. אין דער תקופה פון באַנייטער פוילישער הערשאַפט (1921—1939) האָט די יידישע קהילה זיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן דאָס גייסטיק־געזעלשאַפטלעכע לעבן. די ערשטע דאגה איז געווען — די דערציונג פון יונגן דור. עס זענען אַנטשטאַנען צוויי „חדרים" און שפּעטער אויך אַ „תרבות" שול. יידישע קינדער האָבן אויך באַזוכט די אָרטיקע פוילישע פאָלקס־שול. פאַרמעגלעכע עלטערן האָבן געשיקט זייערע קינדער פאַרזעצן די לימודים אין דער מלוכהשער גימנאַזיע אין נאָוואָגרודעק ווי אויך אין דער העברעישער גימנאַזיע אָדער העברעישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע.

אין שטעטל האָט זיך אַנטוויקלט אַ ברוויזנדע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, אין דעם אויבנאָן האָט פאַרנומען, געוויינטלעך, די יוגנט. ס׳זענען געווען טעטיק אַלע ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונגען: „החלוץ", „החלוץ הצעיר", „השומר הצעיר", „בית״ר" און אויך די יוגנט באַוועגונג „צוקונפט־בונד". די ציוניסטישע יוגנט האָט אַקטיוו מיטגע־אַרבעט אין אלע ציוניסטישע פאָנדן. פיל פון דער חלוצישער יוגנט האָבן רעאַליזירט זייערע טרוימען און עולה געווען קיין ארץ־ישראל. פון די צוואַנציקער יאָרן איז אָנגע־גאַנגען אַ שטענדיקע עליה פון קאַרעליטשער זין און טעכטער, וואָס פלעגן פריער דורכמאַכן הכשרה־קיבוצים פון „החלוץ" און „השומר הצעיר".

אין שטעטל איז געווען אַ גרויסע יידיש־העברעישע ביבליאָטעק.

ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט קאַרעליטש געציילט 1300 יידישע נפשות, אויף אַן אַלגעמיינער צאָל פון 2000 איינוווינער. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך מפרנס געווען פון קליין־האַנדל, מלאכה, גערטנעריי און פון אַרענדירן פיש־סטאַוון, גערטנער און פרוכט־סעדער. די דאָזיקע ווירטשאַפטלעכע קאַטעגאָריעס האָבן אויפגעשטעלט אַ „קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער און האַנטווערקער באַנק”, וועלכע האָט געגעבן הלוואות אויף נידעריקע צינזן. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן איז געווען זער אַ שווערע און אויסער קליינע אויסנאַמען האָט די גרעסטע טייל זיך גענויטיקט אין שטיצע פון קרובים מעבר לים. ספּעציעל איז געווען שווער די לאַגע אין די לעצטע יאָרן פאַרן צווייטן וועלט־קריג, בעת דער פאַרשטאַרקטער אַנטיסעמיטישער העצע און באָיקאָט קעגן יידישן האַנדל. די פּוילישע „אָסאַדניקעס”, וואָס זיינען געקומען פון מערב פּוילן, האָבן דאַן געפירט אַ קאַמפּאַניע קעגן די יידן — צווישן דער אָרטיקער ווייס־רוסישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט אין משך פון דורות געלעבט בשלום מיט די יידן.

דער חורבן

אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע האָט קאַרעליטש דורכגעמאַכט דעם זעלבן טראַגישן אומקום־וועג, ווי אַנדערע הונדערטער שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. נאָך אַ ריי מאָרד־אַקציעס אין שטעטל גופא, האָט מען אין פעברואַר 1942 איבערגעפירט די קאַרעליטשער יידן, אין נאָוואָגרודקער געטאָ. אין דער גרויסער שחיטה אין נאָוואָגרודעק, דעם 8־טן אויגוסט 1942 זענען אויסגעהרגעט געוואָרן די קאַרעליטשער יידן צוזאַמען מיט די יידן פון די אַרומיקע שכנישע שטעטלעך. נאָר אַ קליינע גרופּע פון 20 קאַרעליטשער יידן איז געלונגען אַנטלויפן צו די פּאַרטיזאַנער אין דער נאַליבאָקער פּושטשע. אַ טייל פון די רעשטלעך האָבן זוכה געווען עולה זיין קיין ישראל.

א. ליטווין

פון קארעליטשער קהילה־פנקס

א. אַריינגעוואָרפן אַ ווייבל אין חרם, פאַר וואָס זי איז געפאָרן מיט אַן „ערל" אָן אַ שומר

אַזוי ווי די אשה בתיה בת ר' יצחק אייזיק[1] האָט געטאָן אַ מעשה נבלה, דהיינו זי איז געפאָרן קיין נאָוואָגרודעק מיט אַן „ערל" אָן אַ שומר. אַ חוץ דעם האָט זי באַגאַנגען נאָך אַ זינד; זי האָט אויפגעעפנט איר ברייטן מויל און געזידלט די פירער פון קהל אויף אַן אַסיפה אין קהל שטיבל. איז פון אונדז די אונטערגעשריבענע פירער פון קהל, אַרויס דער פסק, אַז די אשה בתיה זאָל זיין אין גרויסן חרם מ'זאָל איר ניט רופן אויף קיין זאַך, אויך, די בייזע שעה זאָל ניט זיין, צו מתעסק זיין זיך אין אַ „מת מצוה", און קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן מיט איר צו האַנדלען, ביז זי וועט ניט איבערבעטן די פירער פון קהל און וועט ניט נעמען אויף זיך: מער ניט צו טאָן אַזאַ פאַרברעכן.

אונטערגעשריבן: שבת־צר־נאַכט, דעם 6־טן תמוז תק"ם (1780).

(פיר אונטערשריפטן פון די קהל לייט).

ווייטער אַ ביסל צוגעשריבן עטלעכע שורות:

באשר די אשה הנ"ל האָט מתקן געווען איר פעלער און האָט אויף זיך גענומען זי זאָל אַזוינס מער ניט טאָן, דעריבער האָבן מיר, די אלופי קהל[2] באַשלאָסן אַז דער חרם זאָל זיין בטל כחרס הנשבר, ווי אַ צעבראָכן טעפל.

ב. אַ בית דין שמש — אַ גנב און זיין שטראָף

צום אָנדענקונג און עדות פאַר שפּעטערדיקע דורות — שטייט פאַרשריבן מיט אַ בלאַט ווייטער — ווי אַזוי ה' צבי בר חיים „סגל" האָט אָפּגעטאָן מיט זיין „האַנד־אַרבעט" צו גנבענען פון אַנדערע קהילה לייט, ביי כמה בעלי בתים, אַזוי ווי ס'איז קלאָר געוואָרן פאַר די אלופי הקהל, און די אלופי „בית דין צדק" פון אונדזער קהילה, איז ביי אונדז, אלופי הקהל ובית דין צדק באַשלאָסן געוואָרן אַז דער דאָזיקער לויפער[3] (ד. ה. דער

1) פנקס קהילת קאַרעליטש, בלאַט 137, זייט 2.

2) אלופי הקהל — אַ טיטל וועלכן עס האָבן געטראָגן די פירער פון דער יידישער קהילה.

3) אין פנקס — רץ. ער ווערט אויך אָנגערופן „שליח מיוחד". דאָס איז געווען דער געוויינלעכער שמש, אָדער אַן עקסטראַ שמש, וואָס האָט געדינט ביי קהל אַלס „עקסטראַ פּאָטשט", אויך אין דעם פאַל, אַז מ'האָט געדאַרפט עפּעס אָנזאָגן אין אַ צווייטער שטאָט, אָדער שטעטל, יען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ גזירה, אָדער אַן אַנדערע צרה אויף יידן.

שמש) זאָל זיין פסול לעדות און פאַר אַ שבועה, פון היינט אָן און ווייטער... ביז ער וועט שווערן אין טלית און קיטל, אַז ער וועט מער ניט גנבענען.

(אונטערגעשריבן די קהלס לייט און בית דין אין יאָר תקנ״ד, 1794).

ג. אַ טאַקסע פאַר שניידער

וועגן דעם גרויסן געשריי פון דער שטאָט, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין אונדזערע אויערן [4] דערפון וואָס די שניידער דריקן די בעלי בתים מיט זייערע טייערע מקחים, וואָס זיי נעמען פאַר נייען מלבושים. זיי נעמען אַזוינע הויכע מקחים, וואָס זענען ניט געהערט געוואָרן אין די קהילות, וואָס אַרום אונדז. האָבן מיר אלופי הקהל דעריבער פאַררופן אַן אַסיפה און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן פון היינט אָן אַ פעסטע תקנה און עס זאָל ניט געהערט ווערן מער קיין געשריי ח״ו אין אונדזער גרענעץ. היינו, אַז קיינער פון די היגע בעלי בתים ווער עס זאָל ניט זיין, זאָל ניט וואַגן צו געבן אַ שניידער פאַר געניי מער פון דעם „אינסטרוקטער״ (טאַקסע). וואָס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן צווישן אונדז. און דאָס זענען די פונקטן:

מאַנסבילשע קליידער: א) אַ זשופּיצע [5] אָן פאסעמאַנען [6] — צוויי גילדן, און מיט פאסעמאַנען — צוויי גילדן מיט 15 גראָשן. אַ זיידענע זשופּיצע — דריי גילדן. אַ דעליע [7] דריי גילדן; אַ זיידענע דעליע פיר גילדן; ב) אַ פוטער מיט קעץ — צוויי גילדן מיט 15 גראָשן: מיט פוקס, אָדער מיט פיי — פיר גילדן. פוטער של פלאַצייניקע (?) מיט פעלץ — צוויי גילדן. אַ סאַראַקו (?) — אַ גילדן מיט דרייצן גראָשן. אַ קאַפּטאַן פון יעדער צייג — אַ גילדן. דאָס איז אַלץ פאַר גרויסע. פאַר קליינע — זאָל זיין נאָכן ערך פון די אויבן באַשטימטע פרייזן.

ווייבערשע קליידער: א) אַ טשוהיי [8] מיט קעץ — דריי גילדן; מיט פוקס — דריי גילדן מיט 15 גראָשן; מיט פיי — פיר גילדן. אַ גלאַטער טשוהיי — צוויי גילדן. אַ טשוהיי מיט „אבנאַוו״ (ד. ה. בלויז מיט אַ פוטערנעם קאָלנער) — צוויי גילדן מיט 15 גראָשן; ב) אַ טשוהיי פון מארע (געבלומטע זייד) און מיט קראַדישור (?) באַדעקט — דריי גילדן, און אַ גלאַטן — צוויי גילדן מיט 15 גראָשן; ג) אַ בגד פון קאַרטון (ציץ) און פון קיטאַי (שוואַרצע געדיכטע באַוולנע סחורה אין גראַטעס) — איין גילדן, אַ בגד אַרומגעלייגט מיט מארע אַרום די ברעגן — צוויי גילדן. אַ בגד אַרומגעלייגט

4) קהילה פנקס בלאַט 118, ז׳ 2.
5) לאַנגע קאַפּאָטע אָן אַ שפּאַלט.
6) פּאַסן סאַמעט ביי די ברעגן אַרום.
7) אַ מין ווייבער מאַנטל.
8) אַ „שובא״ — פון רוסיש פוטער, אויבערמאַנטל. פון זיידן און לאַסטיג קאָרט, גענייט צום טאַליע, פון פראָנט מיט קנעפּלעך, הינטן אָן אַ נאָט. די אַרבל זענען פריער געוועזן ברייטע, דערנאָך איז אַרויס אַ מאָדע — שמאָלע אַרבל.

מיט קראַדישור — איין גילדן מיט 15 גראָשן. אַ בגד אַ גלאַטער אַ גילדן מיט 15 גראָשן; ד) אַ וויסט[9] פון מארע, באַדעקט מיט גאָלדענע פליטערלעך — 13 גראָשן; פון לאַמע (גאָלדענע שטיקעריי) — צוויי גילדן, אַנדערע וויסטן לויטן ערך פון די דאָזיקע; ה) לייבל פון ליאמע[10] — צוויי גילדן; פון אַנדערע סאָרטן זייד אַ גילדן מיט 13 גראָשן; פון קארטון — איין גילדן. אַ וואָכעדיקן לייבקאַפּטן מיט האזן אָדער מיט קעץ — איין גילדן. אַ קאַפּטן און זאַלעשקעס[11] געשטעפּט און מיט פוקס — איין גילדן; אַ זאַלעשקע פון גוטן שטאָף, מיט גאָלד, אָדער אַ גלאַטע פון מארע מיט שטיינגעס — 15 גראָשן. אַנדערע זאַלעשקעס, לויט דעם ערך פון די דאָזיקע.

די אַלע תקנות זיינען באַשטימט געוואָרן פון אַלע קהל פאָרשטייער — עס זאָל זיין אַ געזעץ, וואָס קיינער פון די בעלי־בתים טאָר ניט אַריבערטרעטן, ווער עס זאָל ניט זיין. די שניידער טאָרן ניט נעמען מער פון דעם דאָזיקן „אינסטרוקטער". אַפילו איינער פון די פאַרזאַמלטע קען פּראָטעסטירן[12] און זען אַז די טאַקסע זאָל אָפּגעהיט ווערן שטרענג. און אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן אַז אַ שניידער טרעט איבער די תקנות און נעמט טייערער ביי עמיצן פון די בעלי־בתים, ווער דאָס זאָל ניט זיין, דאַרף יענער שניידער געקנס'ט ווערן מיט אַ גרויסן „קנס" לויט דעם איינזען פון די, וואָס וועלן זיך געפינען אויף דער אַסיפה.

(אונטערגעשריבן: צוויי גבאים, דער שמש און דער נאמן).

כ"ה ימים לחודש תשרי תקס"ה (1805).

ד. פאַר ניט מאַכן קיין סעודה צו אַ ברית

אַמאָל איז געווען אַ מנהג צו רופן אויף יעדער שמחה אַלע קרובים, נאָענטע און ווייטע מיט זייערע ווייבער און קינדער און קינדס קינדער. אַזוי ווי אַ האַלב שטעטל איז געווען צווישן זיך „געקניפּלט" איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז פראַווען אַ שמחה איז פאַר אַ געוויינלעכן בעל־הבית, ביי דער אַמאָליקער אָרעמקייט, איז געווען אַלץ איינס ווי דורכ־לעבן אַ פּאָגראָם. דעריבער פלעגן אַ סך בעלי־בתים מורא האָבן אָנצוזאָגן פאַרן ברייטן עולם וועגן אַ חתונה, אַ ברית, אַ מזל־טוב און דאָס גלייכן. מ'פלעגט אָפּפראַווען די שמחה בקיצור פאַר „אייגענע מענטשן" — די סאַמע נאָענטסטע צו שמחה לייט. „קהל" האָט

9) ס'האָט אויך געהייסן: „פיגארא", אָדער „בעזרוקאַווניק" — אַ מין יאַקל אָן אַרבל הינטן ביי דער טאַליע איז געווען צוגענייט פון וואַטע אַ מין קישקע. ס'זאָל זיך האַלטן דאָס קלייד.

10) אַ מין אונטער־יאַקל, ס'האָט געהייסן „זעלעווערם" (?), רוסיש: דושעגרייקא.

11) אַ מין גאָלד געוועבט שטיק שטאָף מיט אונטערלאַג, וואָס פרויען פלעגן טראָגן אויף דער ברוסט, בשעת זייגן אַ קינד.

12) אויף די יידישע אַסיפות, אַזוי ווי אין די פוילישע סיימען, האָט געהערשט דאָס „וועטאָ רעכט", ד. ה. ענדערן אַ פריער אָנגענומען באַשלוס האָט מען געקענט נאָר, ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך אַרויסגעזאָגט איינשטימיק. ווען איינער פון די פאַרזאַמלטע איז אָבער געווען קעגן, האָט קיין באַשלוס ניט געקענט האָבן קיין מאַכט.

זיך אָבער ניט געלאָזן „שפּייען אין דער קאַשע״. וואָס הייסט ניט מאַכן קיין סעודה? גיין הינטער אַרום די כלי קודש?

און אין קאַרעליטשער פּנקס, אין יאָר תקס״ח (1808) איז פאַרשריבן:

„מחמת עס איז געוואָרן בעוונותינו הרבים, אַ גרויסער בראָך אין קהל, מבטל צו זיין די סעודה פון „אַ ברית מילה״, וואָס וועגן דעם איז אָנגעוווּנקען אין די און די ספרים, אַז מען מוז האָבן אַ מאָלצייט פאַר אַלע איינגעלאַדענע, און אַפילו דער, וואָס איז באַשטאַנד צו מאַכן אַ סעודה, מאַכט עס אויך ניט; בכן איז אָנגענומען געוואָרן איינ־שטימיק, אַז דער וואָס וועט ניט מאַכן קיין סעודה, על־כל־פּנים, פאַר צען מענטשן, איז אַ חרם גמור און אַן איסור אויפן שמש פון קהל, אַז ער טאָר נישט רופן קיין שום מענטשן אויף אַ מזל טוב, און אויף קיין שום שמחה, או זעס איז אַ חרם גמור און איסור גמור, אַז קיינער טאָר ניט גיין אויף אַ מזל טוב אַפילו די „מוהלים״ און דער גרויסער סנדק און דער קליינער סנדק, אַפילו אייגענע ברידער דעם בעל שמחה׳ס טאָרן ניט גיין. צום שלוס ווערט קהל ווייכער און לייגט אַרויף אַ חוב אויף די מוהלים און אַלע, וואָס זענען זיך עוסק אין דעם ברית מילה צו סטאַרען זיך מאַכן אַ סעודה ביי דעם וואָס איז ניט אומשטאַנד אַליין צו מאַכן אַ סעודה.

אונטערגעשריבן: **צוויי גבאים, ערב פּורים תקס״ח (1808)**

ה. אַן אָפּצאָל אויף „סנדק״ און „מוהל״

אין אַמאָליקע צייטן אין רוסלאַנד, איז אַ „מוהל״ „ומסדר קידושין״ געווען אַ גרויסער כבוד, שפּעטער האָט עס אויך געגעבן אַ גוטע פּרנסה. נישט זעלטן אָבער האָבן די „מתעסקים״ אויף אַ ברית געדאַרפט מאַכן ביי אַן אָרעמען „בעל שמחה״ אַ סעודה פון דער אייגענער קעשענע. אין קאַרעליטשער פּנקס געפינען מיר אַזאַ תקנה:

„עס איז אָפּגעשטימט און באַשלאָסן געוואָרן אין דעם „ועד״ פון דער אַסיפה ביי די „אלופי הקהל״, אַז ווער עס וועט זיין „סנדק״ אויף אַ „ברית מילה״ איז מחויב צו געבן אויף צדקה ח״י ג׳פ — דאָס הייסט 18 גראָשן, דער מוהל 19 גראָשן: פון „פּריעה״ — זעקס גראָשן „מציצה״ דריי גראָשן. די אַלע געלטער זאָלן אָפּגעגעבן ווערן די גבאיטעס און דערפון זאָל מען אויסהעלפן אָרעמע קינפּעטאָרינס. ביי יעדער חתונה דאַרף אויך געבן דער חתן אויף צדקה ח״י ג׳פ, פאַר די דאָזיקע גבאיטעס.

ו. געכאַפּט אַ יידן מיט אַ ווייבל אין אַ „חדר מיוחד״

היות ווי עס איז בעוונותינו הרבים, אָפּגעטאָן געוואָרן אין אונדזער הייליקער קהילה אַ נבלה, היינו מ׳האָט געפונען דעם מאַן מרדכי מיט דער אשה לאה בת ר׳ חיים סג״ל, וועלכע איז אַן אשת איש אין אַ „חדר מיוחד״, און דאָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך עדות, דעריבער האָבן מיר די „אלופי הקהל״, געקלערט צו באַצאָלן זיי נאָך זייערע בייזע מעשים און איר אַרויסגעבן אַ פּסק, ווי עס קומט אַזאַ „אשה מופקרת״ ווי זי, איז

אָבער דערווייל, איבער נאָכט איז קאַליע געוואָרן דער ענין, היינו, די זעלבע נאָכט האָט זי פון דאַנען פליטה געמאַכט און מיר האָבן ניט געקענט אויספירן דעם פסק, ווי מיר האָבן געטראַכט. מיר האָבן מורא, טאָמער וועט אַמאָל די דאָזיקע מופקרת ווידער קומען. איז באַשלאָסן געוואָרן ביי אונדז אַלעמען, די „אלופי הקהל", און דעם דערביי זיין פון הרב המגיד און בית דין צדק דפה אויסצורופן אַ גרויסן חרם: אויף יעדן פון די לייט פון אונדזער קהילה, ווער עס זאָל ניט זיין, וואָס וועט אַריינלאָזן די דאָזיקע „מופקרת" צו זיך אין שטוב, אַפילו אויף איין רגע, זאָל יענער זיין אויסגעטיילט און אָפּגעשיידט פון כלל ישראל און פון כלל דת יהודית פון אַלע פירונגען, וואָס זיינען איינגעפירט אין ישראל. דאָס אַלץ איז באַשלאָסן געוואָרן דורך אַ מערהייט שטימען פון די „אלופי הקהל" און דערביי זענען אויך געווען יחידי סגולה (אויסגעקליבענע שיינע בעלי־בתים) און הרב המגיד און בית דין צדק, די אסיפה איז געווען אין קהל שטיבל, און לויט דעם רבס באַפעל האָב איך געחתמעט: אור ליום ד', י"ב שבט תק"ע (1810).

אונטערגעשריבן: זאב וואָלף ש"ץ ונאמן דפ"ק.

דאָס אינטערעסאַנטסטע פון אָט דעם בלאַט אין פנקס איז: דעם מאַן, האָט מען גאָרנישט געטאָן. דער גאַנצער חרם איז געווען אויף דער ווייבל.

ז. ניטאָ קיין בעלנים אויף קוואַטער און אונטערפירער

קוואַטער און אונטערפירער — די שענסטע כיבודים ביי פרומע יידן. און אין קאָרעליטש, מיט הונדערט יאָר צוריק האָט מען אויף די כיבודים ניט געקענט קריגן קיין בעלנים. שולדיק זיינען געווען די כלי קודש, זיי האָבן אַרויסגעשטעלט טעלער צו יעדער יידישער שמחה. אָט די טעלער אָפּצאָלונגען פאַר די כלי קודש, האָט אין קאָרעליטש געהייסן „צושרייעך". דאָס האָט געלייגט אַזאַ שווערע לאַסט אויפן בעל־הבית, אַז ער האָט מוחל געווען דעם כבוד מיט דער סעודה. אין קאָרעליטשער פנקס איז פאַרשריבן געוואָרן אַזאַ מין תקנה:

„היות ווי דאָ איז געווען אַן אַלטער מנהג, אַז יעדער קוואַטער אויף אַ ברית־מילה און אונטערפירער אויף אַ חתונה האָבן געמוזט געבן „צושרייעך" די כלי קודש, און מחמת דעם איז די מצוות פון קוואַטער און אונטערפירער אין געפאַר אונטערצוגיין און דערפון גייט אַרויס אַ גרויסע חורבה פאַרן בעל שמחה, וואָס קען ניט קריגן קיין קוואַטער און קיין אונטערפירער, דעריבער, כדי צו פאַריכטן אַז די דאָזיקע מצווה זאָל ניט אויספעלן, און אויפצוהייבן זי פון דער ערד, ווי זי איז געווען ביז איצט געפאַלן, איז באַשטימט געוואָרן ביי די „אלופי הקהל" אינעם דערביי זיין פון די יחידי „סגולה", און פון בית דין, און פון רב, מיט אַ שווערן חרם, אַז כדי ניט צו פאַרשעמען דעם, וואָס האָט ניט, איז פון היינט אָן און ווייטער אַן „אסור גמור", אַז קיין שום קוואַטער און אונטערפירער זאָל ניט געבן קיין „צושרייעך" צו קיין שום „כלי קודש", און ווער עס וועט עובר זיין דאַרויף וועט, אַ חוץ דעם שטראָף פון דעם חרם, געקנסט ווערן מיט גרויסע קנסים און גרויסע

בזיונות. דער זעלבער חרם פאַלט אויך אויף די „כלי קודש״, אויב זיי וועלן ניט לאָזן וויסן פאַר אַלעמען, ווער עס האָט עובר געווען אויף דעם חרם פון „צושרייער״. ווער עס ווייס, אַז אימיצער האָט עובר געווען, איז מחויב צו לאָזן וויסן דעם פרנס החודש.[13]

ח. פאַר זידלען דעם „פרנס־חודש״

„היות, ווי די שטעטלדיקע בעלי־בתים צבי בן יעקב און גרשון בהר״י האָבן געעפנט זייער מויל און געזידלט דעם „פרנס חודש״ אין זיין חודש[14] און אַנדערע אַנגענומענע מענטשן אין בית המדרש און אין צייט פון דאַווענען, בכדי צו מאַכן אַ צאָם, אַז די „קינדער ישראל״ זאָלן ניט זיין „ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך״, האָבן מיר איינשטימיק באַשלאָסן צו קנסענען די דאָזיקע מענטשן מיט דעם קנס, וואָס דאָ איז אויסגערעכנט. היינו: ניט אויפצורופן קיינעם פון זיי צו דער ספר תורה מיט דעם טיטול „מורנו״[15] נאָר מיט דעם טיטל „חבר״[16] פון איצטער אָן אויף אייביק, און דער ה׳ גרשון ווערט אַראָפּגעוואָרפן פון גבאות אויף אַלע מאָל, און קיינמאָל זאָל מען זיי ניט אויסקלייבן אויף קיין קהלשן און חברה׳שן אַמט. אויף יעדער אַסיפה קען אַפילו איינער פון די אָנוועזנדע אָפּהאַלטן מיט זיין פּראָטעסט פון אויסקלייבן זיי ווידער. און כדי צו באַשטעטיקן און געבן מער קראַפט דעם דאָזיקן באַשלוס פון קהל, וואָס איז געפאַסט געוואָרן אין קהל־שטיבל, האָבן מיר געחתמעט: יום א׳, ב׳ ימים בחודש ניסן תקמ״ד (1784) לפ״ק, קאָרעליטש״. (פינף אונטערשריפטן)

פונקט אין אַ מאָנאַט אַרום קומט אין פנקס, אויף דער זעלבער זייט פון זעלבן בלאַט, אַזאַ צושריפט אונטער דעם אויבערשטן באַשלוס:

„אַזוי ווי די אויבן אָנגערופענע מענטשן האָבן זיך געבויגן פאַרן „בית דין הגדול״ וואָס דאָ איז געווען און האָבן געבעטן מחילה ביי אַלע פירער פון קהל, איז: דערפאַר וואָס די לייט האָבן זיך אונטערגעגעבן, האָבן מיר באַשלאָסן מוחל צו זיין זיי אויף דאָס, וואָס איז געווען, און פון איצט אָן קערן זיך די לייט אום צו זייער פריערדיקן שטאַנד״. (פינף אונטערשריפטן)

---

13) איינער פון די צוועלף געמיינדע פירער, וואָס האָבן אויך געהייסן „אלופי־הקהל״. יעדער איז געווען אַ מין פאָרזיצער אויף איין חודש. אין דעם חודש, ווען איינער איז געווען פרנס האָבן די איבעריקע ניט געהאַט קיין רעכט זיך צו מישן, בלויז אויף אסיפות פלעגן אַלע צוועלף קומען און האָבן געהאַט שטימרעכט.

14) דער „פרנס־חודש״ האָט זיך גערעכנט פאַר אַן אָפיציעלע פערזאָן בלויז „אין זיין חודש״. אין די איבעריקע מאָנאַטן איז ער געווען גלייך מיט אַלעמען.

15) דעם טיטל „מורנו״ האָט באַקומען יעדער יונגערמאַן אַ „שיינער־ייד״ אַ למדן, אָדער אַ פּשוטער באַלעבאָס (בעל בית), ווען ער האָט געהאַט געוויסע פאַרדינסטן פאַר דער געמיינדע.

16) דעם טיטל „חבר״ האָט באַקומען יעדער יונגערמאַן באַלד נאָך דער חתונה. מיט דעם טיטל איז באַצייכנט געוואָרן, אַז ער איז אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער געמיינדע. די טיטולן פלעגט מען געוויינלעך געבן בשעת אויפרופן צו דער תורה אין שול און אין שריפטלעכע ווענדונגען צו דער פערזאָן, וואָס האָט געהאַט דעם טיטל.

ווייניקער עולם — מער שמחה

נאָך מער ווי אַ ברית איז אַ חתונה געווען פון איין זייט אַ שמחה, פון דער אַנדע־רער — אַ צרה. לויטן מנהג פון די אַלטע צייטן האָט מען גערופן אַלע ווייטע און נאָענטע, קרובים ביזן צענטן גליד, פון ביידע צדדים, אַחוץ פריינד, באַקאַנטע, שכנים און גלאַט „כלי קודש". פאַר אַ מיטעלן באַלעבאָס (בעל־בית) איז פּראַווען אַ חתונה דעריבער געווען, ממש, אַ חורבן. קאָרעליטשער קהל האָט זיך דעריבער געזען געצוווּנגען אַרויסצו־געבן אַזאַ פאַראָרדענונג און פאַרשרייבן אין פנקס:

עס איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן פון די פאָרשטייער און פירער פון אונדזער קהילה, אינ'ם דערביי זיין פון איינצלנע זייטיקע אָנגענומענע לייט (יחידי סגולה) אַ באַשלוס, וואָס קער זיך אָן צו די באַדערפעניש פון אונדזערע געמיינדע, לויט די תקנות פון פנקס: אַז ווער עס וועט פּראַווען אַ חתונה, ווער דאָס זאָל ניט זיין, פון אונדזער קהילה טאָר ער ניט איינלאַדן אויף דער סעודה קיין אַנדערע, ווי נאָר די נאָענטסטע קרובים ביז אַ „שלישי בשלישי" (גלידס שוועסטער קינדער), פון ביידע צדדים. אויך דער „פרנס חדש" וואָס וועט זיין אין יענעם חודש, און די נאָענטסטע שכנים וואָס וווינען פון ביידע זייטן, נעבן הויז, און די כלי קודש, און די אונטער־פירערס, און דעם ווירט פון דעם הויז, ווו דער חתן שטייט איין. און ווער עס האָט אַ מחותן אין שטאָט, מעג ער אים אויך איינלאַדן אויף דער סעודה. אויך דער נאָענטסטער קרוב פון יעדן מחותן (ווייטער פון שלישי בשלישי) און דעם מחותן פון דעם ערשטן קרוב פון דעם בעל הסעודה (ווו מען מאַכט די סעודה). אויך די קרובים ביז „שלישי בשלישי" פון מחותן מצד החתן מעג ער רופן אויף אַ חתונה; אָבער אויף אַ „סעודת ברית" טאָר ער מער ניט רופן, ווי די וואָס זענען אויבן איינגע־רעכנט און די מוהלים און „כלי קודש", דווקא די וואָס דינען ביי קהל. אָט דער „תיקון" איז אַ חוב אויף יעדן איינעם פון אונדזער קהילה. ווער עס זאָל ניט זיין, אַ חוץ די ישובים אַרום. זיי פאַלן ניט אונטער דעם דאָזיקן תיקון, אויך די „כלי קודש" זיינען אויסגעשלאָסן. דאָס אַלעס איז באַשלאָסן געוואָרן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון קהל מיטן „חרם הגדול" און ווער עס וועט עובר זיין אויף דעם וועט געקנסט ווערן מיט גרויסע קנסים. וואָס פאַרא קהל פון אונדזער קהילה עס וועט וועלן מבטל זיין אָט די „תקנה" קענען דריי כשרים (כשרע יידן, ד. ה. וואָס האָבן שטימרעכט) זיי ווערן דאַרין מיט זייער פּראָטעסט.

פאַרשריבן יום ה' ח"י מרחשון, תקנ"ד (1794).

פיר אונטערשריפטן

ווי ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, איז לויט דעם דאָזיקן תיקון, וואָס האָט שטאַרק באַגרענעצט דעם מנהג פון „איינגעלאַדענעם" איז נאָך געבליבן אַ גאַנץ גרויסע משפחה צו רופן אויף אַ שמחה.

צפורה קאצענעלסאן־נאכומאוו

יצחק קאצענעלסאנס געבורט־שטעטל



צווישן די אומענדלעכע, געדיכטע וועלדער פון דער מינסקער גובערניע, ביים גרויסן טראַקט פון דער קייזערין קאַטערינע, דעם ברייטן שאָסיי, וואָס פירט אין די „גובערנסקע" שטאָט מינסק, 24 וויאָרסט פון מיר, 22 וויאָרסט פון נאָוואָגרודעק און עטלעכע און צוואַנציק וויאָרסט פון באַראַנאָוויטש האָט זיך ...אַמאָל געפונען קאַרעליטש... איינע פון די הונדערטער פולסירנדיקע מיטן ווירוואַר פון יידישן פולבלוטיקן לעבן, שיינע יידישע שטעטלעך, אַזוי היימישע, האַרציקע, אונדזעריקע...

איינער פון די באַקאַנטע גרויסע פריצים פון דער דאָזיקער געגנט, אַן אוהב ישראל, מיטן נאָמען קאַרעליטש האָט באַשלאָסן זיינע גיטער צו אַנטוויקלען. האָט ער אין דער גובערניע, אין מינסק אַליין, זיך אויסגעפונען אַ גאָר בכבודיקן יידן און אים דאָ באַזעצט אַלס אַרענדאַטאָר. דער דאָזיקער ערשטער תושב האָט אַראָפּגעבראַכט אַנדערע יידן, קודם כל זיינע קרובים, פון וועלכע איינער אַ קרעטשמער, און אַז עס איז דאָ אַ קרעטשמע, באַוויייזן זיך גלייך גויים; זיי האָבן ביים פּריץ אָפּגעדונגען וועלדער און פון זיי געמאַכט דערפער און פעלדער. יידן האָבן אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט האָלץ און שפּעטער מיט תבואה. אַזוי אַרום איז געוואָרן דאָס באַרימטע שטעטעלע קאַרעליטש, אַ ליטיש, גאָר, גאָר ליטיש שטעטעלע. דער אַלטער, גאָר אַלטער בית עולם, די אַלטע שול, מיט אירע קינסטלערישע, פיינע שניצערייען, האָבן עדות געזאָגט וועגן, אַ 600־יאָריקן שטאַרקן יידישן לעבן.

דאָס שטעטל קאַרעליטש איז געווען פאַרביק געבויט און האָט געהאַט אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע פון איר סאַמע צענטער אַרויס, דאָס איז פונעם מאַרק וואָס איז געשטאַנען אויפן העכסטן באַרג פון דער געגנט און פון דאָרט אַרויס האָבן זיך געצויגן באַרג־אַראָפּ אַלע געסלעך. „אַראָפּ־באַרג" פלעגט מען זאָגן ביים ענדע פון שטעטל, ווו ס'האָבן שוין

געוווינט פויערים און דערהויפּט באַזיצער פון סעדער און גערטנער. בשעת גרויסע רעגנס פלעגט דאָרט זיין אַ פּאַרפלייצעניש און דיביימער פלעגן כמעט שטיין אונטערן וואַסער, אָבער דאָס האָט נישט געשאַדט, אדרבא, יידן פלעגן דעמאָלט זיך דאָפּלט פרייען: ראשית, צוליב די ביימער, וועלכע זענען זיך מחיה פון די לעצטע היצן, והשנית, ווייל זיי, אויפן באַרג, זענען ב״ה פאַרהיט פונעם מבול. דער גורל פון די סעדער און גערטנער איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער פרנסה פונעם רוב יידן, ווייל זיי זענען דאָס געווען די אָרטיקע אַרענדאַטאָרס. קאָרעליטש האָט אויך געהאַט אַ סך יידישע בעלי־מלאכות און אַ היפּשע צאָל פון קלייטניקעס. מיטן גרויס־האַנדל, מיטן תבואה און האָלץ מסחר, האָבן זיך פאַרנומען די פני העיר, די חשובסטע אַלטע בעלי בתים, די אַריסטאָ־קראַטן פון קאָרעליטש. אָבער, ווי געזאָגט, ס׳רוב יידן, עמך יידן, האָבן געפירט דעם קליין האַנדל מיט די סעדער און גערטנער — פּראָדוקטן. מען האָט אויך געשמאַק גע־האַנדלט מיט מילך פּראָדוקטן. קאָרעליטשער קעז האָט געהאַט אַ שם איבער דער גאַנצער גובערניע.

אויך מכוח יידישקייט איז קאָרעליטש ניט אָפּגעשטאַנען פון אַלע אַנדערע מיוחסדיקע שטעטלעך. דער כסא הרבנות איז אַלעמאָל געווען פאַרנומען מיט די שענסטע פּערזענלעכקייטן. שולן, ישיבות, חדרים, ווו אַלע, בפירוש, אַלע יידישע קינדער, האָבן געשעפּט פון יידישער תורה און חכמה. קיין עם־הארצים, חלילה, זענען אין קאָרעליטש נישט געווען בנמצא. אַפילו די וואַסער־טרעגערס האָבן דאָרט געקענט אַ פּרק משניות.

ביי אַלע זייטן פונעם גרויסן טומלדיקן מאַרק, אויפן שפּיץ באַרג, האָבן זיך געצויגן לאַנגע שורות מיט קראָמען, קלייטן פון אַלע מינים, דערהויפּט שניט־סחורה. אָבער האָט דען עפּעס, חלילה, געפעלט פון אַנדערע זאַכן? אחינו בני ישראל האָבן אַלץ געהאַט אין זכרון; פון וואָס נאָר אַ מויל קען עסן און פון וואָס נאָר אַ קאָפּ, אַ יידישער קאָפּ, קען געדענקען — האָט איר געקענט געפינען אין די אַלע קראָמען און קלייטן...

ביים אָנהייב פון איינער פון די דאָזיקע שורות מיט קלייטן איז געשטאַנען דער איינציקער, טראַדיציאָנעלער שטאָט ברונעם, וועלכער איז געווען דער שטאָלץ פון קאָרעליטש. יעדן גאַסט וועלכער פלעגט אָנקומען פון דער גובערניע־שטאָט, דאָס הייסט פון סאַמע מינסק, פלעגט מען קודם כל ווייזן דעם דאָזיקן ברונעם, וועלכער איז געווען אַ זכר נאָכן ערשטן קאָרעליטשער תושב, דעם גרינדער פון קאָרעליטש, דעם ערשטן ייד פון שטעטל. דער ערשטער ברונעם פון קאָרעליטש געפינט זיך נעבן דער ערשטער קרעטשמע. במשך פון הונדערטער יאָרן איז תמיד דאָרט געווען דער זאַמלפּונקט פון מענטשן און פערד. די פערד פלעגן דאָרט באַקומען פרישׁ וואַסער און די מענטשן פלעגן זיך אָנטרינקען מיט פרישן שנאַפּס, אָפּטמאָל וואַסערדיקן, צוליב וואָס ס׳פלעגט אָפט קומען צו סכסוכים צווישן גויים מיטן קרעטשמער. דערפאַר איז דאָרט אויך געשטאַנען איינער פון די געציילטע פּאָליציייליט. דער „גאָראָדאָוואָי״ האָט געהיט די

שיכורים, זיי זאָלן זיך נישט צו ערנסט צעהרגענען. ער פלעגט זיין אַרבעט אָפּטאָן בשלימות. כאָטש ער איז דערביי אַליין אויך געווען בגילופין... די קרעטשמע, ווי די קרעטשמע, פון דאָרט אַרויס פלעגן נישט אַלעמאָל אָנקומען ניכטערע געדאַנקען, אָבער דער ברונעם, דער שטאָט ברונעם איז געווען באמת אַ מקור פון די נייעסטע ידיעות, בפרט אין די צייטן ווען די צייטונגען האָט מען נאָך נישט געלייענט. די לעבעדיקע צייטונגען זענען דעמאָלט געווען די בעלי־עגלות. יידישע בעלי־עגלות פלעגן אַרומרייזן איבער אַלע תפוצות הארץ און פלעגן דערפאַר ברענגען די סאַמע צאַפּלדיקסטע ידיעות פון דער גאָרער וועלט. בפרט ווען די פּאָגראָמען אויף יידן, וואָס פלעגן פּאַרקומען אין די ווייטע געגנטן פון טיף רוסלאַנד, אַזש פון דער גאָר ווייטער מאָסקווע, ווו ס׳איז דאָן געווען דער ערשטער גירוש... און די קאַרעליטשער דורשטיקע נאָך נייעס, פלעגן באַלד זיי אַרומרינגלען, די ערשט־אָנגעקומענע, בשעת זיי פלעגן אָנטרינקען זייערע פערד ביים ברונעם. די בעלי־עגלות פלעגן תיכף־ומיד מיט צופרידנקייט איבערגעבן אַלע בשורות, זעלטן אָבער זענען עס געווען בשורות טובות... זיי האָבן געוווסט, אַז יידן לעכצן צו וויסן וועגן די יידישע צרות, די עינויים, וואָס מ׳שטייט אויס אין דעם ביטערן גלות... און משיח וויל אַלץ נישט קומען... הפּנים דער כוס, וואָס עס קומט אונדז פאַר אונדזערע חטאים האָט זיך נאָך אַלץ נישט איבערגעפולט... אַלטע יידן פלעגן פרום זיך שאָקלען און זייערע ליפּן פלעגן תפילה זאָגן דערביי... ווייבער, דערהויבט אַלטע יידענעס, פלעגן זיך שטאַרק אויפן קול צעוויינען... אויך יונגע, באַחנטע מיידלעך פלעגן כאַפּן אַ כליפּע, אָבער גלייך אויף שנעל אויסוואַשן דאָס פּנים מיטן קרישטאָל ריינעם וואַסער פונעם ברונעם און האָבן ווידער געשיינט און זיס געשמייכלט.

אַראָפּ גאַס, דער פאַרבראָכענער, וועלכע האָט טאַקע געהייסן זאַלאָמאַנקע, אויפן וועג קיין נאָוואָראַדע (נאָוואָגרודעק), אויף אַ צווייטן בערגל, ביים זייט פונעם קאַרעלי־טשער פּריצס הויז, איז געשטאַנען דער איינציקער פּראַוואָסלאַווער, רוסישער קלויסטער. אויפן וועג אַהין פלעגן זיך ציען, אין די זונטיק און חגא־טעג, גאַנצע מחנות פון גויים, וועלכע פלעגן גייענדיק צו זייערע תפילות, זיך צוקויפן אַ מלבוש אָדער גאָר לאַנגע ליכט פאַר די צאַלרייכע הייליקע פונעם קלויסטער. דער גרויסער הויפּט־פּדיון פלעגט פאַר די שניט קראָמען צופאַלן, בעת וויכטיקע חגאות און גויישע חתונות. קרעמערס פלעגן זיך דערפון פרייען און זיך באַצייטנס צוגרייטן מיט אַ גרויסן אויסוואַל פון רויטע קליידער און פלאַם־רויטע קאָפּ־טיכלעך פאַר די יונגע שיקסעס, וועלכע האָבן אַזוי אַרום געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די אויסגעדינטע צאַרסקע סאָלדאַטן, וואָס דאַרפן, חוץ דעם לעבעדיקן בהמות־אינווענטאַר, אויך אַן אייגע־נע ווייב. דער גאַנצער מאַרק און דער וועג צום און פון קלויסטער פלעגן זיך אָנפולן מיט הילכיקע קוויטשערייען פון דער גויישער זאָרגלאָזער יוגנט. אַלץ אַרום פלעגט זיך אויך באַדעקן מיט רויטער פאַרב פון די רויטע קאָפּ־טיכלעך. ס׳פלעגט דערביי פינקלען

אויף דער ברענענדיקער שיין פון דער זון און פאַרבלענדן די אויגן פון די קרעמערס גופא, וועלכע פלעגן מיט אַן אינסטינקטיוון קאַלטן ציטער אין זייערע גלידער אָנווייזן אויף דער דאָזיקער רויטער פּאַנאָראַמע: זעט, זעט, אַלץ אַרום איז רויט... ווי בלוט... ווי...

פון איינער פון די זייטן פון מאַרק האָט זיך געעפנט דאָס שמאָלסטע שטאָט געסל, אָבער דאָס מיוחסדיקסטע דערביי — דעם רבס געסל — ביי וועלכנס ענדע ס׳איז געשטאַנען דעם רבס הויז. דאָס דאָזיקע הויז, דאָס גרעסטע אין קאָרעליטש, איז געווען דער שטאָלץ פון די קאָרעליטשער יידן, ווייל דאָרט האָט זיך געפונען מכמה דורות דער כסא הרבנות און דער בית עם. דעם רבס הויז איז געווען אָפן, כדי אויפצונעמען, ברייטהאַרציק אַלע חשובסטע אורחים, ווי אויך פרעמד־אָנגעקומענע סוחרים, וועלכע פלעגן זיך דאָ באַווייזן געשעפטלעך, אַנדערע, כדי גלאַט אַזוי צו באַזוכן דאָס אַלטע, באַרימטע יידישע שטעטל און אָנצוקוקן זיינע מערקווירדיקייטן.

אין די צייטן פון דער נאַפּאָלעאָנישער מלחמה, ווען דער פראַנצייזישער וועלטדעראָבערער האָט ביים טייך בערעזינא געקעמפט קעגן דעם רוסישן גענעראַל קוטוזאָוו, זענען זיך די יידן פון דער גרויסער שטאָט באָברויסק צעלאָפן איבער די אַרומיקע געגנטן. מיטן דאָזיקן שטראָם פון עמיגראַציע פון דער שטאָט באָברויסק האָט זיך אויך אָפּגעריסן אַ טייל פון דער פאַרצווייגטער משפחה קאַצענעלסאָן, וועלכע האָט פאַרנומען דורך אירע דירעקטע און אומדירעקטע מיטגלידער דעם כסא הרבנות פון אַ סך שטעט און שטעטלעך פון רייסן (ווייסרוסלאַנד) און ליטע.

אויך אין קאָרעליטש איז דער רב, ר׳ יצחק יחיאל ז״ל, געווען פון דער דאָזיקער משפחה. און ווען זיין קליגסטע און שענסטע טאָכטער, הענדע איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן דער חלום פון די בעסטע בחורים פון ווייט, ווייט אַרום, האָט דער רב נישט געקענט געפינען קיין פּאַסיקערן חתן, ווי איר אייגענעם קוזין. — „ווער איז דען פון אַ גרעסערן יחוס, ווי אונדזער משפחה?" און אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן דער שידוך צווישן הענדע דעם רבס און זיין פלימעניק, דעם עילוי בנימין יעקב קאַצענעלסאָן פון קאַפּוליע. (מיין מאַמע פלעגט תמיד מיט אַ געלעכטער זאָגן, אַז דאָס איז געווען איר ערשטע „קאַפּוליער אָנצוהערעניש").

דאָס איז געשען פונקט אין 1882, אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דער „נאַראָדנאַיאַ־וואָליאַ" (פאָלקס פרייהייט), נאָכן אַטענטאַט אויפן צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. דער געלונגענער אַטענטאַט האָט אויפגערודערט די מוחות פון דער גאַנצער רוסישער אינטעליגענץ און דער רושם איז דערגאַנגען אויך צו די פּיאָנערן פון אונדזער השכלה. אָבער די אַלמעכטיקע צאַרישע רעאַקציע פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן האָט דערשטיקט דעם אויפשטאַנד, פאַרשיקט זיינע בעסטע פירערס אין די קאַטאָרגעס פונעם ווייטן סיביר און צעיאָגט די מחנות פון די קלענערע רעוואָלוציאָנערן איבער די שטעט און שטעטלעך פון גאַנץ רוסלאַנד. די גוישע רעוואָלוציאָנערן

האָבן זיך אַפילו קאָנצענטרירט איבער די דערפער, דאָרט געוואָרן לערערס. די דאָזיקע באַוועגונג האָט געהייסן: „גיין אין פאָלק אַריין"...

יידישע נאַראָדאָוואָלצעס האָבן זיך אָבער באַזעצט כמעט בלויז אין די שטעט און שטעטלעך, ד. ה. צווישן עמך. דאָרט האָבן זיי אָנגעהויבן אויפצוקלערן, די יידישע יוגנט. מען האָט אומעטום געגרינדעט ביבליאָטעקן. דאָרט פלעגן זיך פאַרזאַמלען בחורים און מיידלעך. די ערנסטע יוגנט האָט אָנגעהויבן צו לייענען וועגן סאָציאָלאָגיע און פאָליטי־שער עקאָנאָמיע, דאָס רוב אָבער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער בעלעטריסטיק אין רוסיש, העברעיש און יידיש. מען האָט אָנגעהויבן צו שלינגען ראָמאַנען פון דער וועלט ליטעראַטור און מיידלעך פלעגן זיך פאַרכלינען מיט שמ"רס ווערק. די דאָזיקע רענעסאַנס האָט אויך נישט אויסגעמיטן דאָס שטעטעלע קאַרעליטש.



מימין (פון רעכטס): בנימין־יעקב קאַצענעלסאָן, אברהם, יצחק, הינדה וגרשון קאַצענעלסאָן.



דוד איינהארן

צוויי מאל וואס איך האב געזען קארעליטש

ווען אַ מענטש ווערט געבוירן, ווערט אים אָנגעהאַנגען אַן אומזעבאַרן צעטל וועלכן ער טראָגט אויף זיך דאָס גאַנצע לעבן — דאָס איז זיין נאָמען און דאָס אָרט ווו ער איז געבוירן געוואָרן.

איך בין געבוירן געוואָרן אין קאַרעליטש אין 1887. אַ יאָר שפּעטער זיינען מיינע עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין נאָוואָגרודעק. ווען איך בין אַלט געוואָרן זיבן יאָר, האָט מיין פאָטער געמאַכט מיט מיר אַ שפּאַציר אויפן נאָוואָגרודעקער שלאָסבאַרג. ביים ברעג האָריזאָנט האָט מען געקענט זען דעכער און ביימער. אָנווייזנדיק מיר עס מיטן פינגער האָט ער געזאָגט:

— זע דוד, דאָס איז קאַרעליטש, דאָרט ביסטו געבוירן געוואָרן.

עס איז געווען אַ וואַרימער, ליכטיקער סוף זומער טאָג. די תבואה אויף די פעלדער זיינען שוין צייטיק געוואָרן. דער קאָרן האָט זיך געכוואַליעט פון אַ לייכטןווינטל. דער ווייץ האָט זיך געבויגן אונטערן לאַסט פון זיינע צייטיקע זאַנגען; דער גערשטן מיט זיינע האָריקע זאַנגען האָבן געשיינט ווי בינטלעך שטראַלן און צווישן זיי די גריקע־פעלדער האָבן זיך געזען ווי פון דער נאָענט מיט זייערע ווייסע בלימעלעך, ווי באַגאָסן מיט מילך. צוזאַמען מיט גרינע אַרבעס, האָבן זיי אויסגעזען ווי געוועבטע טעפּיכער.

דאָס דאָזיקע פאַרביקע בילד האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון צוזאַמען מיט קאַרעליטש — אַ יוגנט זכרון, וואָס איז קיינמאָל נישט אָפּגעווישט געוואָרן.

✡

דאָס צווייטע מאָל האָב איך געזען קאַרעליטש גאָר אין אַ אַנדער ליכט:

עס איז שוין געווען אין טיפן האַרבסט. מיין פאָטער, ד״ר בנימין איינהאָרן האָט באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין רוביעזשעוויטש. דאָס הויז וועלכע דאָס שטעטל האָט געבויט פאַרן דאָקטער איז שוין געווען כמעט פאַרענדיקט און מיין פאָטער האָט געשריבן אַז מיין מוטער קאָן קומען מיט די קינדער.

די פאַרבינדונג צווישן די שטעטלעך איז פאַרשטייט זיך געווען דורך בעלי־עגלות, וועלכע האָבן מיט זייערע גרויסע בוידן געפירט פאַסאַזשירן און סחורות. מיין מוטער האָט גלייך באַשטעלט צוויי בוידן און מיר האָבן זיך באַלד געלאָזט אין וועג אַריין.

דער וועג צו רוביעזשעוויטש האָט געפירט דורך קאַרעליטש.

איך געדענק אַז עס איז געווען אַ קילע אויסגעלייטערטע האַרבסט־נאַכט. אַ גרויסע לבנה האָט באַגאָסן מיט זילבער דאָס גאַנצע שטעטל און אַ שטילקייט האָט אַלץ אַרומגענומען. די לאָמפּן אין די פענצטער זיינען געווען אויסגעלאָשן. נאָר איין בליך־לאָמפּ, פון דער קרעטשמע ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט האָט באַלויכטן אַ טייל פון דער גאַס.

פלוצלינג האָט מיין מוטער אָפּגעשאַרט די פאָרהאַנג פון דער בויד און האָט צו מיר געזאָגט:

— קום דודקע אַרויס אַביסל שפּאַצירן, און אַ קוק טאָן אויפן שטעטל, דאָ ביסטו געבוירן געוואָרן.

דער שפּאַציר האָט לאַנג נישט געדויערט. לעבן אונדזער בויד איז שוין געשטאַנען דער אַלטער בעל־עגלה — אַן אַלטער באַקאַנטער פון אונדזער פאַמיליע, ער האָט מיך אָנגעקוקט און געזאָגט צו מיין מוטער:

— אָט דאָס איז דאָס בלאָסע יינגעלע, וועמען דער קאַרעליטשער גוטער ייד האָט געבענטשט?

— יאָ, האָט מיין מוטער געענטפערט מיט אַ זיפץ.

דערווייל זיינען די בעלי־עגלות און די פורמאַנעס אַרויס פון קרעטשמע, אַרומ־געקוקט די בוידן, צי אַלץ איז אין אָרדענונג, צוגעבונדן פעסטער די שטריק אַרום די קאַסטנס און די זעק, אַרויף אויף די קעלניעס, דערלאַנגט אַ שמיץ מיט די בייטשן און דער גאַנצער קאַראַוואַן האָט זיך גענומען רירן פון אָרט. מיין מוטער, וואָס איז געזעסן ביים אָפּגעדעקטן פאָרהאַנג פון בויד האָט פלוצלינג גענומען רופן:

— זעט, דער גאַנצער הימל ברענט!

דער קאַראַוואַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַלע זיינען אַראָפּ פון די פורן און זיך גענומען מיישב זיין, וועלכעס שטעטל ברענט. צום סוף זיינען אַלע געווען ביי דער דעה אַז דאָס ברענט גאָר דאָס שטעטל מיר, און אונדזער וועג גייט פאַרביי מיר.

ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן רויטן הימל, האָט ביי מיר אָנגעהויבן ציטערן אלע מיינע גלידער. מיין מוטער האָט קוים מיך באַרויִקט. די שרעק פאַר אַ רויטן הימל איז ביי מיר געבליבן אַ לאַנגע צייט.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב געזען קאַרעליטש.

היינט איז עס אַ טויטע שטעטל פאַר אַלע יידן.



קורליץ לאחר שריפה — קאַרעליטש נאָך אַ שריפה.

תורה ורבנות בקורליץ
תורה און רבנים אין קארעליטש



בית־המדרש החדש — דער נייער בית־מדרש.

יצחק קאצענעלסאָן

דאָס ליד פון בית־המדרש אין קאָרעליטש

אָט איז ער דייך בית־מדרש! אין האַרצן אינ׳ם טיפֿן,
רײַסט עפּעס וואָס זיך אָפּ — דו ביסט מיר קענטיק און ניט קענטיק...
אָט איז דאָס אָרט, דאָס הייליקע, ווו איך פֿלעג שטיפֿן,
באַלעבעסלעך שמועסן און פֿרומע — דאַוונען שטענדיק.

אָט איז דאָס אָרט דאָס הייליקע, ווו יידן פֿלעגן קומען
מיט הערצער טיף פֿאַרווייטיקט און גייען אַהיים געטרייסטע,
אָט איז דאָס אָרט — ווו מען פֿלעגט פֿאַרשטיין אַ שטומען,
ווו געשטאַרקט געוואָרן זענען שוואַכע און נישט דרייסטע...

אָ, יידישער בית־מדרש, דו היים פֿון אַלע יידן,
און אויסהערער פֿון קלאָגן, דו פֿאַרנעמער פֿון יללות,
ביי דיר דערציילט אַ ייד די שמחה ווען ער איז צופֿרידן,
צווישן דיינע ווענט — ווי ליב איז אונדז דער גלות...

זומער צוויטשערן די פֿייגעלעך פֿאַר דיינע תורה־קוואַלן,
דורך דיינע אָפֿענע פֿענסטער רייסן זיך אַריין די קלאַנגען,
ווי פֿייגעלעך פֿאַרוואָגלטע — אַ זון שטראַלט מיט אַ פֿרייד באַפֿאַלענע,
באַפֿאַלט מען דיך, דערוואַרימער אין אַ ווינטער־נאַכט אַ לאַנגע.

אָ, יידישער בית־המדרש, דו הויז פֿון אַלע הייזער!
אָ, היטער איינציקער, קען דען פֿאַרבייטן דיך אַן אַנדערער?
מיר זענען די פֿאַרוואָגלטע, — די אונדזער וועגן־ווייזער,
אַ טרייסטער, אַ באַרויקער פֿון אומרויקע וואַנדערער...

דיין טיר איז תמיד אָפֿן — ווען איך וויל דאַן קום איך!
דיין גוטער שמש פֿרעגט נישט: ווער ביסטו און פֿון וואַנען?
וויל איך — דאַוון איך! וויל איך נישט — בין שטום איך,
אַהיים אַזאַ האַרציקע איז נישט פֿאַראַנען.

דו האָסט אַן ארון־קודש מיט תורות פול און אַ פּרוכת,
אויסגעהאַפטן פון די פרומסטע כלות.
אַ באַלעמער פאַר אַ דרשן וואָס שיסט מיט פסוקימלעך און שאַרפט די מוחות
אַן עמוד האָסטו מיט צוויי לייבן, גוטינקע ווי לעמער...

און שענק מיט ספרים האָסטו, מיט גראָבע, גרויסע רוקנס,
אַלטע ש״סן, יד־חזקה׳ס, שענק מיט ספרים!
און בלאָסע בחורים איבער זיי, פאַרשלינגענע׳ס און פאַרצוקעניש —
אַ ניין! — אַ הויז מיט אַט די אוצרות, איז נישט אָרעם!

און דיינע תורה־שטענדערס ווו מען האַלט מלחמה,
אַ מלחמה וואָס איז ליבער ווי דער ליבסטער שלום,
און דיינע בענק, אַן אָפּרו פאַרן גוף מיט דער נשמה,
בענק פאַר דעם זיסטן שלאָף און פאַרן שענסטן חלום...

דו ביסט נישט הויך געבויט און ביסט פון אַלץ דאָ העכער!
מען האָט דיך נישט געשענערט און ביסט דער שענסטער!
דיין טרייער דאַך האָט זונשיין מער פון אַלע דעכער,
די וואַרימסטע שטראַלן פאַלן דיר אין דיינע פענסטער.

געדרוקט אין „היינט", וואַרשע 1935, נומ׳ 265.



יהושע אובסייביץ

בית הרב שחרב

העיירה העניה והטובה, רבת הכיעור ורבת היופי, גדושת צללים ומלאת האורה, עמוסת התלאות ושבעת היסורים, ידעה לשמור שמירה חמורה וקפדנית על שלמות הווייתה ועל אורח חייה, על תארה וצביונה, על אורה ואווירה. היא ידעה לעמוד הכן על כלונסאות העבר, לדבוק בערכיה ולארוג בחשאי את חוט הירושה, שנמסר לה מימים קדמונים. היא ידעה לגבש את האווירה שבתוכה גיבוש מסורתי מוצק ואיתן עד שחיצי הטמיעה וההתבוללות נזרקו ממנה והלאה, כהזרק שבבי עץ מעל גדר של ברזל. היא היתה כעין מדינה קטנה מסוימת במצריה ובגבולותיה בתוך המדינה הגדולה שמסביבה. ב„מדינה" זו יכלה לקיים את עצמותה ומהותה בטהרתן, לשמור על ייחוד חייה וייחוד תכונתה ולעמוד נגד גלי הזמן, שהשתרעו עליה מעברים כדי למחוק את צורתה המקורית.

רצון קיומה של העיירה ועצם קיומה הובאו לידי ביטוי רב כת ומלוא תוכן במוסדות השונים שיצרה בשדרת הדורות ושישקפו כבמראה את חייה; ימי עלייתה היו גם להם ימי שכלול ושיפור, ובימי ירידתה — היא נתכווצו גם הם. בין המוסדות היותר חשובים היו: בתי־המדרש, בתי תלמוד התורה, הישיבות, חברות שונות, שהיו קשורות קשר שורש עם המוסדות האמורים ושתרמו את תרומתן לחיי העיירה, גיוונו אותם והשלימו אותם, כגון: חברה ש"ס, ביקור חולים, גמילות חסדים ועוד. במוסדות ובחברות אלה נשתמרו המיצים החיוניים, שהזינו את העיירה, נתנו תוכן לקיומה ועצבו את דמותה.

בין מוסדותיה השונים של העיירה יש למנות את בית הרבי שלה. בית זה היה מעין מוסד מיוחד בפני עצמו, שממנו נמתחו חוטים עדינים לנפשו של כל יהודי. כל העינים היו פונות אליו במבטי חסד וחנינה וכל הלבבות היו נפתחים לעומתו ברגשות רחמים ואהבה. בית זה היה קנין הקהל והיה ניתן להרב כדירת קבע לכל ימי רבנותו. על־פי רוב ימי רבנותו אלה היו גם כל ימי חייו, אלא אם־כן מרצונו הטוב הלך הרב לשכון כבוד בעיר אחרת. פיטורי הרב בפקודת הקהילה לא היו מצויים. וכך יצא, כי כתלי הבנין הזה היו סופגים לתוכם חיים תמימים של שלשלת ארוכה של גדולי ישראל בזה אחר זה. לו ניתן פה לכתלים אלה היו יכולים לספר הרבה על חיי עוני וסבל, חיים מלאי

תורה ויראת שמים, חיים מטוהרים מאבק המציאות ותותמתה, חיים למופת. וודאי שעיקר קסמו של הבית היה ראשו ותפארתו של הבית. הרב, הוא הנקרא „מרא דאתרא" והשם הזה הלם אותו. הוא היה המושל האמיתי של העיירה ואדירה. הוא היה תותך את חייה הדתיים, התרבותיים, החברתיים, והציבוריים של העיירה ומכריע הכרעה אחרונה ונצחת בכל עניני משפט, ריבות וסכסוכים שבין אדם לחברו. לא זו בלבד אלא שגם אישיותו של הרב היתה עושה רושם. היא נתחנכה על מיטב האידיאלים שבמסורת, נתאצלה ונתעדנה על־ידיהם והיתה רוויה זיו התורה וחן העבר.

אולם חוץ מן הקסם הראשי שהיה לבית הרב, היה לו גם קסם־לוואי, המתבאר במראה החיצוני של העיירה ובתנאי חייה.

מראה העיירה היה במקרים רבים, אם לא תמיד, עלוב. מראות הטבע הנאים שמ־סביבה: הרים, גבעות, חורשות וכרי דשא ושמי התכלת הבהירים שעל ראשה הטעמו הטעמה יתירה — כאילו היה איזה צורך בזה — את כיעורה, היא נראתה כולה על בתי האזוב שלה על כתליהם המעוקמים, על גגותיהם המדולדלים ועל חלונותיהם המעושנים כ„רבב" על עולמו היפה של הקב"ה.

גם בחיי החולין שלה, בעסקי הפרנסה, שבלעו את רובו של היום ולפעמים את כולו, לא רבה הנחת ביותר, הללו היו בליל טענות ומענות, משא־ומתן, דין־ודברים וגם סכסוכים וריבות בין אנשים בעלי איזו רמה תרבותית ובין המוניים, אכרים, אספסוף, ערב־רב, אנשים מחוסרי כל תרבות ולפעמים גם נטולי צלם אנושי פשוט.

המראה החיצוני לא יכול להרחיב את הדעת ותנאי הפרנסה לא יכלו לרומם את הנפש. הסביבה שבאו אתה במגע יום־יומי היתה מדכאה ומעיקה ורוחה הכללי היה מחניק. בתנאים אלה היה הלב תובע אוויר לנשימה והקלת לנפש, משהו נקי וקרוב, מעודד ומרענן. בית הרב קסם. הוא עמד על גבולה של העיירה, על רצועת אדמה, הקרובה לברכת הטבע ולמרחבי שדות. גם הבית בעצמו היה נקי וטהור והצטיין ברוח הנעימות שריחפה בו, ובאווירה מרגיעה, שבה שקט הלב ונחה הנפש. בו אפשר היה לנער את אפרורית המציאות, את סיגיה ופסלתה, להזדקף הזדקפות אנושית, להפריח את האבק המזוהם, לשכוח את אבק היום ותלאות, להדיח את טומאתו ולנשום אוויר טהור וזך.

כזה היה בית הרב שידעתי לפנים. אנשים שונים היו סרים אליו ערב ערב, לאו־דווקא לשם דברי תורה, כי אם גם לשם שפשוף הנפש וטיהור הרוח.

הלב יהמה לגורלו „של בית הרב", המנחם והמטהר, עתה בחורבן שבא על העיירה היהודית ויושביה.

הדאר, ג' טבת תש"ג, גליון ר' גליון פוליו

דוד כהן — קבוץ אלונים

השו"ב מקורליץ

/ מציאות ואגדה /

/ לזכר קהילת קרליץ שנספתה בשנות
השואה וקדושיה נקברו בקבר אחים
בעיר נאורהדק /

זה היה בערך לפני שנים שלושה דורות. יהודי קורליץ אשר בחבל ארץ רוסיה הלבנה חיים להם בבתי העץ הקטנים ופרנסתם על המלאכה ועל המסחר, אם בחנויות ואם במסחר התבואה. הנהר רוטקה זורם לו בנחת ומימיו מניעים את גלגלי טחנת המים המשמשת אבן־שואבת לכפריים אשר בסביבה המביאים את שקי הדגנים, בחלקם לטחינה וחלק למכירה לאלה היהודים סוחרי התבואה.

לקורליץ היסטוריה משלה, על כסא הרבנות שלה ישבו רבנים ששמותיהם ותורתם הולכים לפניהם ומקורליץ הם נלקחים אחרי כבוד לשמש בכתר הרבנות אם בנאורהדק הקרובה לקורליץ ואם לקהילות רחוקות. אולם האיש ששמו יצא לתהילה ביחוד בקרב חוגי חובבי ציון ולאחר הופעתו של ד"ר בנימין הרצל ידעו על האיש מנהיגי הציונות והיו מרבים לספר עליו.

מי היה האיש הזה, מה שמו, עבודתו ופעלו? על כל אלה יש לספר ולספר. ובכן שם האיש הוא ר' משה אברהם ולפין השו"ב של קרליץ. יהודי ירא שמים ותלמיד חכם, הצטיין גם בזה שאם כי ישב בקרליץ הרי לבו ונפשו היו בארץ־ישראל וביחוד בירושלים, על עיר מלוכה זו היה מתרפק ביום ובלילה, מכיר ויודע את רחובותיה, סמטאותיה וקשור הוא קשר עמוק עם הכותל המערבי. בלילות החורף כשהעיירה נתונה לשינה והיא מכוסה שלג וכשמגיעה האשמורת השניה של הלילה, מתעורר משה אברהם משנתו, נוטל ידיו מתעטף בבגד החרף שלו וצועד לו יחידי לבית הכנסת לערוך תיקון חצות. קולו הערב, בכיו ואנחותיו מעוררים את השכנים הקרובים לבית הכנסת וכמה מהם מצטרפים לשוחט ועורכים יחד את תיקון החצות.

בליל חורף אחד שהקור היה חזק פגע הקור במשה אברהם ובשובו הביתה חש דקירות חזקות, חומו עלה והשתעל יום יומיים ו„פלדשר" שהיה מקובל כמומחה למחלות ריאות, לאחר שבדק את השוחט צווה עליו בין השאר לשתות יום יום כמה כוסות חלב־עזים. בקורליץ אמנם אין מחסור בעזים אבל השו"ב שלנו עשה חשבון ומצא כי כדאי לו ולביתו שיקנה לו עז.

ואכן בעזרת „מומחים" בעניני בקר, קנה לו השו"ב עז לבנה, חלבנית שספקה מחלבה לא רק לשו"ב אלא גם לבני ביתו. ותהי העז לשו"ב כמו בת וידאג להאכילה בירק, בשיירי המטבח, להובילה בימי האביב למרעה. מי בקורליץ לא הכיר וידע את העז של משה אברהם?

בימים ההם והשמועה על הקונגרס הציוני הראשון הגיעה גם לקורליץ ומי אם לא השו"ב הפיץ את הידיעה ובכל ימי הקונגרס היה השו"ב לובש את בגדי השבת שלו ומברך את אנשי קורליץ בברכת מזל טוב. עברו ימי הקונגרס והשו"ב שלנו בישר ברבים כי הנה ביזמתו של ד"ר הרצל נוסד בלונדון בנק הנושא עליו השם פלסטינה־בנק ויש לו כבר „דירקטור" איש מומחה לעניני כספים וכי הבנק הוציא אקציותיו וכל יהודי חייב לרכוש לו אקציה שברבות הימים תכניס לו אפילו רווחים בצורת ריבית.

ר' משה אברהם ידע כי הפסוק „קשוט עצמך" מכוון אליו, אנשי קורליץ יקנו אַקציס של הבנק הממלכתי שלנו, אם הוא, משה אברהם יקנה אקציה ויראה אותה לעיני כל בבית הכנסת. אבל, אקציה עולה כסף ומאין יקח משה אברהם כסף? הרי לקנית העז השיג הלואה ומזה זמן שסלק את ההלואה והעז כולה שלו וברשותו. רבות חשב השו"ב בלכתו אחרי העז הקופצת לה במלא החן אל המרעה מאין לקחת כסף לרכישת אקציה? למכור את העז! ותדע קורליץ כולה כי אין דבר גדול יותר מאשר רכישת אקציה.

קשה היתה לשו"ב הפרידה מהעז הלבנה שלו שתודות לחלב המתוק שלה שב לאיתנו. והיא העז אהובה עליו, אבל חובתו לארץ־ישראל מצווה עליו לעשות את המעשה ולמכור את העז. אמר ועשה ולעיני כל יהודי קורליץ הוציא את העז הלבנה לשוק וימ־כרנה ועוד באותו יום יצא לנאורהדק וקנה מהמורשה את האקציה, צרר אותה בכיסו לאחר שקרא את המלים העבריות ולמחרת היום והמתפללים בבית הכנסת ראו את האק־ציה עם האותיות העבריות ורבים הזילו דמעות שמחה והזמינו אצל השו"ב אקציות.

והשמועה על מכירת העז ורכישת האקציות הגיעה עד וילנה ויהיו הציונים מדברים ומספרים ומעלים את השו"ב ואת שמה של קורליץ לתהילה. ויהי כאשר החלו למכור שקלים לקראת הקונגרס הציוני השני והיה זה משה אברהם השו"ב שהפיץ את השקל בין יהודי קורליץ. ויהי כאשר נודע לרשות ויוציאו פקודת מאסר על השו"ב. ובאותו יום שהשוטרים באו לקחת את משה אברהם למאסר קם וברך בשם ובמלכות ברכת שהחיינו וקימנו להאסר על מכירת שקל ציוני.

ואמרו וספרו כי הדבר הגיע לאזניו של ד"ר הרצל ויאמר אז למקורביו: עם יהודי ציוני כזה כמו השו"ב מקורליץ קל יותר להתגבר על המכשולים העומדים ושיעמדו בפני העם היהודי בדרכו לציון ולירושלים.

משה צינוביץ — תל־אביב

הרב ר׳ משה בן ר׳ דוד

וכך היה מנהגה של דבורה הזקנה: בכל יום ויום היתה מחזרת על פתחי הנדיבים שבעיר ובסביבה לגבות את תרומות השבוע, שהתנדבו לשלם בעד לומדי הקיבוץ מחוסרי „הימים" וכאשר גבתה די כסף היתה יוצאת השוקה לקנות את צרכי הסעודה. והסעודה שהיתה עורכת לבחורים אלה היתה „כסעודת שלמה בשעתו" — דשנה ורבת תבשילים והיא עומדת עליהם לזרום לאכילה ומושיטה לכל אחד את המאכל האהוב עליו ביותר וכשם שהיא ידעה את המטעמים האהובים על „ילדיה" כן ידעו גם הבחורים את האהוב לדבורה ביותר, — פלפולי דאורייתא, ובין תבשיל לתבשיל היו מתפלפלים בדברי תורה ברעש ובהמולה, ואז עיני דבורה הזקנה מאירות כשחר וידיה זריזות להוסיף מנות על מנות בקערות המתפללים, וכל נתת טוב ודשן נפל בחלקם... ובהגיע תור ברכת המזון, נשארה דבורה הזקנה דוממת על מקומה כולה קשב, וכאשר הרימו הבחורים את קולם בנעימת קדושה: „הרחמן הוא יברך את בעלת הבית הזה" נדלקו אישוני עיניה ברשפי אש קודש והאש מתלקחת בתוך דמעות זכות, דמעות תפילה חרישית ושמחה נפשית.

מלבד סעודה זו שהיתה ערוכה למחוסרי „ימים" וזמנה קבוע לחצות היום, היתה דבורה אופה בכל יום ויום חמיטה של בולבוסין, מטוגנת בשמן, בעד כל בני הקיבוץ, וזמנה קבוע לשעה הראשונה ביום. אכילת חמיטה זו חובה היתה על כל הבחורים, אף על בני העשירים לבושי פאר, שהיו מתפרנסים בדירותיהם על חשבון עצמם, ואף על החתנים המתגאים בשרשרות הזהב שהיו מתבלטות על חזיותיהם. מי שהעיז להזיר עצמו מחמיטת דבורה, סימן היה שמינות נזרקה בו... ועל כן נמלא הבית בשעה הקבועה המון צעירים עליזים, שלא הספיקו להם הספסלים לשבת ורבים מהם עמדו נסמכים איש אל כתף רעהו, ופה בחלוקת החמיטה הופיעה דבורה הזקנה בכל הודה ותפארתה, ממש „אשת לפידות"... וכך היתה דבורה עושה: עומדת באמצע החבורה חותכת בסכין חד את

החמיטה ומחלקת במזלג את המנות לבחורים, לכל אחד מנה לפי ערכו. את המנות היותר שמנות הושיטה ל„עילויים" ול„מתמידים". ביחוד „מתמידים", אלה היו חביבים עליה ביותר. הם — היתה דבורה אומרת — עמלים בתורה, ואחרי שהתורה מתשת את כוחם מחוייבת היא דבורה, להבריאם ולחזק את חילם לאורייתא. כאשר כלתה חמיטה, הוציאה האמא העברית חמיטה שניה וגם שלישית, עד שהיו מספיקות לכולם. ורק ל„עצלים" בלימודם היתה נותנת מן החלקים היבשים שבחמיטה והיתה רוטנת ברוגזה: אינכם שווים בחלקים יותר שמנים, עצלנים ונרפים... ודבורה ידעה תמיד מי הוא המתמיד ומי העצלן. ולא מרגלי חרש בדמות „משגיחים" או „מלחכי פנכא" גילו לה סודות מן „הקיבוץ", אלא פשוט, ראתה הכל בעיניה. וכך היתה דבורה נוהגת:

בכל יום ויום, אחרי שגמרה את כל מעשיה בבית ובשוק ואחר תתה לאמתה במידה ובמשקל את המכולת לצרכי הסעודה והחמיטה ליום המחר, היתה עולה לעזרת הנשים של בית המדרש, לראות דרך החלונות הקטנים שמתחת לתקרה, מה עושים „ילדיה" שם מלמטה, בעזרת הגברים. זמן רב היתה מסתכלת בפני „מתמידיה" ו„עלוייה", מאזינה ומקשיבה ברתת ובחיל את נגוניהם העצובים. המשתפכים מסביב ובוקעים ועולים דרך החלונות הקטנים אל עזרת הנשים... או משתתפת מרחוק „במלחמתה של תורה" שנלחמים ביניהם הסיני ו„עוקר ההרים", ומסביב להם חבורות חבורות של בחורים, שנתחלקו לשני מחנות נלחמים זה בזה בשצף קצף, אז פניה האירו משמחה וגיל עיניה נטויות אל ארון הקודש ושפתותיה רוחשות תפילה לאב שבשמים, שירחם על „ילדיה" לומדי תורתו, יצילם מכל מרעין בישין... אך הנה נחו עיניה המאירות על חבורת בחורים, היושבים אחורי התנור ומשיחים ביניהם שיחות בטלות, מיד נעוו פניה מכאב עצור ועצב עמוק נשקף מעיניה... ויש שדבורה הזקנה אינה יכולה להתאפק והיא מוציאה את ראשה, החבוש שביס שחור, דרך החלון הקטן וצועקת מרה: אוי! גזלנים! מדוע אתם מבלים עתכם לבטלה, לכו למדו או צאו למלאכה, ובהשמע קול דבורה בבית המדרש, מהומה גדולה קמה. כל הלומדים ואף ה„מתמידים" מתרוממים כמו איש אחד ממקומותיהם ועורכים אובאציה סוערת כלפי חלונה הגבוה. מוחאים כך וקוראים: תחי דבורה אמנו! והבטלנים ממהרים נדהמים ונכלמים אל מקומותיהם ויושבים ללמוד... דבורה בראותה את ביטול התורה שגרמה ל„מתמידיה" מתחמקת חיש מן החלון...

ככה היתה דבורה נוהגת יום יום, שלושים שנה רצופות.

כאשר נפטרה הזקנה, הפרידה את שולחנה שהזינה עליו את לומדי התורה, ומן הקרשים עשו לה ארון בקברה. כל בני העיירה חלקו לה את הכבוד האחרון ושלושה רבנים הספידוה כהלכה. בוודאי נתקיימה גם בה הגזירה, שהמת ישתכח מן הלב, אולם אלפי הצעירים, שנהנו משולחנה וממאור פניה, לא שכחו את דבורה הקטנה אף בזקנותם וכאחד מהם הנני מעמיד לה בזה מצבת זכרון.

„המזרחי", תרפ"א י"ח שבט (שנה שלישית, מס' 4).

שרה ביגין (גאל)

די געשיכטע פון די קאַרעליטשער שוחטים

קאַרעליטש געהערט צו די שטעטלעך אין ווייסרוסלאַנד וווּ יידן האָבן זיך באַזעצט אַרום דעם 15־טן יאָרהונדערט — געטריבן פון רדיפות האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען יידישע ישובים אין נאָוואָגרודקער געגנט. ווו נאָר ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ יידישער ישוב האָט מען קודם־כל געדאגהט וועגן דעם רעליגיעזן לעבן. די פירער פון יעדער קהילה האָבן געדאגהט אַז ס'זאָל זיין אַ רב און אַ שוחט אין שטעטל, אַ מוהל, אַ חזן א.אַ.וו. אויף וויפל מענטשן געדענקען דעם רינג פון די שוחטים אין קאַרעליטש, האָט מען געהערט פון דעם זייער פּאָפּולערן שוחט ר' משה־יצחק וואָלפין — ר' משה איז געווען אַלץ. אַ שוחט, אַ חזן, און אַ מוהל, און מ'האָט אים אַראָפּגעבראַכט קיין קאַרעליטש, ווייל ער האָט געהאַט די אַלע מידות און האָט איינגעשפּאָרט דער קאַרעליטשער קהילה אַ סך הוצאות, דאָס שטעטל איז געווען קליין און האָט נישט געקענט אויסהאַלטן באַזונדער אַ שוחט, און אַ חזן. פון וואַנען ר' משה־יצחק וואָלפין איז געקומען, איז נישט באַוווּסט. וויפל קינדער ער האָט געהאַט ווייסט מען אויך נישט. ס'איז נאָר באַוווּסט אַז איין זון זיינער איז געווען אַ רב אין באקשט און ער האָט געהייסן הרב צבי. זיין צווייטער זון כלוינע האָט איבערגענומען די חזקה פון שחיטה אין קאַרעליטש ווען ר' משה־יצחק איז שוין געווען אין טיפן עלטער.

אין פאַרלויף פון דער צייט איז קאַרעליטש געוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט. די יידן האָבן דאָ מקיים געווען די מצווה „פרו ורבו", טראָץ דעם שווערן עקאָנאָמישן מצב. די משפחות זיינען געווען מטופל מיט אַ סך קינדער.

כלוינע דער שוחט איז געווען אַ קלוגער ייד אַ תלמיד־חכם. ער האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרן אין קאַרעליטש, ס'איז נישט באַוווּסט וויפל קינדער ר' כלוינע דער שוחט האָט געהאַט, ס'איז אָבער יאָ באַוווּסט אַז אויף דער עלטער האָט ער אָפּגעגעבן אַ העלפט פון דער חזקה אויף שחיטה זיין זון ר' בערטשע און די צווייטע העלפט האָט ער געגעבן אַלס נדן זיין טאָכטער דוסקע, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיטן זון פון דעם קלעצקער דיין ר' יצחק דוד קאַצנעלבויגן.

ר' יצחק דוד האָט געהאַט 8 קינדער: 4 זין און 4 טעכטער. זיין זון אַברהם קאַצנעלבויגן איז געווען אַ שם דבר. ער איז געווען אַ ראַבינער אין דער שטאָט

ראָסטאָוו אין רוסלאַנד, און איז אויך געווען אַ גרויסער עושר. אַ צווייטער זון ר׳ קלמן בייגין איז געווען דער איידעם פון ר׳ כלוינע דעם שוחט (ער האָט געביטן זיין פאַמיליע־נאָמען צוליב צוואַנגס־מיליטער).

ר׳ יצחק דוד האָט געגעבן אַ פיינע דערציונג זיינע קינדער. מיין באָבע פריידע־הינדע, וואָס איז געווען אַ שוועסטער פון ר׳ קלמן דעם שוחט האָט גוט געקענט לערנען אַפילו אַ בלאַט גמרא. ר׳ קלמן איז געווען אַ ייד — אַ למדן, מיט אַ שאַרפן שכל. ער איז געווען באַוווסט אין דער גאַנצער געגנט אַלס תלמיד־חכם — ר׳ קלמן האָט געהאַט צוויי זין: ר׳ יצחק־דוד און ר׳ נחום־אייזיק און 5 טעכטער: שרה־דבורה; חנה; חנה־מערע, מלכה און עטע־צירע.

דער עלטערער זון ר׳ יצחק־דוד איז יונג געוואָרן זעלבסטשטענדיק, אַוועק פון שטעטל קיין מינסק, דאָרט האָט ער געהאַט פאַקטן. פאַר זיין טויט האָט ר׳ קלמן גערופן זיין שווער כלוינע און דעם שוואָגער בערטשע און האָט גענומען פון זיי אַ תקיעת־כף אין אָנוועזנהייט פון דעם רב ר׳ אלי־ברוך, אַז זיין העלפט חזקה גיט ער איבער דעם זון נחום־אייזיק און די צווייטע העלפט גיט ער אַלס נדן זיין טאָכטער שרה־דבורה, דערמיט האָט ר׳ קלמן געוואָלט אויסמיידן מחלוקת נאָך זיין טויט.

נאָך זיין טויט איז געבליבן ר׳ בערטשע אַליין שוחט אין קאָרעליטש. נחום־אייזיק האָט ניט מיט גרויס חשק אויסגעפירט די צוואה פון זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער. דער האַלב־מאָדערנער בחור נחום־אייזיק איז באַווירקט געוואָרן פון דער השכלה־באַוועגונג, איינגעזאַפט אין זיך ציוניסטישע ליטעראַטור און האָט זיך געריסן אין די מרחקים. אָבער ער איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זיך אַ באָרד און פיאות און לערנען שחיטה. נחום־אייזיק האָט געירשנט אַלע גוטע מידות פון זיין פאָטער. ער איז געווען שאַרפזיניק, געבענטשט מיט אַ טיפן הומאָר און אין שטעטל האָט מען אים געקענט אַלס אַ חכם.

נאָכדעם ווי ער האָט חתונה געמאַכט זיין שוועסטער שרה־דבורה פאַר דעם זון פון באַקשטער רב, ר׳ אלתר מורדוכוביץ, האָט נחום־אייזיק איבערגעגעבן זיין שוועסטער די גאַנצע חזקה און איז אַליין אַריבערגעפאָרן אין מינסק צו זיין ברודער און צוזאַמען האָבן זיי געפירט די געשעפטן.

עס האָט פאַסירט אַז צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז פאָרגעקומען אַ מחלוקת אין אַ שטעטל ניט ווייט פון מינסק, צווישן קצבים מיטן שוחט. די רבנים פון יענעם שטעטל האָבן געפסקנט אַז די דין־תורה דאַרף פסקנען אַ שוחט פון אַ צווייטן פלאַץ. היות ווי ר׳ נחום־אייזיק האָט אָפיציעל זיך ניט פאַרנומען מיט שחיטות, איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אַלס בורר אין דעם סכסוך. נאָך דער דין־תורה, אויף צו מאָרגנס פרי, האָט מען געפונען ר׳ נחום אייזיק דעם שוחט אַ דערשטאָכענעם אויף דער ערד, איינגעוויקלט אין טלית און תפילין. די ידיעה וועגן דעם רצח פון ר׳ נחום־אייזיקן האָט זיך גיך פאַרשפרייט אין דער סביבה, אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות האָט מען דעם

ענין פאַרווישט. היות ווי די וועגן זיינען דאַן געווען באַזעצט דורך מיליטער, האָט מען דעם מת ניט געקענט ברענגען צו קבורה קיין קאָרעליטש, און מ׳האָט אים מקבר געווען אויפן מינסקער בית־הקברות. אַזוי האָט ר׳ נחום־אייזיק דער שוחט טראַגיש פאַרענדיקט זיין לעבן.

ווען ר׳ בערטשע דער שוחט איז שוואַך געוואָרן אויף זיינע אויגן און האָט ניט געקענט זיך פאַרנעמען מיט שחיטה, האָט ער איבערגעגעבן די חזקה זיין זון ר׳ משה־אַברהם וואָלפין, און פון דאַן ביז דעם חורבן פון דער קאָרעליטשער קהילה, זיינען אין קאָרעליטש געווען צוויי שוחטים, וועלכע האָבן צווישן זיך געלעבט אין אַחדות. ר׳ משה־אַברהם איז צוריקגעקומען קיין קאָרעליטש פון פּאַלטאַווע. דאָרט האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין ציוניסטישן לעבן פון דער שטאָט. נאָר צוליב כבוד־האָב האָט ער זיך אומגעקערט קיין קאָרעליטש.

טראָץ זיין שווערן פּריוואַטן לעבן און דער „צער גידול בנים" און דער עיקר „צער גידול בנות", האָט אים דאָך גאָט געבענטשט מיט אַ פולן האַנט. ער האָט געפירט אַ באַלעבאַטישן קולטורעלן לעבן. געווען געזעלשאַפטלעך אַקטיוו אין ציוניסטישן לעבן אין קאָרעליטש, ער איז געווען דער מורשה פון קרן קיימת און אַלע יידן האָבן פאַר אים געהאַט גרויס רעספּעקט.

אין גאַנצן אַן אַנדער טיפּ איז געווען ר׳ אלתר דער שוחט — ר׳ אַברהם־יצחק. אַ ייד מיט ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, אַ הדרת פנים און מיט אַ גרויסער ווייסער באָרד, האָט זיין גאַנץ וועזן דערמאָנט אין אַ פּאַטריאַרכאַלישן געשטאַלט. ער איז געווען זייער אַקטיוו אין דעם רעליגיעזן לעבן אין קאָרעליטש. זיין לבוש איז געווען ריין און שטענדיק פלעגט מען אים זען אין אַ שוואַרצער שליאַפּע, אָדער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קראַגן — יידן פלעגן אים אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד און ער איז געווען זייער אָנגעזען ביי די יידן פון קאָרעליטש.

ביידע שוחטים האָבן ווי געזאָגט געלעבט בשלום. ביים שאָך־שפּילן, פלעגן זיי פאַרגעסן די וואָכעדיקע צרות. אַזוי האָבן ביידע לעצטע שוחטים פון קאָרעליטש אויך געטיילט דעם גורל פון אַלע שטעטלדיקע יידן.

די קינדער פון די שוחטים זיינען נישט געגאַנגען אין זייערע פאָטערס וועגן און ניט געוואָלט שמידן די קייט פון די קאָרעליטשער שוחטים. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיי אַרויסגענומען פון זייערע היימען. זיי זענען געוואָרן חלוצים.

מיטן חורבן פון דער קאָרעליטשער קהילה איז אויך איבערגעריסן געוואָרן די שיינע קייט פון די קאָרעליטשער שוחטים און מיט זייער טויט איז איבערגעריסן געוואָרן די דינאַסטיע שוחטים אין קאָרעליטש.

יחזקאל זאקס — תל־אביב

קפיצת דרך לעבר

הנה רואה אני אותך עיירתי קורליץ, עיירה קטנה ברוסיה הלבנה; אני רואה אותך על בתיך הקטנים, סמטאותיך הצרות. האנשים בעיירה כאילו צוירו ביד אמן — כל אחד ודמותו וצביונו הקבוע: החנווני הוא חנווני זעיר שעיניו כלות וכמהות לפדיון; בעל המלאכה הוא בעל סדנא המתפרנס בקושי; בעל התעשיה הוא בעל תעשיה זעירה.

מחצר בית המדרש נישא קול ניגון מסתלסל של בחורי בית המדרש והקול משתפך וחודר לכל מקום ומקום והוא בא לאמור שהעזרה אינה קיימת על עניני חולין בלבד, אלא עוסקת בענינים שלמעלה, בעולמות אחרים.

כל זה אמור לגבי עולם הבחורים של העיירה, הבחורות לומדות ב„חדר" של „משה שרייבער", לא גמרא ולא חומש, אלא סתם כתיב יידיש וחיבור מספרים, מין לימוד טפל ללא תוכן וללא התלהבות. ומדוע קראו למלמד „משה שרייבער", כי נוסף להיותו „מלמד" של בנות היה גם כותב המכתבים בעיירה. מכתב כי הגיע לאדם שמתקשה באותיות הקטנות, היה מגיע עם בעל המכתב אל משה. הוא היה קורא את המכתב באזני מקבלו ואף מכין לו תשובה כתובה באותיות יפות ומסולסלות, עם ניסוח, איש איש לפי צרכיו ועניניו. עדיין עומדות לנגד עיני אות ה„ל" או ה„ף" הסופית של הרבי הזה שבגללן הערצתיו כל כך.

וזאת לדעת שאם „מלמד" ילדי ישראל לא היה נחשב לבעל מקצוע חשוב, הרי מלמד נערות היה נמוך בכמה דרגות ממנו, כי בשעה שמלמד בנים השגיח על סדר ומשמעת, כדי להקנות תורה לתלמידיו, מלמד בנות היה מניח בפני כל ילדה מין העתק של כתיב וכל אחת השתדלה להעתיק את הכתוב, אך לא עסקו בדברים עניניים או בלימוד של ממש. גם בתוכן ההעתק שהונח בפני הילדה היה תוכן סתם של איזה מכתב שאינו קשור בתנ"ך או לימוד אחר.

ראובן דער רוטשעצער, היה מלמד כבר את הבנות „עברי" ו„עברי טייטש", אך גם הוא הסתפק בלימוד שטחי כשיאכצע אשתו הגבוהה והרזה עוזרת כנגדו וקולה מתערב בקול בעלה בתרגום המילים מן הסידור וכשה„טייטל" המראה את האות או המלה מלווה כל תנועה.

עונות הלימודים ב„חדר" היו לפי „זמנים", היינו: חורף או קיץ ובדרך כלל לא בילו הבנות הרבה „זמנים" בחדר של משה שרייבער וראובן רוטשעצער גם יחד. כך הלכו ובאו „זמנים"; בנות הולכות ובנות באות וה„שיטה" של הלימודים הללו אינה משתנית.

אך הנה קרה דבר שגרם לשינוי מהותי של חינוך הבנות בעיירה קורליץ, וכמובן בשינוי של כל החינוך בעיירה. בוקר אחד באה בתו הצעירה של הרב, שאף היא היתה מתלמידות ה„חדר" וסיפרה שאחיה משה, שהיה נחשב ל„משכיל" ו„ציוני" ולמד בכרך הגדול — מתכונן לבוא לקראת החגים, אף להשאר בעיירה במקצת אחרי החגים. התכונה לבואו של משה בן הרב היתה גדולה, כי חביב היה הבחור על העיירה והיה ידוע כמטיף ציוני ומארגן טוב. ואכן עם בואו לקראת החגים, הכניס שינוי דרסטי בשיטת הלימודים בעיירה. הוא השפיע על חברו אלתר־הרצל לקחת על עצמו עול חינוך הבנות והנה בבת אחת החלה תקופה חדשה בחיינו: שוב לא היה הלימוד שלנו מין דבר טפל ללא תוכן; פתאום התחלנו ללמוד את סיפורי התורה כמו כל הנערים.

באותו זמן התארגנו המבוגרים לקבוצות ציוניות שונות: „בני ציון", „בנות ציון" וציונים סתם. התורה יוצאת מבית הרב ומגיע ל„חדר" שלנו, שהפך שמו ונקרא „חדר־מתוקן". מורנו היה יד ימינו של בן הרב ושניהם נתמכים על־ידי השוחט המשכיל שביתו הפך מרכז לציונות ולהשכלה. מורנו משתף אותנו במתרחש ואנו בולעות כל מלה היוצאת מפיו. בן הרב בעצמו מבקר בבית הספר שלנו ומפקח על הלימודים ואף בוחן אותנו. כל אחת מאתנו משתדלת לא להכזיבו ואמנם לא ביישנו אותו.

„הזמן" עובר. בן הרב חוזר ללימודיו בעיר הגדולה, אך לכל חג הוא בא לעיירתו ועם בואו בא השמחה לעיירה. מארגנים נשפים ותמונות הרצל ומנהיגים ציוניים מקשטים את כתלי הבית בהם עורכים את הנשפים והמסיבות. במיוחד זכור לי ביקורו בשובו מאחד הקונגרסים הציוניים. ראשית ביקורו היה ב„חדר" שלנו. הוא דיבר בפנינו ובעינינו היה הדבר כאילו הרצל בכבודו ובעצמו היה מופיע חי לנגד עינינו.

***

עברו שנים וגלי החיים הרחיקוני מן העיירה והנה באחד האולמות הכרתי את אותו בן הרב שחזונו היה חלום חיינו בימי הילדות. הכרתיו ולנגד עיני עבר חזון העיירה הקטנה מן הימים ההם על „נוסח" החיים דאז ועל הדאגות של הימים ההם, ימים רבים לפני השואה הגדולה.

העליתי זכרונות אלה לאור הפגישה עם משה כהן, בן הרב מקורליץ, אשר החזירני לימים ההם. את העיירה ראיתי במבט חטוף למשך 24 שעות בלבד, בשנת 1930 לאחר העדרי ממנה במשך 23 שנים. הכרתי את כולם וכולם הכירו וזכרו אותי, כאילו לא נפרדנו כלל. כמובן: פגשתי אז נוער אחר מזה שהיה בתקופתי. הפעם נתקלתי בנוער ציוני בעל הכרה, נוער מלומד מדבר עברית ויודע עניני העולם. בית הספר היה כבר בית ספר נורמלי עם מקצועות לימוד מלאים. ראיתי את העיירה, את הנוער המתכונן לעלות לארץ ישראל, את הנוער הלומד בערים גדולות וחשבתי שתקופה חדשה ניערה את העיירה שלי, אך היה זה חזון תעתועים: היתה זו התעוררות לפני הטרגדיה הגדולה אשר רחפה מעל ראש יהדות אירופה במשך שנים וירדה כרעם וכילתה הכל, כמעט הכל.

אסתר שקולניק־הורוביץ

כיצד למדנו?

כיצד למדנו בקורליץ? כיצד התחנכנו מגיל צעיר ועד יציאתנו לחיים עצמאיים?

כדי להשיב לשאלות אלו, מן הראוי תחילה לשרטט בקצרה את דמות העיירה שלנו בתקופה ההיא. קורליץ שכנה הרחק מכרך גדול. העיר הגדולה ביותר לידינו היתה נובוגרודק — שאף היא לא נחשבה לכרך גדול.

התקופה בה מדובר היא התקופה בין שתי המלחמות. אחרי מלחמת העולם הראשונה היו בערים רבות מוסדות חינוך נורמליים עם תקן של מורים ותכנית לימודים — מה שלא כן אצלנו. הווי החיים שלנו לא התאים עדיין לדברים מעין אלה. כאשר ילד בעיירתנו הגיע לגיל שלוש—ארבע הוא נקלע לדרכי החיים המקובלים אז: הורים טרודים ועסוקים בחיפוש אחר פרנסה שאינם שמים לב לילד ולחינוכו. מי ידע אז על משחקים מקובלים בשביל ילדים? חינוך הילד היה מקרי ומושפע מהסביבה, מהרחוב ומהחברים של הילד.

בהגיע הילד לגיל 6—7 נשלח ל„חדר". והנה עולה לנגד עיני דמות „החדר" שלנו אצל ר' אהרון יעקב דוידוביץ: חדר גדול עם שולחן גדול אף הוא מוקף ספסלים. המורה ר' אהרון יעקב חבוש כיפה לראשו, רציני ודרוך כל שעות היום „מלמד את תלמידיו קרוא וכתוב וכן חשבון" — הפעולות הראשונות בחיבור ובחיסור. היה זה מה שקראו אז „חדר מתוקן". בחדר למדו כל היום, מהבוקר עד הערב. במשך כל שעות היום היינו קוראות ב„סידור" וכותבים דפים שלמים של כתיבה שוטפת. למדנו חומש כשכל מילה מתורגמת ליידיש פשוטה כמשמעה כגון: בראשית — פון אָנפאַנג ברא — האָט באַשאַפן; אלהים — דער אויבערשטער; את־די; השמים — הימל; ואת־און; הארץ — די ערד. אנו חוזרים על פסוק ופסוק פעמים ללא ספור וזאת כדי לשנן ולדעת כל מילה ופירושה במקום. ואוי לו לאותו תלמיד ששגה לאחר החזרות הרבות. העונש צפוי לו בו במקום ועונשים אלה פנים רבות להם כמו: עמידה בפינה עם שטריימל מלוכלך על הראש ולהיות ללעג ולקלס בעיני יתר התלמידים. עונש נורמלי יותר היה בהערכה שלילית שנכתבה על הקיר: אסתר שקולניק — תלמידה גרועה עם ציור של אפס גדול ובתוכו אפסים בתוך אפסים. אבל היו גם הערכות חיוביות של ציונים כגון פלונית תלמידה חרוצה וציון של סדרת חמישיות ליד שמה. כמובן שהילדים התביישו בהערכות הרעות והשתדלו למחוק מעל הקיר את הציונים השליליים אך פחדו שמא העונש יגדל שבעתיים.

מ„החדר" הזה עברנו אחר כך ל„חדר" גבוה יותר, ה„חדר" של ר׳ יצחק. היה מלמד בעל ידיעות רציניות בתנ"ך, בגמרא ובדקדוק; היה תקיף כלפי התלמידים ובעיקר הבנים, היה מעניש על ימין ועל שמאל, אינו מונע ידו אף מצביטות ואפילו סטירות לחי, אך לעומת יחסו אל הבנים היה יחסו אל הבנות טוב, התיחס אליהן ברכות ובחיבה והיה מהלל את התלמידות על חריצותן ועל ידיעותיהן.

ב„חדר" לא היו קיימים מושגים של משחקים או בידור — רק „ללמוד" ו„ללמוד". אך „הזמן עשה את שלו" — קם בית ספר עממי עברי־יידיש. צוות המורים היה מבני המקום מאותם הצעירים בעלי שאר הרוח שהיו ידועים בידע שלהם בשטחים שונים — כל אחד הוזמן ללמד מקצוע ההולם אותו: יצחק מאיר קלצ׳קי העוסק בהנהלת חשבונות — לימד חשבון; צבי קיבלוויץ שכתב שירים — הוזמן ללמד עברית, ר׳ איצ׳קה — מלמד גמרא ודקדוק ומר שוסטער — מלמד טבע.

התלמידים עברו בחינות לקראת הכניסה לבית הספר וחולקנו כיתות כיתות כמו בבית ספר של ממש. פקחנו את עינינו ונשמנו לרווחה; יצאנו מחושך לאור גדול ומאפלה לאורה: הנה בית ספר „כמו כל הגויים" עם הפסקות וצלצול הפעמון וכמובן עם משחקים בזמן ההפסקות. בית הספר התנהל ללא כל תכנית, ללא כל תקן; לא היה אף מורה אחד מוסמך; הרמה של הלמודים היתה שונה משל בתי ספר אחרים, אך אנו התלמידים היינו מאושרים כי חזרנו אל הילדות, אותה החניקו ב„חדר". בחגים יצאנו לטיולים, סדרנו הצגות בבית הספר וחשנו את דופק החיים.

אבל גם עם בית ספר זה לא נגמרו הדברים: הורינו התחילו לדאוג מה יהיה גורל ילדיהם בארץ זרה; מה יצא מכל הלימודים הללו בעברית וביידיש? צריך לדעת פולנית לקראת העתיד, לקראת החיים וכך הועברנו אל בית הספר הפולני העממי — עם כל הגויים ה„שקצים" וה„שיקסעס". היתה זו תקופת מעבר קשה, הסתגלות לחברה מעורבת של פולנים, רוסים ויהודים; רכישת ידיעות בשפה הפולנית, לימודים אחרים וחיים אחרים. המורים בבית הספר היו מורים מוסמכים. כאן למדנו מקצועות שקודם לא ידענו שהם קיימים כלל כמו: זמרה, ציור והתעמלות. היהודים ניגשו בחריצות למלאכת הלימודים ועד מהרה עלו בידיעותיהם על חבריהם הפולנים. נוצרה קנאה ושנאה

מנהל בית הספר הפולני, אחד בשם דולמבה היה אדם בעל אופי טוב אבל רחוק מלהיות מחנך טוב, שואף בצע ורודף תענוגות, שותה לשכרה ומתגולל בלילות שיכור ברחובות העיירה ומשמש דוגמא רעה מאוד לתלמידים. אך אנו היהודים משתדלים לינוק מבית הספר רק את הטוב ולהתעלם מן הרע והמזיק. שאיפת היהודים היתה לסיים את הלימודים בבית הספר בהצלחה ולהמשיך בלימודים בערים הגדולות. בד בבד עם השאיפה להמשך הלימודים לא שכחנו את מקור מחצבתנו והשתדלנו ככל האפשר להעמיק את הידע בשפה ובתרבות העברית. כאן מופיעה דמותו האצילית של מר בנימין אופסייביץ׳ ששימש לנו מורה פרטי ללימוד העברית. הוא מהווה אישיות מנוגדת למנהל בית הספר

הפולני — דולמבה: אדם בעל שאר רוח, בעל נפש עדינה אשר הצליח לנטוע בנו אהבה לשפה ולאומה ואת הרצון להמשיך בלימודים.

רק בודדים הצליחו להגשים את מאווייהם להמשיך בלימודים. אבל אלה שהצליחו ועזבו את העיירה ויצאו ללמוד בערים הגדולות הרגישו קשר נפשי חזק אל העיירה בה גדלו ועשו בה צעדיהם הראשונים — העיירה עם החברים והאנשים שכל כך אהבנו.



העברעישע פאָלקס־שולע, 1928

צפורה קאצענעלסאָן־נאכומאוו

ר׳ צבי־הערשל הכהן באיארסקי

אין דער „אַלטער שול" האָט עמך יומם ולילה געלערנט און מיט גרויס התמדה, ווייל קיין עם הארצות איז דאָרט חלילה נישט געווען... די אַלטיטשקע שול איז געווען אַרומגערינגלט מיטן גרויסן שולהויף און אויףביידע זייטן האָבן זיך געפונען אַלע אָרטיקע אינסטיטוציעס, דאָס גאַנצע קהילה־וועזן. קודם כל דעם רבים הויז, די צירונג פון שטעטל אַנטקעגן — די „קאַלטע שול", וואָס איר נאָמען האָט געשטאַמט פונעם אמתן ציטער, וועלכן מ׳פלעגט כאַפּן, אַפילו ווען אין דרויסן איז נישט געווען קיין פראָסט... און פונקט ווי אַ סימבאָל איז נעבן דער „קאַלטער שול געווען נאָך אַ קעלטער אָרט — דער בית החיים... זיינע פאַרוואַקסענע מיט גראָז און פאַרשימלטע, איינגעוואַק־סענע אין דער ערד פּשוטע מצבות האָבן בולט עדות געזאָגט אויפן אוראַלטן יידישן קאַרעליטש... דער שענסטער אָרט פונעם בית החיים, איז געווען דער אוהל פונעם פאַרשטאָרבענעם רב, ר׳ יצחק יחיאל ז״ל, נאָך וועמען יצחק קאַצענעלסאָן האָט געטראָגן זיין נאָמען.

אין אַן אַנדער עק פון שולהויף איז געשטאַנען די מקווה, די שוויצבאָד.

פונקט קעגן דער „קאַלטער שול" און אַלטן בית החיים, האָט זיך געפונען אַ חסידיש שטיבל פון קוידענאַווער רבין. דאָרט האָט געדאַוונט און געווען גבאי ראשון ר׳ צבי הכהן באָיאַרסקי, וועלכנס הויפּט עבודה איז געווען חינוך בנים, אַ קנאַפּע פּרנסה אין יענע צייטן און בפרט אין אַ קליין שטעטל. ר׳ צבי מ׳ט זיין שוואַרצן קורצן בערדל, אַ נידעריקער און קיילעכדיקער, איז געווען אַ פריילעכער ייד, ווייט פון אומעט, פול מיט בטחון און אַלץ פלעגט ער אָננעמען פאַר ליב. ער איז געווען אַ גוטער בעל מנגן, אַ משורר און אַ גרויסער טענצער. זיין שטאַרקן קול ביים „ישמחו במלכותך" האָט מען געהערט אַראָפּ באַרג אָפּהילכן אין אַלע געסלעך. און צווישן ציבור איז ער געווען דער משמח הקהל. ס׳האָט נישט געקענט געמאָלט זיין קיין שום יום טוב ביים קוידענאַווער רבין אָן צבי־הערשן. און בעת ער פלעגט זיך קלייבן פאָרן צו זיין רבין, האָבן דאָס אַלע אין שטעטל מיט אַ צייט פריער געוווסט.

הערשל מלמדס „הויז און שולע" איז געשטאַנען אויף דער „טויבער גאַס" אויף אַ באַרג. דאָס איז געווען אַן אַלטע חורבה פון קיילעכדיקע קלעצלעך געבויטע שטוב מיט צווי צימערן. איינער אַ גאָר גרויסער, האָט געהאַט דריי פאַרווענדונגען — אַלס

קיך, עסצימער און חדר פאַר די תלמידים. דער צווייטער, קלענערער צימער, איז געווען דער פריוואַטער שלאָפצימער פון הערשלען מיט זיינע בני בית.

הערשל דער מלמד האָט מיט זיינע פערזענלעכע מעלות גוט געווירקט אויף יצחקס ערשטער גייסטיקער אַנטוויקלונג. דער בעסטער באַווייז דערצו איז געווען זיין התפעלות מיטן רבין און זיין שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו אים. אין שטוב פלעגט ער אַלע זיינע באַמער־קונגען, אַלע געשעענישן פאַרבינדן מיטן רבין, מיטן חדר, מיטן רבינס הייזקעלע, וואָס שטייט דאָרט הויך, אויפן גרינעם בערגעלע...

הערשל האָט זייער ליב געהאַט זיינע תלמידים און דערפאַר פלעגן זיי אים אויך אָפּענטפערן מיט דער זעלבער ליבע. קודם כל, ווייל ער פלעגט תמיד זיין פריילעך, זינגען מיט זיי. ער פלעגט פאַרמאָגן אין זיך אַ סך פעדאַגאָגישן חוש. די שווערע קעפלעך פלעגט ער נישט פאַרשעמען, נאָר זיי אַריינגעמען צו זיך אין שלאָפצימער, כדי דאָרט זיי באַזונדער צו לערנען. דערווייל פלעגן די עלטערע תלמידים אויסהערן די יינגערע. יצחק קאַצענעלסאָן פלעגט אַלעמאָל דערציילן אַז די שיינקייט פון דער וועלט האָט ער דערפילט אַלס חדר יינגעלע, טאַקע אַרום דעם גאַנעק פון זיין קאַרעליטשער רבין. פון דעם בערגל נעבן חדר האָט זיך אויסגעשפרייט אַ שיינע פּאַנאָראַמע אויף העט, און אויף די שיינע הימלען, וועלכע ער האָט זיין גאַנץ לעבן אַזוי שיין באַזונגען און ...פאַר זיין טויט אַזוי ביטער געשאָלטן...

שוין אַלס קינד פלעגט ער רעאַגירן מיט באַגייסטערונג אויף דער הערלעכקייט פון די פּאַנאָראַמעס וועלכע ער פלעגט זען באַרג אַראָפּ פון זיין רבינס בערגעלע... פון דער דאָזיקער אָבסערוואַציע האָט זיך שוין פון דאַן אָן אָנגעהויבן צו וועבן דאָס צוקונפט־טיקע פאָלקס־ליד „די זון פאַרגייט אין פלאַמען". יצחק פלעגט זיין גאַנץ לעבן מיט דער גרעסטער ליבשאַפט דערמאָנען זיין שטעטעלע, אין רביס הויז האָט מען מיט דער גרעסטער פּיעטעט אויפגעהאַלטן דאָס קינדער־וויגעלע אין וועלכן יצחק איז געבוירן געוואָרן. בעת זיינע באַזוכן אין קאַרעליטש פלעגט ער קומען אין רביס געסל און אין רביס הויז אָנצוקוקן זיין וויגעלע און אויך זיין רבינס הייזעלע אויפן באַרג... מיט אומעט פלעגט ער דערציילן, אַז ר׳ הערשל איז שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע...

צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו; יצחק קאַצענעלסאָן, זיין לעבן און שאַפן. קאַפּיטל 7. ז׳ 55, 56, 57.



המועצה הפדגוגית וועד ההורים בבית הספר העברי בשנת תרפ"ז (1927)

מימין (פון רעכטס): יעקב גאלוויצקי; **שמאי קלצקין**; משה אברהם וולפין; צבי קיוולריץ; ספוקוינע; **הרב וורניק**; ——; חיים בוסל; **ברוך שימשלוויץ**; יצחק מאיר קלציצקי; טוביה קלציצקי.



הנהלת ה„קהילה" עם אלכסנדר הרכבי

מימין (פון רעכטס): בקר; פסח קפלן; שלום כהן; א. הרכבי; הרב משה יוסלוביץ; **בקר**; מיכאל שוסטר; **ניסן ראקאווייצקי**.

לפני ובין שתי מלחמות עולם

פאר און צווישןביידע וועלט מלחמות

מן העתונות היהודית
זכרונות והווי

פון יידישע צייטונגען
זכרונות און שילדערונגען

חיבת ציון בקורליץ

מקורליץ מודיעים; כי בחג הפסח שעבר חגגו שם את יום השנה לקיום חברתם חברת „חובבי־ציון". ואמנם יש להם לשמוח, כי תקוותם לא הכזיבתם ובעיר מצער כעירם, עלתה בידם, לאסוף במשך שנה מאה וששים רובל לטובת רעיוננו הנעלה. סכום אשר מעודם לא פללו לאסוף. וראשי חברתם יכולים לשמוח על כי ראו פרי בעמל ידיהם. ואמנם עמלו ועמלו הרבה, ולא לבד בעירם הם. כי עוד עמלו להפיץ את רעיוננו על פני חוץ. הם כתבו מכתבים מעוררים וחזרו וכתבו אל הערים אשר סביבתם, למען תתעו־ררנה גם הן. ואמנם דבריהם הצליחו גם במקצוע זה, ועד נאָווֹאָגרודק, מיר ועוד התעוררו לקול הקורא להן, ותייסדנה גם שם אגודות נכבדות.

„המליץ" תרנ"ח, כ"ז אייר (1898 19 מאי, גליון 100)



משה חיים כהן

ביום ב' חוהמ"פ נאספו רבים מבני העיר הזאת אל אחד מבתי המדרש ושם נתנו לפניהם חשבון הכספים, גם קראו מחברות אחדות המדברים על דבר הציונות. והעם היה שבע רצון. מאד הפליא את השומעים דרשתו הנעימה של אחד מראשי חברתם האברך משה חיים כהן בן הרב דמתא, אשר הוא גם הסופר לחברתם והוא גם עורך המכתבים הנמל־צים, אשר נשלחו על פני החוץ, אך זמן קצר דבר מר משה כהן את דבריו אבל פעולתם

היתה רבה מאד. ואחרי אשר הרנינו את לבם בפרי תבואות ארצנו הקדושה שבו הנאספים הביתה שמחים וטובי לב ושם ציון חרותה על ליבם. מר כהן נעתר לבקשת מפציריו, ויבטח להטיף מילתו עוד הפעם על ציון ובשביעי של פסח נאסף המון אדם רב לבית איש פרטי. ואחרי אשר קראו את נאומו של הד"ר הרצל אשר נאם בלונדון באולם המכבים. הטיף מר כהן כשעתיים רצופות, דבריו דברו אל תוך לבות השומעים ויפעלו הרבה מאד, כי באסרו חג נוספו רבים על חברתם, אלה אשר מעולם לא פללו, כי יתנו להם יד גם הם.

„המליץ", כ"ה אלול תרנ"ח (12 ספטמבר 1898, גליון 195)

מורשה הועד האודיסאי בקורליץ משה אברהם וואָלפין שו"ב התרים את אנשי קורליץ דלהלן לטובת ישוב ארץ־ישראל למטרות המפורטות מטה.

בשבת נחמו (תרנ"ח) התאספו חובבי ציון פה בבית הכנסת להתפלל ובעלותם לתורה העלו את ירושלים על לבם ונדבו לטובת „גן שמואל".

הרב אב"ד דפה, ישעיה קישעלעוויץ. שמואל דוד באלטרמנצר, ניסן וויינשטיין, משה אברהם וואָלפין. חיים איסר שימשעלעוויץ, אהרן דוידוביץ, ראובן לייב מעסליאַווסקי לייב פאָלאָק, יוסף ונחמיה פרידמן, גרשון ז'וחוביצקי, שלמה וואָלפאָוויץ, משה פאַמירציק משה יצחק טויבש, שמעון יצחק גרינפלד, יעקב קארעליצקי.

אברהם מאירוביץ מקורליץ נשא לאשה את אסנה רבקה בת הרב אב"ד ברקישוק ואחיו דוב דוד מאירוביץ הנ"ל תרם „לגן שמואל".

ניסן וויינשטיין הנ"ל מופיע שוב כתורם ל„גן־שמואל" לנשואי בת דודו מרדכי וויינשטיין לייב פולאק הנ"ל תורם ל„גן־שמואל" עם נשואי בנה של פעסיה ביילין משה. שלמה וולפוביץ הנ"ל תורם שוב לגן־שמואל עם חתונת בן דודו משה גרינוואלד ש"ץ בטוראַץ.

בחתונה בת משפחת חורגיל עב"ל יצחק שמעונוביץ, שהתקיימה בחדר בעראַזעוויץ נתרמו ל„גן שמואל" ע"י גרשון לייב אוסטאַשינסקי ויצחק יוסלביץ וכן ע"י רחל חלאוונאויץ ושרה קפלן ורבקה צונזער.

נעלם אחד פלוני תרם לזכר הקונגרס הציוני השני בבאזל סך 150 רובל ל„גן שמואל".

„חובבי ציון" תרמו תרומה מיוחדת על זה שנטעו אילן הדר ע"ש הגאון אליהו מווילנא למלאת מאה שנה לפטירתו (תקנ"ח—תרנ"ח) וכן תרמו על האילן שמתחייבים אנחנו לטעת על שם הפרופיסור המנוח צבי שפירא מהיידלבורג. האילנות הם נטיעות אתרוגים.

הרב י. ניסנבוים

ביקור בקורליץ בשנת תרס״א

מהלך שלוש פרסאות מנובוגרודק עומדת העיר קורליץ. עיר קטנה ומספר יהודיה כארבע־מאות בתי אבות. בתיה נמוכים ודלים וה„דלות״ ניכרת על כל שעל וצעד. אם חפצים אתם לראות בעיני בשר תבנית עיר קטנה בליטא שהד״ר מאנדלשטם העביר בנאומו על הקונגרס לפני עיני רוחכם אז באו הנה והתבנית הזאת תעמוד חיה לפניכם.

הבנין היותר והיותר יפה שבעיר הוא „בית המרחץ״ שהוציאו עליו כחמשת אלפים רובל! איפוא לקחו סכום כזה אם נמצא „ממון קורח״ זה ב—ק. עצמה או מערים אחרות באו לעזרתה. היודע הכל הוא היודע! אבל אם כה ואם כה בית גדול גבוה שתי קומות עומד מוכן לבני העיר לרחוץ בו את בשרם ולהעביר זוהמתם ולעולם לא יאמר אדם כי צר לו המקום.

גם „תלמוד תורה״ גם שאר חברות החסד נמצאים בק. כבכל ערי ישראל.

הציונים ב—ק. עובדים עבודתם באמונה וביחוד מצטיין בעבודתו המורשה לחברת התמיכה איש ישר ותמים החובב את ישוב הארץ חיבה תמימה ועזה והוא בלי התלהבות חיצונית, בלי רעם ורעש עובד עבודתו הכבדה בזריזות יתרה.

האיש הזה הוא שו״ב בן שו״ב בן־בנו של שו״ב, אך לא נהנה ממלאכתו זאת ולא חשב להשתדל כי ימנוהו בעירו לשו״ב מן המניין, עד שבאו אחרים וחשבו מחשבות לגזול ממנו גם את „חזקתו״, ולמען הבאיש ריחו בין בני העיר הוציאו עליו שם שהוא מפיץ מינות בעיר על־ידי המכתבים שהוא מקבל ממרכז הציונים. שמעו זאת הציונים ולא נחו ולא שקטו עד כי נתמנה לשו״ב קבוע. הציונים בק. המה אנשים מן השוק, תמימים בדרכיהם ומעשיהם „יהודים פשוטים״ בלי כחל של „פרישות״ ושרק „הנאוריות״ והינם ככל המון בית ישראל.

„המליץ״, ג׳ מר־חשון תרס״א (26אוקטובר 1900, מס׳ 223)

„הצפירה״, 1912, גליון: 134

ברכת מזל טוב למר ברוך שימשלביץ מקורליץ לכלולותיו עב״ל מרת חנה אוסטאַשינסקי, מחבריו שבקורליץ: שלום ובריינה כהן, מרדכי ובנימין יוסלביץ, שרה וליבא קליאצקין וישראל קופר.

קבוצת ציונים בעיירה הנ״ל

בעיירה קורליץ נערכה אסיפת עם גדולה לכבוד אישור המאנדאט. נאם הרב דמתא הר׳ משה יוסלביץ שליט״א על דבר ערכו של המאנדאט. בשעת התפילה אמרו מזמורי תהלים (פרקי הלל: מ. צ.). על ידי השו״ב ר׳ משה אברהם וואלפין ומזכיר ה„מזרחי״ דעירנו מר שלמה וואלפוביטש נאסף באסיפה הנזכרת מאתים ושמונה עשר אלף מארק לטובת קרן הקימת לישראל.

„המזרחי״, ו׳ בתשרי תרפ״ג (1922, מס. 39)

מכתב ברכה מקורעליטש ליובל „הצפירה״ (תרכ״ב—תרע״ב) מעיירה נדחה. הרחק מאדם ועיר, אשר רק „הצפירה״ מביאה לנו אור ועונג, שולחים אנו את ברכתנו העמוקה לסופר הגדול והאיש המורם מעם מר נחום סוקולוב ולעוזריו הנכבדים לחג יובלה של „הצפירה״ מברכים אנו אותה, כי תמשיך את עבודתה הפוריה ללחום את מלחמת האמת ולהגן על עמנו הנרדף והאומלל, לעודד את רוחו לעמוד נגד זרם התלאות והמצוקות אשר הקיפוהו מכל עבריו, תזכה נא „הצפירה״ להאיר את דרכנו גם בהיות עמנו בקרוב בארצנו היקרה והחביבה.

קוראי הצפירה ומעריציה: משה אברהם וואָלפין; ישראל קופער ב. שימשלוויץ, א. מ. אַבראַמאָוויטש, ליבה קליאַצקין, שרה קליאַצקין; ש. וב. כהן; ג. יעלין; חיה הירשאוויץ.

„הצפירה״, תרע״ב י״ג תמוז (1912, 28 יוני, גליון 134).

א. עשרה קבין עניות ירדו לעולם תשעה נטלה עירנו קארעליץ; כי אין עיר עניה בכל מדינת ליטא כעירנו. שלוחי מסחרה לא יטשו ויעברו ים, וכל אנשי עירנו שמו חלקם בין יושבי קרנות. ומעט אם יחוג איש חתונתו אות הוא כי חנות חדשה נבראה, ואם בר־בי־רב הוא — במלמדות מלמד חדש, וכעבור שבועות אחדים היה „החתן דנן״ לחנוני או למלמד — דרדקי.

כמעט מספר תושביה מספר החנויות שבה. והחזיקו שבע נשים או אנשים בקונה אחד, זה בחוצן ימני וזה בחוצן שמאלי. מובן מאליו כי ההתחרות גדולה עד למאד והמשתכר משתכר אל צרור נקוב. טוב עשו החכמים לו עשו שלום ביניהם לקצוב מחיר על כל סחורה, אז לא יגעו לריק ולבהלה ולא יחולל שם שמים בפרהסיא, וכלה ההתחרות אשר ללא תועלת וללא הועיל הוא להם כי אם למכאוב לב ונקיון שניים, אבל במקום השלום — הפרנסה מצויה.

ב. כמצבה הגשמי כן מצבה הרוחני, כי אם הבטן ריקה, גם הנפש לא תגבה עוף. ועל־כן דרכי ההשכלה אבלות בעירנו. מכתבי־העתים עברים לא יבואו בקהל (לבד חותם אחד ל„המליץ״) והחסרון היותר גדול הוא כי אין עקד ספרים (ספריה)

בעיר. כמה פעמים חפצנו לבוא בבקשתנו לפני החברה „מפיצי־השכלה" לתמוך אותנו בספרי השכלה, אך ידענו כי לשוא יהיה עמלנו ובקשתנו תשוב ריקם, יען כי זה כעשר שנים אשר החברה הנ"ל שלחה הנה ספרים למקרא ובאשמת ראש העקד הלכו הספרים לתוהו.

בני הנעורים הראשונים חטאו ואנחנו עוונותיהם נסבול.

„המליץ", כ"ד שבט תר"ן (גליון 28, 1890)

לוי ברמן

קארעליטש

זה כשנה נוסדה פה אגודת „לינת־הצדק" על־ידי אחדים מנכבדי העיר אשר שמו בה כל מעיניהם ובכל מאמצי כוחם חתרו להעמידה על בסיס נכון וקיים ועמלם לא עלה בתוהו כי רבים מבני העיר קיבלו עליהם את החובה ללון בבית החולה, והאיש אשר לא יוכל למלא פקודת הגבאים ישלם לחברה פדיונו, והם ישלחו איש אחר תחתיו, או הוא בעצמו ישכר לו איש אחר תחתיו.

מדי שבוע בשבוע יסובבו הגובים על פתחי הבתים לאסוף דמי השבוע מאת החברים ובכסף הזה קנו כלים הנחוצים ודרושים לחולה.

מספר החברים מאה וחמישים איש, גם הנשים נעשו לאגודה אחת לבוא לעזרת נשים חולות, ומספר חברות אגודתנו מאה ועשר נשים.

„המליץ", ב' סיון תרנ"ט (גליון 96 1898)

מ. א. אבערזאָנסקי



ועדת הספריה בשנת 1930 — ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג אין יאָר 1930

מימין (פון רעכטס): נחמה קפלן, אלתר גרינפלד, לאה קפלן, יצחק סטולר, מרדכי שימשלביץ.

מלכה פאלוזשסקי — כפר סבא

מיין שטעטל קארעליטש

.1

אַ שטעטל — אַ ליטוויש, ביים ברעג פון דער רוטקע.
אַ טייכל — אַ קליינס, ווי אַ לענטע געדרייט זיך,
אָן שיפן, אָן באַרקעס, אַפילו קיין לאָדקע.
דאָ האָבן יידן געלעבט און געפרייט זיך.

.2

אַזוי זיך אַ שטעטל, געוויינלעך ווי אַלע,
געפלאַסטערט מיט ברוק, באַזעצט פול מיט קראָמען.
אַ ביימל, אַ גרעזל, אַ בלאָמקע, אַ סקאַלע,
אַ גאַס אין אַ געסל געפלאָכטן צוזאַמען.

.3

פון וואָס האָבן יידן געלעבט אין דעם שטעטל?
פון וואָס נאָר איר הערט און איר קלערט:
פון מסחר, פון מלאכה, פון באַקן אַ ברייטל,
פון וואָס נאָר אַ גראָשן עס ווערט.

.4

אייניקע יידן — געגרטנער געוועזן.
פאַרעסקט אין זייען און קלייבן.
יעדן פרימאָרגן געפלויגן מיט ברען
דעם מסחר מיט אוגערקעס טרייבן.

.5

ווינטער פרימאָרגן, עס סקריפעט דער שניי.
די פענצטער מיט פראָסטיקע בלומען פאַרצירט.
פאַרוויקלט אין טיכער קרעמערקעס צוויי,
לענג אויס די קראָמען מען מאַכט אַ שפּאַציר.

.6

רואיק, געמאָסטן איז ס׳לעבן געפלאָסן
אין שטעטל קאַרעליטש, פערפאַסט אין דעם טייך.
פון גרויסע עשירות כמעט נישט געגאָסן,
נישט זייער אָרעם און נישט געגוג רייך.

.7

די יוגנט אין שטעטל — חבריש פאַרבונדן,
אין חלוצישער אַרבעט געזוכט שטעט דעם ציל.
עס זענען סאָציאַלע מחיצות פאַרשוואונדן,
דער זעלביקער הורה, דער זעלביקער קאַדריל.

.8

דעם פלאַמיקן הורה, אַלע ווי איינער,
אין חלוצישע סניפים געטאַנצט מיט פאַטאָס.
געאַרעמט, געוויגט זיך, צעוואָרעמט די ביינער,
געברויזט מיט ענערגיע כמעט אָן א מאָס.

.9

רב משה אברהם אויף די עלטערע יאָרן,
שלעפט זיך קוים אום. האַלב בלינד שוין כמעט,
דאָך קומט ער כסדר באַשטעלן די פאָרן
אויף קרן קיימת — זיין הייליקער טאַט.

.10

מען מאַכט א באַזאַר אויף ציוניסטישע צוועקן,
קומט אַלטיטשקער ווידער מיט חברה צוגלייך.
ער קומט שוין פאַרטאָג אין שטוב צו דיר וועקן,
ער וויל אומבאַדינגט וויסן צי די קאַסע איז רייך.

.11

עס נעמען אַן אָנטייל אין לעבן די לערער
פון יידישער שולע דאָ אויפן אָרט.
זיי דערציען חלוצים און הויבן אַלץ מערער
דעם רוח פון צייט אין גייסטיקן ספאָרט.

.12

מען מאַכט סעמינאַרן, מען גיט רעפעראַטן,
א לעבעדיקע צייטונג, פיל האַרציקן שפאַס.
ווערט ער באַליידיקט? עס וועט אויך נישט שאַדן,
מען טראָגט זיך מיט לוסט און געלעכטער אין גאַס.

.13

אַזוי וואָלט זיך ווייטער דאָס לעבן געפלאָסן,
ווען נישט דאָס געוואַלדיקע בראָך,

ווען היטלער האָט פּוילן פאַרניכטעט, געשאָסן,
גענומען אינגאַנצן אין יאָך.

.14

דאָס שרעקלעך געשפּענסט האָט קאַרעליטש געמיטן.
געוואָרן פון רוסלאַנד אַ קינד.
דאָס געוויינלעכע לעבן האָט גלייך זיך געביטן,
אַלעס אַוועק מיטן ווינט.

.15

דער חלוץ איז דאַן פּראָלעטאַריער געוואָרן,
אַריין אין דער אַרבעט מיט נעגל און ציין.
דעם גייסטיקן פאַרמעגן פון פריער פאַרלאָרן,
קיין נייע נישט געפונען, געמוזט מיט „זיי" גיין.

.16

עס וואָלט זיך נאָך איינשטעלן ס׳לעבן פּאַוואָליע,
ווען נישט די הידרע אין היטלער געשטאַלט,
ווען נישט די אויסראָטונג, דאָס שרעקלעכע בהלה,
וואָס טויט און פאַרניכטונג אין זיך אַנהאַלט.

.17

שטום שטייען הייזלעך, מען הערט נישט קיין קלאַנג,
מען זעט נישט קיין יידישן פּנים אין גאַס.
מען הערט נישט קיין לאַכן, קיין היימישן געזאַנג
פון קינדער, וואָס לויפן אַ היים פון דער קלאַס.

.18

עס איז אַלץ פאַרשוווּנדן, ווי קיין מאָל געוועזן.
דאָס שטעטל פאַרגעסן, די יידן שוין טויט.
ביז גרונט אויסגעטריקנט דאָס יידישע וועזן.
די אַש פון די קדושים צעזייט און צעשפּרייט.

.19

ביי דער אזכרה, ביי די שוואַרצע ליכט
דערמאָן איך אַלע צוזאַמען...
איך זע דיך מיין ברודער, דיין ליבן געזיכט...
באַהעפט מיך מיט אייך טאַטע־מאַמע...

חסיה טורטל (אברז'נסקי)

עיירתי

עיר מולדתי קורליץ שהיתה נעוצה, כפנינת חן, בתוך המשבצת הכללית של עיירות יהודיות קטנות, מפוזרות בין יערותיה, ביצותיה, גבעותיה ונהרותיה של רוסיה הלבנה, תוכל לשמש דוגמא, לתופעה קלסית היסטורית, של רקמת חיים יהודיים מקוריים. מתוך תלי החרבות של אלפי עיירות יהודיות מצטיירת עיר מולדתי בכל הדרה, יפעתה וטר־גיותה, שרשיה נעוצים בתוך רקע היסטורי, של נסיכים פולניים, ליטאים, ראשי משטרה צאריים, פקידים אנטישמיים ותליינים גרמניים.

על אף כל ההגבלות, הרדיפות והגזרות של השלטון הזר, הצליחה עיירתי לרקום את מסכת חייה ולרתק חוליה אחרי חוליה בשלשלת הדורות. הנה השוק המרובע על שתי שורות החנויות שלו. הנה בית אבא, הישן־המחודש, שנהפך במשך דורות למין מוסד ציבורי. הנה בית הספר „תרבות", בית הרב ויתר מוסדות העיירה הציבוריים. התכונה המאפיינת את העיירה, היא ההכרה המשותפת והמאחדת מלחמת הקיום הרוחנית והלאומית לשם המשך הדורות.

נקודת הכובד בה התמזגו והתגבשו, זכרונות העבר ההיסטורי הארוך, מלחמת הקיום היום יומית החומרית, העמידה הגאה מול השלטון העויין הזר וההתירה לקראת עתיד של עיצוב חיים אישיים בתוך מסגרת תחיה לאומית, סוציאלית ורוחנית כללית היה הנוער היהודי. הכרתו, חוויותיו, כל פרצופו הרוחני והנפשי, ינקו מתוך הרגשה לאומית ציונית.

הציונות לא באה לנוער כתוצאה מתעמולה ולימוד, הציונות הועברה כנכס משפחתי, לאומי והיוותה את כל מהותה הכללית. את מרצו, כוחותיו הרוחניים והנפשיים הוא השקיע בתנועות הנוער הציוניות: „החלוץ", החלוץ־הצעיר", „השומר הצעיר" וכו'. פעיל היה הנוער. כל צעד ושעל היה מכוון לקראת מטרה אחת — גאולה אישית ולאומית.

חיי העיירה היו תוססים, ערים, מפכים ומעלים הד בכל השטחים. הנוער אירגן את הספריה, שהלכה וגדלה מתוך רכישת ספרי ילדים; הלהקה הדרמתית, נשפים מוקדשים לשיחות על כל מיני נושאים ספרותיים ופוליטיים היוו הרוח החיה והמניע של העיירה שלי.

עולה הנוער היהודי בקורליץ, נערים ונערות, חברים וחברות של ספסל הלימודים, תנועת הנוער, שיחד רקמנו את חלום־הזהב של גאולת־העם, שחרור־האדם ובנין־ארץ־ישראל.

עקבי היה הנוער בקורליץ, עד למסירת נפש על מזבח האידיאלים שלו. רבה היא

התרומה, שתרם הנוער בקורליץ לעליה, לחלוציות ולבנין הארץ. יש והשאיפה לחרוג מתוך המסגרת הצרה שמלאה את נפשו של הנוער, המריאה גם מחוץ לגבולות התחיה הלאומית. המהפכה הרוסית גלשה והציפה גם את הנוער היהודי, שעיניו סונוורו מהמאורע ההיסטורי של זיעזוע אשיות הצאריזם והקמת חברה חדשה. צעירים נלבבים שרצו לדחוק את הקץ, יש ותעו מתוך השדות והיכרות של הסביבה הלאומית־ציונית ועברו לתנועה המהפכנית הרוסית.

ההרגשה הלאומית היתה החזקה והמקורית ביותר. בעליה ובחלוציות ראו את הגשמת האידיאל של תחיה לאומית־יהודית והקמת חברה של אֲשיות הצדק והיושר.

עיירתי קורליץ, חרבה והרוסה. אנו השרידים, שנצלנו בכל מיני דרכים וזכינו לבוא לארץ־ישראל, נרכין ראשינו לפני אחינו ואחיותינו, שהועלו על הגרדום.

נתיחד עם זכרם של חברינו וחברותינו שיחד אתם חלמנו את חלום הגבורה היהודית והגאולה הלאומית.



מימין יושבים — שורה א׳ (פון רעכטס זיצן — ערשטע ריי): מרדכי מלכיאלי (קרולבצקי), ברכה קפלן, גיטל לונדין, חיים קפלן. **שורה ב׳ (צווייטע ריי)**: יצחק סטולר, סוניה קפלן, יוסף פורטנוי, משה אליהו שוסטר, דוד פורטנוי, פסיה אפרוימסקי, מרדכי לוין, שיינדל פערעוועלוצקי (קוזניץ). **שורה ג׳ (דריטע ריי)**: משה גרשנובסקי, בערל ליפשיץ, רויזע ליפשיץ, הרשל זלמנסקי, יהודה לויט, אברמוביץ, נח גרשנובסקי, מאָטל ליפכין, לעמע בן־חיים, קלמן בצלאל אושרוביץ.



„החלוץ הצעיר" בשנת 1928

מימין — שורה א׳ (פון רעכטס — ערשטע ריי): חיים סטולר, אבע ניסלויץ. **שורה ב׳ (צווייטע ריי)**: אברהם גורודיסקי, חיה מורדוכוביץ, הניה איזרעליט, פניה ליפשיץ, ..., לאה טרויביצקי, חיה־לאה שרשבסקי, עטי ליפשיץ. **שורה ג׳ (דריטע ריי)**: משה סטולר, מרים שקולניק, מנוחה אברמוביץ, יהודית ברקוביץ, ..., שירקע דושקין, יוסף פורטנוי אלקה ברקוביץ, שרה זלמנסקי, לאה גרשנובסקי, מיכאל יעלין. **שורה ד׳ פערטע ריי)**: חיים בולוטניצקי, חסיה אברז׳נסקי (טורטל), ..., פריידל קוזניץ, פריידל שאפירא, ישעיהו בולוטניצקי, שרה זלמנסקי, יונה יעלין, לאה קפלן, יהודה מייערוביץ.

„השומר הצעיר" בשנת 1936



אלתר באיארסקי

קאַרעליטש פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה

קאַרעליטש האָט געהאַט אַ שיינע לאַנדשאַפט. אַרומגערינגלט צווישן בערג און טאָלן, מיט קלענערע און גרעסערע וועלדער און מיט פילצאָליקע דערפער און כוטאָרעס איז שטיל געפלאָסן דאָס יידישע לעבן אין שטעטל.


וועגן דער אַנטשטייונג פון שטעטל איז באַוווּסט, אַז מיט הונדערטער יאָרן צוריק, האָט אַ פריץ מיטן נאָמען קאַרעליטש — אַ אוהב־ישראל — באַשלאָסן צו אַנטוויקלען זיינע גיטער אין דער געגנט. צו דעם צוועק האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון מינסק אַ ייד און אים דאָ באַזעצט אַלס אַרענדאַטאָר. דער ייד האָט געבראַכט זיינע קרובים, מ׳האָט געעפנט אַ קרעטשמע ביי דעם טראַקט און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן גויים. שפּעטער האָבן זיך יידן באַזעצט אין שטעטל, זיי האָבן אַרענדירט פעלדער און וועלדער, געהאַנדלט מיט תבואה און גערטנער, און די יידישע באַפעלקערונג איז געוואָקסן פון יאָר צו יאָר.

די וויכטיקסטע פרנסות זיינען געווען דער האַנדל מיט סעדער און גערטנער, קלענערע און גרעסערע קרעמער און זייער פיל בעלי־מלאכות, „עמך־יידן״. די תבואה־סוחרים און די וואַלד־הענדלער זיינען געווען די מיוחסים פון שטעטל, יידן האָבן אויך געהאַנדלט מיט פאַקטן. די קאַרעליטשער קעזלעך האָבן געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער גובערניע.

פאַר איר לאַנגער געשיכטע האָט זיך דאָס שטעטל שיין אַנטוויקלט און פונאַנדער־געבויט. קאַרעליטש האָט געהאַט אַ שיינע פּאַנאָראַמע. דער צענטער — דער מאַרק, האָט זיך געפונען אויף אַ בערגל און פון אים האָבן זיך געצויגן באַרג אַראָפּ אַלע גאַסן און געסלאַך. ביים סוף פון שטעטל זיינען געווען צעשפּרייט די מיעשטשאַנסקע כאַטקעס מיט זייערע סעדער און גערטנער.

אַ ברייטער שליאַך האָט אַדורכגעשניטן די גאַסן זאַלעמאַנקע, דעם מאַרק און די פּאָשטש־גאַס. פון דאַנען איז געגאַנגען דער וועג קיין נאָוואָגרודעק און פון דער צווייטער זייט קיין טורעץ און קיין מיר. צו דער גובערנסקער שטאָט מינסק איז געווען אַ מרחק פון אַ 110 קילאָמעטער.

קאַרעליטש האָט געהאַט אַ גאָר אַלטן בית־עולם מיט יחוסדיקע מצבות. די אַלטע קאַלטע־שול איז געווען אַ גרויסער קונסטווערק, פון האָלץ געבויט און באַפּוצט מיט



רחוב הדואר — פּאָטשטאָווע גאַס.

שיינע קינסטלערישע אויסשניצערייען. די שול איז געווען הויך און רחבותדיק. דער ארון־הקודש איז געווען אַ גרויסער שיינער קונסט־ווערק פון אַלטן סטיל, באַפּוצט מיט פאַרשיידענע פיגורן. דאָס איז געווען די איינציקע קאַלטע שול אין דער געגנט מיט וועלכער די קאַרעליטשער יידן האָבן זיך געיחוסט.

אַנטקעגן דער קאַלטער שול איז געווען דער גרויסער בית־מדרש. דאָס איז געווען אַ שול פאַר „עמך", דאָרט האָבן געדאַווענט די קליינע קרעמער און בעלי־מלאכות. אַרויף צום מאַרק אַנטקעגן דעם רבס הויז איז געווען דער צווייטער בית־מדרש. דאָ האָבן שוין געדאַווענט די בעלי־בתים פון שטעטל: די תבואה־סוחרים, שניט־קרעמער און אַנדערע מיוחסים. אַנטקעגן דעם בית־עולם אַראָפּצו, איז געווען דאָס קוידינאָווער חסידישע שטיבל. דאָרט האָבן געדאַווענט נאָר חסידים, דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געווען קצבים, סוחרים פון בהמות און סתם יידן. אַראָפּצו פון דעם חסידישן שטיבל ביזן פלויט פון בית־עולם איז געווען דער שטאָטישער מרחץ. ווייטער אַראָפּצו נאָכן בית־עולם איז געווען די שטאָטישע בוינע. אין ראָג פון געסל, ביים שול־הויף איז געשטאַנען דעם רבס הויז, און פון זיין הויז האָט זיך אָנגעהויבן דעם רבס געסל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט ביים מאַרק.

דער מאַרק איז געווען דער צענטער פון שטעטל, און איז געווען ברוקירט. אין מיטן מאַרק זיינען געשטאַנען ראַדן מיט קראָמען, וואָס האָבן געהערט אויסשליסלעך צו יידן.

אין די קראָמען האָט מען געקענט קויפן פון אַלץ וואָס מ׳האָט באַדאַרפט. די גויים פון די דערפער פלעגן קומען צום מאַרק־טאָג — מיטוואָך, און זיך אָנקויפן מיט אַלץ אין וואָס זיי האָבן זיך גענויטיקט: זאַלץ, הערינג מיט לאַק, טאראנעס, צוקער, זייף, נאַפט און אַנדערע זאַכן. די גויים ווידער האָבן פאַרקויפט זייערע זאַכן: תבואה, הינער, אייער, פוטער און קעז. דער מאַרק־טאָג האָט געגעבן פרנסה די יידן אויף אַ גאַנצער וואָך.

ביים אָנהויב פון די ראַדן־קראָמען ביזן קלויסטער און צווישן די הייזער ביים אָנהויב פון מאַרק איז געווען אַ גרויסער שטאָט־ברונעם, וואָס אַלע מאָל פלעגט מען אים דאַרפן מאָנטירן און זעלטן ווען מ׳האָט אַרויסגעשעפט פון אים ריינע, פרישע וואַסער, דערפאַר אָבער האָבן די קאַרעליטשער יידן געהאַט אַ גרויסן ברונעם אויפן שול־הויף וואָס איז געווען פול מיט מים־חיים, און די וואַסער איז געווען ריין, קאַלט און פריש. אַראָפּ זאַלאַמאַנקע, וואָס האָט געפירט קיין נאָוואָגרודעק, איז ניט געווען קיין ברונעם, נאָר אַ קוואַל, האָט מען אים גערופן, ווייל פון אים האָט מען געשעפט קאַלטע קוואַל־וואַסער. דער קוואַל האָט זיך געפונען צווישן די צוויי קרעטשמעס וואָס קאַרעליטש האָט פאַרמאָגט. שטענדיק איז דאָרט געווען דער זאַמל־פונקט פון מענטשן און פערד. די פערד פלעגן זיך אָנטרינקען מיט קאַלטן וואַסער, און די גויים מיט בראָנפן. אין די קרעטשמעס דאָרטן האָבן זיך אויך שטענדיק געפונען די קאַרעליטשער פאָליציי. ביידע קרעטשמעס זיינען געווען אַ מקור פון די לעצטע נייעס — בפרט ווען דאַן איז ניט געווען אַ מאָדע צו לייענען צייטונגען, נאָר די יידישע בעלי־העגלות, וואָס פלעגן פאָרן אין די ווייטע מרחקים פלעגן ברענגען די לעצטע נייעס פון דער וועלט. אין יענע יאָרן האָט מען גערעדט וועגן פאָגראָמען, רדיפות און אומגליקן, און פון צייט צו צייט פלעגט מען אויך הערן בשורות טובות.

אויף דער זאַלאַמאַנקע גאַס, אויף אַ בערגל, ביים זייט פון קאַרעליטשער פריצישן הויף איז געשטאַנען דער איינציקער פּראַוואָסלאַוונער קלויסטער מיט זיינע הויכע טורעמס. אין די זונטיקדיקע טעג און אין די גוייִשע יום־טובים פלעגט אַרום קלויסטער זיין פול מיט גויים און וועגענער, מיט זייערע נאַציאָנאַלע מלבושים. נאָך די תפילות פלעגן די גויים גיין אין יידישע קראָמען צו אָנקויפן זיך מיט פאַרשיידענע זאַכן.

דאָס יידישע לעבן האָט שטאַרק פולסירט: ס׳זיינען געווען פיל חדרים ווי יינגלעך האָבן געלערנט תורה: חומש, תנ״ך און גמרא. פון די חדרים פלעגט מען אַוועקגיין לערנען אין ישיבות. אין די בתי־מדרשים פלעגן אויך יידן שטענדיק לערנען, ס׳זיינען געווען פאַרשיידענע חברה׳ס: חברה תהלים, חברה משניות, חברה ש״ס. מ׳האָט געלערנט צווישן מנחה און מעריב אַ בלאַט גמרא, אַ פּרק משניות. דאָס כסא הרבנות האָבן שטענדיק פאַרנומען די גרעסטע רבנים פון יענער צייט.

פאַר די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט אויך קיין קאַרע־ליטש דערגרייכט די השכלה־באַוועגונג צוזאַמען מיט די ערשטע סאָציאַליסטישע שפּראַ־

צונגען. ס׳האָבן זיך געגרינדעט פאַרשיידענע פּאָליטישע גרופּירונגען, וועלכע זיינען געווען אָנגעלאָדן מיט פאַרשיידענע אידייעס: סאָציאַליזם, ציוניזם. די בעלי־מלאכות און אָרעמע מענטשן האָבן געטרוימט פון בעסערע צייטן: פון פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט. אין שטעטל האָט זיך געגרינדעט אַ ביבליאָטעק. די יוגנט האָט אָנגעהויבן צו לייענען ביכלעך, מ׳האָט אָרגאַניזירט קעסטל־אָוונטן, דיסקוסיע־אָוונטן, מ׳האָט געהערט לעקציעס אויף פאַרשיידענע טעמעס: סאָציאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ליטעראַטור, יידישע, רוסישע, העברעישע. ס׳האָט זיך אויך געגרינדעט אַ דראַמאַטישער קרייז וועלכער האָט געשפּילט פאַרשיידענע פּיעסן.

אין יענער צייט פלעגן זיך די אומלעגאַלע קרייזלעך פאַרזאַמלען און לייענען בשותפות אומלעגאַלע ליטעראַטור. געוועזענע ישיבה־בחורים פלעגן האַלטן פלאַמענדיקע רעדעס וועגן רעוואָלוציע. יעדן שבת פלעגט מען אַוועקגיין אין וואַלד און מאַכן „סכאָדקעס". דער רודישטשער וואַלד איז געווען דער צענטער פון אַלע אַפּיקורסים און בונטאָווטשיקעס וואָס האָבן געוואָלט אַראָפּוואַרפן דעם קיסר. פרייטיק צו נאַכט נאָך קבלת־שבת, ווען טאַטעס און מאַמעס זיינען שוין געשלאָפן, פלעגן יונגעלייט אַראָפּרייסן דעם שלאָס פון אַלטן בית מדרש און מ׳פלעגט דיסקוטירן אויף פאַרשיידענע טעמעס, און דער עיקר קעגן צאַרישן רעזשים.

אין אַ זומערדיקן שבת נאָך מיטאָג, פלעגן די יידן זיך לאָזן נאָך דעם טשאָלנדיקן שלאָף, צו דער מילנער גאַס, באַרג־אַראָפּ, כדי צו כאַפּן פרישע לופט אין וואַלד. די וועג איז שטענדיק געווען שוואַרץ פון מענטשן, איבערהויפּט יוגנט. אַזוי האָבן די קאַרעליטשער יידן געלעבט מיט זייער פרייד און צער, מיט זייערע שטרעבונגען און מיט זייערע זאָרגן און האָפענונגען אויף בעסערע צייטן. אַזוי איז געווען דער שטייגער פון די הונדערטער קאַרעליטשער יידן און פון די יידן פון פיל הונדערטער שטעטלעך פון דער געגנט.

קאַרעליטש האָט אַרויסגעגעבן פיל גרויסע פערזענלעכקייטן, סיי לערנער ווי אויך קעמפער. זיי האָבן געוווּסט ווי צו לעבן אָבער האָבן אויך געוווּסט ווי צו קעמפן פאַרן קיום העם והאָרץ.

מרדכי מאירוביץ

זכרונות פון דער אלטער היים

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז קאַרעליטש געווען אַ לעבעדיק, יידיש שטעטל. ס׳האָבן געלעבט אַריבער 2000 יידישע נפשות. ווי אין אַלע יידישע שטעטלעך איז ביי אונדז געווען אַ רב, שוחטים און סתם יידן — למדנים, וועלכע האָבן געהאַט סמיכות אויף רבנות. אין צענטער פון שטעטל איז געווען אַ שולהויף מיט אַ שול, 2 בתי מדרשים און אַ חסידיש שטיבל. אין די בתי מדרשים פלעגן שטענדיק זיצן און לערנען פיל יידן, ישיבה־בחורים.

אין קאַרעליטש זענען געווען פאַרשיידענע חברות און צדקה־אינסטיטוציעס, ווי: אַ פאָלקס־באַנק, אַ לינת־הצדק, אַ חברה־קדישא, אַ חברה־תהילים, אַ גמילת חסדים־קאַסע, אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אַ דאַנק וועלכער אַ סך יידן זענען אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל.

יעדן ט״ו בכסלו פלעגט חברה קדישא אויסהענגען אין בית המדרש אויף די ווענט פרוכתן און נאָך דעם תענית און צום סוף פון די סליחות פלעגט די חברה קדישא מאַכן אַ סעודה כיד המלך. אויך פרויען זענען געווען אין דער חברה קדישא און די פרויען פלעגן פראַווען די סעודה באַזונדער.

אין קאַרעליטש איז געווען אַ „פאָזשאַרנע קאָמאַנדע״, אָרגאַניזירט און אָנגעפירט דורך יידן. דער פאָזשאַרנע־אָרקעסטער האָט געהאַט אַ גוטן שם אין דער סביבה, אין אַלע דערפער און שטעטלעך אַרום. קאַרעליטש פלעגט דינגען דעם אָרקעסטער צו שפּילן אויף חתונות.

דאָס שטעטל אַליין האָט זיך געפונען אין אַ שיינער און רייכער סביבה, אַרומגע־רינגלט מיט וועלדער, סעדער און פעלדער. אַרום קאַרעליטש זענען געווען פיל דערפער און יעדע וואָך פלעגט ביי אונדז פאָרקומען אַ מאַרק־טאָג און ס׳פלעגן זיך אָנפאָרן הונדערטער פורן אויפן מאַרק, און דער מסחר האָט געבליט. אַ חוץ דעם זענען געווען אין קאַרעליטש 15 יאַרידן אַ יאָר. די קאַרעליטשער יאַרידן האָבן געהאַט אַ שם אין דער געגנט. ס׳פלעגן זיך צונויפפאָרן סוחרים פון דער ווייט. דאָס שטעטל האָט געלעבט פון די יאַרידן.

טיפּן און פּאַסירונגען אין קאַרעליטש

אין קאַרעליטש איז געווען אַ קרעמער. געהייסן האָט ער שייע בראַנקעס. ער איז געווען אַ גוטער בעל־תפילה. ער האָט אָרגאַניזירט אַ כאָר פון אַ סך בחורים. זיין

דאַוונען האָט געהאַט אַ שם אין דער געגנט. ערב די יום־טובים פלעגן אָנפאָרן אין קאָרעליטש פיל יידן־ישובניקעס, וועלכע האָבן געלעבט אין די דערפער, צוזאַמען מיט זייערע משפחות. כדי צו הערן דעם חזן שייע בראַנקעס מיט זיין כאָר. אין שטעטל האָט מען געפילט דעם יום־טוב.

אין קאָרעליטש זענען געווען איידעמס, וואָס פלעגן זיצן אויף „קעסט". בעלי־בתים פלעגן אַוועקפאָרן אין די ישיבות און פלעגן אויסקלייבן ישיבה־בחורים אַלס חתנים פאַר זייערע טעכטער. ביי שייע בראַנקעס זענען געווען 7 טעכטער און פאַר אַלע טעכטער האָט ער גענומען ישיבה בחורים, וועלכע האָבן געהאַט סמיכות אויף רבנות, פאַר איידעמס. ער האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו זיצן און לערנען ביז זיי פלעגן ווערן אַ רב.

אין קאָרעליטש איז געווען אַ פרוי אַ צדקנית — דבורה פאַראַשיסקער. זי פלעגט העלפן די ישיבה־בחורים מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט: זי פלעגט זיי באַזאָרגן מיט „עסן־טעג" ביי בעלי־הבתים, געוואַשן פאַר זיי וועש און אויך געזאָרגט וועגן אַ מלבוש פאַר זיי.

מיין פאָטער עליו השלום, ווי אויך אַהרון־יאַנקל דער מלמד, פלעגן זיך אויך אָפּגעבן מיט די ישיבה־בחורים, אָדער די פרושים, ווי מ׳פלעגט זיי רופן.

איך געדענק איינעם פופקא. ער איז געווען אַן אָנגעלייענטער, באַוווסטזיניקער, קולטורעלער בחור. ער איז געווען כמעט בלינד. צו אים פלעגן קומען רעוואָלוציאָנערע בחורים (געווען איז דאָס פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין יאָר 1905) און מ׳פלעגט אָפּהאַלטן זיצונגען, אויך לייענען פאַרבאָטענע ביכלעך.

ווען ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1907, זענען פיל בחורים און מיידלעך אָנגעפאָרן פון די אַרומיקע שטעטלעך צו דער לוויה. מ׳האָט אים מספיד געווען און גערעדט וועגן אים און זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

✡

אין קאָרעליטש איז געווען אַ ציוניסט, ר׳ משה־אַברהם דער שוחט. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען זייער אַקטיוו. ער פלעגט קלייבן געלט פאַרן „קרן קיימת לישראל" און האָט אָרגאַניזירט אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין שטעטל. דאָס האָט אַרויסגערופן פאַרדאַכט ביי דער פּאָליציי. אין יאָר 1907, אין אַ שבת נאָך מיטאָג, האָט ר׳ משה־אַברהם דער שוחט דערזען דורכן פענצטער, אַז ס׳גייט צו אים אין שטוב דער אוריאַדניק מיט סטראַזשניקעס. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי גייען מאַכן אַ רעוויזיע ביי אים. דאַן האָבן זיך ביי אים אין שטוב געפונען ביכער, מאַטעריאַלן און בלאַנקען פון קרן קיימת. איידער זיי האָבן באַוויזן צו עפענען די טיר, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט צו דער וואַנט און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער דאַוונט און ער האָט

זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. דער אוריאַדניק מיט די סטראַזשניקעס האָבן געַ־וואַרט ביז ער וועט ענדיקן דאַווענען.

דאָן איז אַרויס זיין פרוי פון שטוב און גערופן אַ פּאָר יינגלעך. אויך איך בין געווען צווישן די יינגלעך. מיר האָבן זיך אַריינגעגנבעט דורכן שטאַל אין שטוב און פון אַ זייטיקן צימער, אומבאַמערקט פאַר דער פּאָליציי, האָבן מיר דורכן פענצטער אַרויסגעטראָגן די שאַפּקע מיט די ביכער און מאַטעריאַלן צום שכן ר׳ אשר־משה דעם גלעזער אין שטאַל. אויבן האָבן מיר פאַרשאָטן מיט שטרוי און מיט מיסט און אויף דעם פּלאַץ אַוועקגעשטעלט די קו.

ר׳ משה־אַברהם האָט געענדיק דאַווענען מנחה, צוגעגאַנגען צום אוריאַדניק און אים געפרעגט, וואָס ער וויל. דער אוריאַדניק האָט געענטפערט, אַז ער איז געקומען מאַכן ביי אים אַ רעוויזיע. זיי האָבן געזוכט אין יעדן ווינקעלע און פאַרשטייט זיך גאָרנישט ניט געפונען. נאָכער זענען זיי אַוועק אין שטאַל פון ר׳ משה־אַברהם, געזוכט און אויך נישט געפונען. אויך ביי דעם שכן ר׳ אשר־משה דעם גלעזער אין שטאַל האָבן זיי געזוכט. זיי איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז אויף דעם פּלאַץ, ווו עס שטייט די קו געפינען זיך די מאַטעריאַלן. דער אוריאַדניק האָט באַפוילן, אַז ער זאָל זיך צושטעלן צום פּריסטאַוו אין שטעטל מיר. ביי אונדז איז געווען אַ בעל־הבית ר׳ לייבע־אליהו און ער האָט גערעדט אַ פיינעם רוסיש, האָט ער געפועלט ביים אוריאדניק, אַז ער זאָל אָפּלאָזן ר׳ משה־אַברהמען אַ היים. ר׳ משה־אַברהם האָט ווייטער פאַרגעזעצט זיין אַרבעט פאַרן ציוניזם. נאָך דעם פאַל מיט דער רעוויזיע, איז אים דער ציוניזם געוואָרן ליבער און טייערער. ער האָט געבעטן די יידן מ׳זאָל אים העלפן צו קלייבן געלט פאַרן „קרן קיימת לישראל״.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, שוין פאַר די פוילישע צייטן, האָט מען געפירט די ציוניסטישע טעטיקייט לעגאַל. מ׳האָט געדונגען אַ לאָקאַל, געמאַכט פאַרזאַמלונגען, געהערט רעפעראַטן און פאַרלעזונגען וועגן ציוניזם און ארץ־ישראל און דער ציוניסטי־שער געדאַנק האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די יידן אין קאַרעליטש.

✡

אין קאַרעליטש איז געווען אַ טראַדיציע, אַז יום־כיפור נאָך מנחה פלעגט מען פאַרקויפן די פתיחה־נעילה, ד. ה. ביים דאַווענען נעילה עפנט מען אויף די טירן פון אָרון־הקודש. אין שטעטל האָט געוווינט אַ ייד, בערל־דוד, אויף דער מיל גאַס, לעבן טייך. יאָר־יאָר פלעגט ער קויפן די פתיחה־נעילה. איין מאָל האָט זיך דער עולם צעבונטעוועט און מ׳האָט אים נישט געוואָלט פאַרקויפן די פתיחה־נעילה. מ׳האָט ספּעציעל אָנגעבאָטן אַזאַ סומע געלט, אַז בערל־דוד האָט נישט געקענט באַצאָלן. ס׳איז געוואָרן אַ טומל אין שול, ר׳ בערל־דוד האָט זיך צעהיצט און דער עולם האָט אים נישט געוואָלט נאָכגעבן.

יענעם יום־כיפור האָט געדאַווענט אין שול אַ גביר, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף יום־כיפור אין קאָרעליטש. אַז ס'איז געוואָרן אַ גרויסער טומל, האָט ער געפרעגט, וואָס ס'האָט פּאַסירט. האָט מען אים דערציילט, אַז יעדן יאָר האָט ר' בערל־דוד די חזקה פון פתיחת־נעילה, אָבער הײַ־יאָר איז ער אָרעם געוואָרן און האָט נישט צו באַצאָלן. האָט זיך אָפּגערופן דער גביר, אַז ער צאָלט פאַר ר' בערל־דודן די סומע געלט, וואָס די יידן האָבן אָנגעבאָטן, כדי ר' בערל־דוד זאָל אויך דאָס יאָר עפענען די טירן פון אָרון־קודש צו פתיחה־נעילה. און אַזוי פלעגט דער גביר שיקן בערל־דודן געלט יעדעס יאָר, בכדי ער זאָל קענען פאַרזעצן די טראַדיציע פון קויפן פתיחה־נעילה. אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז בערל־דודס טויט.

אין קאָרעליטש איז געקומען אַ רב, ר' קאַגאַן, וועלכער האָט איבערגענומען דעם כסא הרבנות. צו אים איז געקומען ר' חיים־נאָטע דער מלמד, איז ביי אים געזעסן אַ שטיקל צייט און איז אַוועק. נאָך זיין אַוועקגיין האָט זיך דער רב אַרומגעזען, אַז פון זיין טיש זענען פאַרשוווּנדן 100 רובל. דער רב האָט באַפוילן צו רופן צוריק ר' חיים־נאָטע דער מלמד. ווי נאָר ר' חיים־נאָטע איז אַריין צום רב אין שטוב, האָט אים דער רב געזאָגט, אַז ער איז אים חושד, אַז ער האָט צוגענומען פון טיש די 100 רובל. ר' חיים־נאָטע מלמד האָט גענומען אַ גמרא פון טיש און געשוווירן, אַז ער האָט בכלל קיין געלט נישט געזען ביים רב אויפן טיש. דער רב האָט ר' חיים־נאָטען אַראָפּגעלאָזן אַ פייערדיקן פּאַטש און האָט געזאָגט, אַז נאָר ער האָט צוגענומען דאָס געלט.

ר' חיים־נאָטע דער מלמד איז פון גרויס חרפה קראַנק געוואָרן.

אַ פרייטיק איז אַריין די פרוי פאַראשיסקער, וואָס האָט זיך מטפל געווען מיט די ישיבה־בחורים, צו אַ ישיבה־בחור, וועלכער איז איינגעשטאַנען ביי אַ יידן אויף „סטאַנציע". זי האָט אים געבראַכט ריינע וועש. די פרוי האָט באַמערקט, אַז דער ישיבה־בחור איז קראַנק. ער האָט געבעטן דער יידענע, זי זאָל פון זיינע הויזן אַרויסנעמען 20 קאָפּיקעס און קויפן ריצנאייל. די פרוי האָט אַרויסגענומען 99 רובל, האָט צוגענומען דאָס געלט און איז געקומען צו מיין פאָטער און געזאָגט: ר' נחום־קאָפּל, איך האָב געפונען ביי דעם פרוש 99 רובל, דאָס מוז זיין דעם רבס געלט, וואָס זענען פאַרשוווּנדן. אַמאָליקע צייטן איז 100 רובל געווען אַ גרויסע סומע געלט און ווי קומט צו אַן אָרעמען פרוש אַזוי פיל געלט? מיין פאָטער האָט צוגענומען ביי איר דאָס געלט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער רב איז אומזיסט חושד ר' חיים־נאָטען דעם מלמד אין גניבה. זונטיק, איז מיין פאָטער אַוועק צום רב און האָט אים געזאָגט, אַז דאָס געלט, וואָס איז ביי אים פאַרשוווּנדן, האָט מען געפונען ביי דעם פרוש און נישט ביי ר' חיים־נאָטע דעם מלמד. דער רב האָט זיך דערמאָנט, אַז אין יענעם טאָג, ווען עס איז ביי אים געווען ר' חיים־נאָטע, איז ביי אים אויך געווען דער פרוש. דער רב האָט אויסגעשריען: וואָס טוט מען מיט ר' חיים־נאָטע? איך האָב אים אומזיסט חושד געווען אין גניבה. זאָגט מיין פאָטער,

אַז דער רב דאַרף בפני כל העם והעדה בעטן ביי ר׳ חיים־נאַטען מחילה. מען האָט גערופן ר׳ חיים־נאַטען אין שול אויף דער בימה און דער רב האָט עפנטלעך געבעטן מחילה ביי ר׳ חיים־נאַטען. דער רב האָט צוגעגעבן, אַז ר׳ חיים־נאַטע איז אַ צדיק און צדיקים דאַרפן אָפּקומען אויף דער וועלט — איז דאָס פאַר ר׳ חיים־נאַטע אַן אָפּקומעניש אויף דער וועלט.

נאָך אַ שטיקל צייט איז ר׳ חיים־נאַטע נפטר געוואָרן. דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צונויפגעקומען אויף זיין לוויה. מען האָט אים געמאַכט אַ סך הספדים. נאָך דעם פאַל איז דער רב פון גרויס עגמת נפש קראַנק געוואָרן און האָט שוין ביז זיין טויט נישט געהאַט קיין הנאה פון זיין לעבן. דאָס איז געווען אין יאָר 1899. די מעשה האָט מיר דערציילט מיין פאָטער.

✡

נאָך האָט מיר מיין פאָטער דערציילט: אין יאָר 1870, דעם ערשטן טאָג שבועות, איז געגאַנגען דער שמש עפענען די שול. אַריינגייענדיק אין שול, האָט ער געזען אַ פענצטער איז אָפן און נעבן פענצטער שטייט אַ קערבעלע. דער שמש האָט זיך דער־שראָקן און איז אַוועק צום רב, ר׳ אליהו־ברוך (האָט ער געהייסן). דער שמש האָט אים דערציילט, אַז עמעצער האָט אין שול אונטערגעוואָרפן אַ קערבעלע. דער רב האָט באַפוילן דעם שמש צו ברענגען דאָס קערבעלע. דער שמש האָט גענומען דאָס קערבעלע, איינגעוויקלט אין אַ טלית האָט ער עס אַוועקגעטראָגן צום רב. דער רב האָט געעפנט דאָס קערבעלע און האָט געזען, אַז אינעווייניק ליגט אַ זילבערנע קרוין מיט גאָלדענע גלעקעלעך און אַ זילבערנער טייטל. דער רב האָט געהייסן דעם שמש, ער זאָל דאָס אין שול אָנטאָן אויף אַ ספר תורה. ווען יידן זענען געקומען אין שול דאַווענען און מ׳האָט אַרויסגענומען פון אָרון־קודש די ספר־תורה מיט אַזאַ שיינע קרוין מיט גלעקעלעך, האָט קיינער נישט געוווּסט פון וואַנען עס נעמט זיך אַזאַ אוצר.

אַזוי זענען אַדורך 40 יאָר. פון דעם עלטערן דור זענען שוין פיל יידן גע־שטאָרבן און דאָס רעטעניש מיט דער קרוין האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען.

אויף די יאַרידן פלעגן זיך צונויפפאָרן סוחרים פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי אויך איוועניצער פערד־הענדלער.

איין מאָל נאָך אַ יאַריד, זענען די איוועניצער פערד־הענדלער פאַרבליבן נעכטיקן אין קאַרעליטש און ווי ס׳פירט זיך ביי יידן, זענען זיי אַוועק אין שול דאַווענען. ווען מ׳האָט בעת דער תפילה אַרויסגענומען די ספר־תורה מיט דער קרוין פון אָרון־קודש, האָבן די איוועניצער יידן דערקענט, אַז דאָס איז זייער קרוין, וואָס מ׳האָט מיט יאָרן צוריק צוגעגנבעט פון זייער שול. ס׳איז געוואָרן אַ גרויסער טומל.

דער רב האָט געזאָגט, היות ווי ס׳זענען שוין אַדורך 40 יאָר, איז די זאַך שוין אַריבער צו יאוש און דאָס איז אַ דין־תורה. די איוועניצער סוחרים האָבן די מעשה

דערציילט זייער רב. גלייך איז קיין קאַרעליטש אַראָפּגעקומען דער איוועניצער רב מיט בעלי־הבתים. מ׳האָט אויך צו דער דין־תורה איינגעלאַדן נאָך אַ פּאָר רבנים, דעם נאַוואָרעדקער רב און דעם מירער רב. די רבנים האָבן געפּסקנט, אַז דער ענין מיט דער געגנבעטער קרוין איז אַריבער אין יאוש און אַז די קרוין בלייבט אין קאַרעליטשער שול.

די דין־תורה איז פאָרגעקומען אין קאַרעליטש אין יאָר 1909. ווען מ׳האָט דעם ענין אויסגעפּאַרשט, האָט מען די קרוין אַרויסגעגנבעט פון איוועניצער שול, היות, ווי מען האָט איר נישט געקענט פאַרקויפן, האָבן די גנבים איר אונטערגעוואָרפן אין קאַרעליטשער שול.

☆

אין יאָר 1908 איז אַריינגעפאָרן קיין קאַרעליטש אַ גויישער בעקער. ער פלעגט זיינע געבעקס צושטעלן אין מאַרק און אין אַנדערע פלעצער. זיינע געבעקס האָט געהאַט אַ גוטן שם און אַ חוץ דעם פלעגט ער נאָך יעדן קונה געבן אַלס צוגאָב אַן אומזיסטע גלאָז טיי. ביי די יידישע בעקער איז דאַן געווען אַ שלעכטע צייט און ס׳האָט אויסגעפעלט פּרנסה.

אין קאַרעליטש האָט דאַן געוווינט אַ קריסט, אַ גרויסער שיכור — מיקאָלאַי מאַריטשעווסקי. ער האָט געוווינט לעבן דער באָד און אַלע קאַרעליטשער יידן האָבן אים געקענט. אָט דער שיכור פלעגט אַגיטירן די גויים, אַז מ׳זאָל נאָר קויפן ביי די קריסטלעכע קרעמער און געבעקס זאָל מען נאָר קויפן ביים גויישן בעקער. די יידישע בעקער האָבן גענומען מיט זיך נאָך אַ פּאָר יידן און מ׳איז אַוועקגעפאָרן צום סלאָנימער רב ר׳ מרדכילע, וועלכער האָט געשמט אין דער געגנט אַלס גרויסער חכם און גרויסער צדיק.

די יידישע בעקער האָבן פאַרן סלאָנימער רב אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ און געבעטן ער זאָל זיי בענטשן. דער רב האָט די יידן געבענטשט און זיי געזאָגט, אַז זיי קאָנען רויק פאָרן אַ היים.

ווען די יידישע בעקער האָבן זיך צוריקגעקערט קיין קאַרעליטש פון סלאָנימער רב, האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז דער שיכור מיקאָלאַי מאַריטשעווסקי האָט זיך אויפגע־האַנגען. אין אַ קורצער צייט אַרום איז דער גויישער בעקער געשטאָרבן. אַזוי אַרום איז קאַרעליטש פּטור געוואָרן פוןביידע שונאי ישראל — פון דעם גויישן בעקער און פון דעם שיכור מאַריטשעווסקי. די יידישע בעקער האָבן ווידער געהאַט פּרנסה.

אין יאָר 1915, האָבן די דייטשן פאַרנומען קאַרעליטש. לעבן דעם טייך בעראָזאַ האָבן זיך פאַרפעסטיקט די רוסן און דער פראָנט איז דאָ געשטאַנען 3 יאָר. כמעט אַלע יידן האָט מען פון שטעטל עוואַקויִרט אין פאַרשיידענע שטעט, ווייל ס׳איז געווען אַ גרויסע געפאַר צו לעבן צוליב די אומאויפהערלעכע שיסערייען פון ביידע זייטן פראָנט.

נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917 האָבן זיך די קאַרעליטשער יידן גענומען צוריקקערן אַהיים. אָבער קיין הייזער, וווּ צו וווינען איז שוין נישט געווען. די דייטשן האָבן פונאַנדערגענומען די הילצערנע הייזער און געבויט אָקאָפּעס. אַ טייל הייזער איז פאַרברענט געוואָרן. די יידן האָבן פונאַנדערגענומען די אָקאָפּעס און דאָס געהילץ צוריק אויסגענוצט צו בויען הייזער.

דאָס לעבן האָט זיך נאָרמאַליזירט. ס׳האָט זיך פונאַנדערגעבליט דער מסחר און אויך די בעלי־מלאכות האָבן געהאַט וואָס צו טאָן. ווי נאָך יעדער מלחמה האָבן זיך פאַרשפּרייט פאַרשיידענע עפּידעמיעס און אַ סך מענטשן זענען אויסגעשטאָרבן.

ס׳האָבן זיך געשאַפן יידישע הילפס־קאָמיטעטן און מ׳האָט געהאָלפן מיט רפואות, מלבושים, אויך מיט הלוואות. דאָס שטעטל האָט זיך גיך אויפגעבויט און קאַרעליטש איז געוואָרן שענער ווי פריער. קאַרעליטש האָט שטענדיק געליטן פון שׂריפות. נאָך יעדער שׂריפה פלעגט זיך דאָס שטעטל אויפבויען שענער און בעסער.



ועד־הקהילה קורליץ—ליובטש, בשנת 1934 — קהילה־מיטגלידער פון קאַרעליטש—ליובטש אין יאָר 1934.

יושבים מימין (זיצן פון רעכטס): געצל ילין, פסח קפלן, יצחק אהרונובסקי (שו״ב), הרב יצחק ווייס, טובולסקי (חזן), טוביה שימשלביץ. **עומדים מימין (שטייען פון רעכטס):** ——, בערל בוסל, לייבל פרבלוצקי, ——, הרשל ג׳ישין, יצחק ברקוביץ, אברהם חיים.

ראובן אובסייביץ

קארעליטש אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאך איר

פארן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאס לעבן אין קארעליטש געווען ענלעך צום לעבן פון די יידן אין א סך שטעט און שטעטלעך. די השגות פון די מענטשן זיינען געווען גאנץ באגרענעצט. ס׳האבן זיך געפונען א טייל יידן וועמען ס׳איז געווען איינג דאס קליין־שטעטלדיקע לעבן און זיך געריסן אין דער ברייטער וועלט אריין. קיין ספעציעלע שוועריקייטן צו עמיגרירן זיינען נישט געווען, ווער נאר ס׳האט געהאט געלט אויף א שיפס־קארטע האט געקענט ארויספארן, די גרענעצן זיינען געווען אפן. ווער מיט א וויזע און ווער אן. יידן האבן זיך ווי עס איז אן עצה געגעבן, ווער ס׳האט געהאט אן ארויספאדערונג פון א קרוב איז בכלל לייכט געווען צו עמיגרירן.

עפעס אנדערש אבער איז געווען נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די וועלט איז פארשלאסן געווארן, און די טויערן פון פיל מדינות זיינען הערמעטיש פארמאכט געווארן. בכדי צו ארויספארן אין דער וועלט, האט מען באדארפט פאספארטן, מיט א געשטעמפלטע וויזע, ווי אויך אן ארויספאדערונג פון א נאענטן קרוב פון דעם באטרעפנדן לאנד וווהין דער עמיגראנט האט געוואלט פארן. אן אויסנאם איז דאן געווען בראזיל און ארגענטינע, אבער אויף די לענדער זיינען געווען קנאפע בעלנים. צום סוף האבן אויך די א. ד. לענדער אנגעהויבן מאכן געוויסע שוועריקייטן מיטן אריינקומען אין לאנד, אזוי אז די לעצטע פאר יאר פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען די טויערן פון אט די צוויי לענדער אויך פארשלאסן געווארן.

קארעליטש האט געהאט די זכיה וואס אין יאר 1915 האט זיך דא אפגעשטעלט דער פראנט, און וואס אן אמת, די יידן זיינען אין הארצן געווען צופרידן פון דעם. די לעצטע יארן פארן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די לופט געווארן אזוי פארפעסטיקט, אז מען האט שוין מער נישט געקענט אריבערטראגן. אלע טאג איז געווען עפעס א נייע גזרה. און אנגעהויבן האט זיך פון אויסווארצלען פון ארט אן אלט איינגעזעסענע פאמיליע אין דארף, אדער א פאגראם אין א שטאט, אדער שטעטל, עלילת־דם און דער ביילים־פראצעס, וואס האט אויפגעטרייסלט די גאנצע וועלט. די דארפישע כוליגאנעס פלעגן באווארפן מיט שטיינער יעדן אדורכגעפארענעם אין דארף יידן, און דערצו זינגען פארשיידענע אנטיסעמיטישע לידלעך.

ווען די דייטשן זיינען אַריין קיין קאַרעליטש חול המועד סוכות, האָבן די יידן פרייער אָפּגעטאָטעמט. קודם־כל איז מען פטור געוואָרן פון די מיעשטשאַניעס די שיכורים און שונאי ישראל, די יידן האָבן געמיינט אַז מ׳וועט זיך ווי עס איז איינלעבן מיט די דייטשן, אָבער גיך איז געקומען די אַנטוישונג.

דער פראָנט האָט זיך דעפיניטיוו אָפּגעשטעלט אין שטעטל, אַזוי אַז די פּאָזיציעס פון די קעמפנדע צדדים, רוסן און דייטשן האָבן זיך געפונען פון ביידע זייטן פון קאַרעליטש, אַזוי אַז די שיסערייען האָט מען יעדן טאָג געהערט אָן אויפהער.

אומגעפער דריי וואָכן נאָכן אַריינקומען פון די דייטשן, האָט די דייטשע קאָמענ־דאַטור אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג מוז זיך עוואַקויִרן. גליקלעך זיינען געווען די וועלכע האָבן באַצייטנס פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אַריבערגעפאָרן קיין נאָוואָגרודעק. די ערשטע צייט האָט מען נאָך געקענט קריגן דאָרט אַ דירה, אָבער שפּעטער האָבן די עוואַקויִרטע ניט געהאַט ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ. די וואָס האָבן געהאַט אַ פערד און וואָגן האָבן נאָך געהאַט די מעגלעכקייט צו אַפּראַטעווען דאָס ביסל האָב און גוטס, אָבער דער רוב האָט אַלץ איבערגעלאָזן אין די הייזער און מ׳איז אַרויס פון שטעטל בחוסר כל. אַזוי האָט זיך געצויגן דריי יאָר. די אַלטע און שוואַכע זיינען ביסלעכ־ווייז אויסגעשטאָרבן פון דחקות און הונגער, און די לעבנגעבליבענע האָבן זיך ביסלעכ־ווייז גענומען צוריקקערן.

חרוב און מוחרב איז געווען קאַרעליטש. די הילצערנע הייזער זיינען צענומען געוואָרן, און מיט דעם געהילץ האָט מען געבויט די אָקאָפּעס. אַ חוץ די גאַס זאַלאַמאַנקע איז קיין שטוב ניט געבליבן אין שטעטל, אָבער אויך פון די הייזער אויף זאַלאַמענקע איז מער ניט איבערגעבליבן ווי די ווענט מיט די דעכער. פון די הייזער האָבן די דייטשן אַלץ אַרויסגעשלעפּט, אַפילו דעם סופיט האָבן זיי פונאַנדערגענומען.

ביסלעכווייז האָט זיך דאָס שטעטל אָנגעהויבן אָפּבויען. די ערשטע וואָס זיינען געקומען, האָבן אַממערסטן געליטן אין דער פרעמד — און צווישן זיי מיין פאַמיליע: איך מיט מיינע צוויי ברידער, שוועסטער, די מאַמע און באָבע. דאָס לעבן אין קאַרעליטש איז געווען די ערשטע צייט זייער שווער, אָבער מ׳האָט אַלץ גענומען פאַר ליב. מ׳האָט זיך אַזוי לאַנג אָפּגעמאַטערט אויף פרעמדע געלעגערס, אַזוי אַז דאָס אייגענע ווינקל איז געווען ליב און טייער. אַ יאָר נאָך אַ יאָר האָט זיך קאַרעליטש ביסלעכוויס אָפּגעבויט. ס׳האָבן ווידער אָנגעהויבן צו עקזיסטירן פאַרשיידענע מוסדות ווי: די פאָלקס־באַנק, בתי־מדרשים, מיט 2 רבנים, אַנשטאָט איינעם ווי פריער. די פרנסה־קוואַלן זיינען געווען גאַנץ באַגרענעצט, אַזוי אַז יוגנט וועלכע איז דאָס רוב געווען ציוניסטיש געשטימט, האָט געשטרעבט צו אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל. אָבער צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט, האָבן געהאַט די זכיה נאָר געציילטע. אין אַנדערע לענדער זיינען די טויערן געווען

פאַרמאַכט, האָט זיך די יוגנט אַרומגעדרייט פוסט און פאַסט איבער די געסלאַך און האָבן ניט געהאַט ווי צו אויסלאָדן זייער ענערגיע.

וועגן דער גאַס זאלאמאַנקע זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע וויצן. מ׳האָט זיך געחכמעט, אַז אין זאַלאַמאַנקע איז געווען בלויז איין פּאָר שיך. אַזוי אַז אַ ייד וואָס פלעגט גיין אין מאַרק, פלעגט אָנטאָן די שיך און נאָכן צוריקקערן זיך האָט ער די שיך אָוועקגעשטעלט אויף אַ באַשטימטן אָרט, און יעדער האָט זיי אָנגעטאָן לויט דער ריי. דאָס כאַראַקטעריזירט וואָס פאַראַ אָרעמקייט ס׳איז געווען אין שטעטל, אָבער דאָס האָט אויך אונטערגעשטראָכן די אינטימקייט און אויפגעלעבטקייט פון די יידן אין זאלאמאַנקע.

ווינטער פלעגט מען מוזן הייצן די הרובעס צוליב דער קעלט. אָבער זומער, האָט יעדערער געוואָלט פאַרשפּאָרן צו פאַרברענען אַ ביסל האָלץ, אַזוי אַז בעת מ׳פלעגט זען אַז ביי אַ שכן ברענט דער אויוון, פלעגט מען ברייגגען צו אים אָפּקאָכן אַ טעפּל גע־קעכטס. מיין פרוי חיה־ביילע ע״ה, פלעגט יעדן יידן אויפנעמען זייער העפלעך. זי איז געווען די פאַרקערפּערונג פון איידלקייט און גוטסקייט, צו דעם איז זי אויך געווען אַ גוטע סוחרטע. אַן אורח אויף שבת איז פאַר איר געווען אַ גרויסע פרייד און געהאַלטן פאַר אַ גרויסער מצווה. זי האָט דעם אָרעמאַן ניט געוווסט ווו בעסער צו אַוועקזעצן, און פלעגט אים געבן עסן פון דאָס שענסטע און בעסטע.

מיין עלטערער זון מיכל, האָט פאַרמאָגט די גוטע מידות פון אַ יידישן מתמיד. דעם גאַנצן דאַוונען האָט ער געקענט אויף אויסנווייניק. צו 8 יאָר פלעגט ער לויפן אין בית־המדרש צום ערשטן מנין. דאָס זעלבע מיין טייער קינד יודעלע, ער פלעגט שטענדיק ווייזן אַלעמען אויף דער מאַפּע ווו עס ליגט אַרגענטינע, און ווו דער טאַטע געפינט זיך. אויך מיין טייערע טעמעלע איז געווען אַן אויסנאַם פון אַ קינד. די יאָרן ווען איך בין געווען אין אַרגענטינע, האָט מיין ברודער בנימין ע״ה זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון איר. אַלעמען האָט דער דייטשער משומד פאַרטיליקט.

אויך מיין ברודער בנימין, וועלכער איז געווען אַ גוטער לערער אין נאָוואָגרודעק, איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע קדושים, מיין שוועסטער שרה־נחמה איז אומגעקומען מיט אירע קינדער אין איוויע. מיין שוועסטער באַשקע מיט אירע קינדער און אייניקלעך איז אומגעקומען אין באַראַנאָוויטש.

אַזוי בין איך פאַרבליבן פאַריתומט און פאַרטרויערט מיין גאַנצן לעבן.

זאָל גאָט באַצאָלן די פאַרברעכער פאַר די אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט פון אונדזערע ברידער און שוועסטער.

שלום כהן

אויפבוי־אקציע אין קאַרעליטש

נאָכן שליסן דעם וואָפנשטילשטאַנד צווישן די דייטשן און די רוסן און נאָכן אַוועקרוקן זיך פון דער דייטשער אַרמיי צו מיזרח פון זייערע פּאָזיציעס, וועלכע זיי האָבן פאַרנומען פון סוף סעפּטעמבער 1915, האָט זיך צווישן די פּאָר הונדערט יידישע פאַמיליעס, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך די דייטשן פון פראָנט־געביט (פון די שטעטלעך: קאַרעליטש, ליובטש, דעליאַטיטש און ניישטאָט) אין נאָוואָגרודעק, אויפ־געהויבן אַ באַוועגונג זיך אומצוקערן אויף זייערע אַלטע ערטער. צו דעם צוועק האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט, וועלכער איז דעם 17־טן מאַי 1918 באַשטעטיקט געוואָרן פון דער דייטשער מאַכט. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון 18 מיטגלידער, פון זיי 17 פאָרשטייער פון די 4 אויבנדערמאָנטע שטעטלעך און דער 18־טער, דער פאָרזיצער איז געווען הרב ר׳ מנחם קראַקאָווסקי, נאָכדעם איז צוגעצויגן געוואָרן אויך 1 פאָרשטייער פון האָראָדישטש. די רעכט פון קאָמיטעט זיינען געווען: 1) אָרגאַניזירן דעם צוריקקער פון די היימלאָזע אויף זייערע ערטער; 2) אינטערשטיצן מיט געלט אויפ־בויען און רעמאָנטירן וווינונגען; 3) אָרגאַניזירן אין די דערמאָנטע שטעטלעך דעם קהילה לעבן, גרינדן שולן און אַנדערע אַנשטאַלטן; 4) קומען אין פאַרבינדונג מיטן צענטראַלן אונטערשטיצונגס־קאָמיטעט אין ווילנע (פאָרזיצער ראַבינער רובינשטיין) און אַנדערע הילפס קאָמיטעטן; 5) צו זיין די פאָרשטייערשאַפט פון די היימלאָזע פאַר דער דייטשער מיליטערישער מאַכט.

איך אַלס קאַרעליטשער האָב זיך מער אינטערעסירט מיט מיין שטעטל. דאָס ערשטע איז געווען אויסצוגעפינען פאַמיליעס, אַרבעטספעיקע און וועלכע באַזיצן אַביסל פּראָדוקטן און אויך פערד אָדער קי. די געגנט אַרום קאַרעליטש איז געווען אַ מידבר, מיט ניט באַאַרבעטע פעלדער, חרובע ישובים (בתוכם אויך קאַרעליטש). די געקומענע האָבן געמוזט זיין גרייט צו באַאַרבעטן אַ פאַרלאָזטן באָדן, שאַפן זיך וווינונגען אין די פאַרבליבענע חורבות אין שטעטל. אונדזער אויסוואַל איז געפאַלן אויף אַן ערך אַ צענדליק פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די דערפער אַרום נאָוואָגרודעק. כדי צו באַוועגן זיי צום איבערפאָרן און אויך כדי צו באַקומען ביים קאָמענדאַנט פאַרשיי־דענע הנחות און פאַרלייכטערונגען, בין איך מיט נאָך אַ מיטגליד פון קאָמיטעט אַרויס־געפאָרן אין די דערפער. די פאַרלאַנגטע הנחות זיינען באַשטאַנען: 1) אַרויסגעבן זיי תבואה אויף 3 חדשים פּאָרויס; 2) ערלויבן זיי אַרויסצופירן זייערע פערד, קי, קעלבלעך;

---

* לויט פנקס פון „יעקאָפּא״, פּראָווינץ־באַריכטן און זכרונות, ז׳ 505—522.

3) ערלויבן זיי צו קומען צו שניט־צייט אַראָפּצונעמען די פון פאַריקן יאָר פאַרזייטן קאָרן און אויסגראָבן די שוין אין דעם יאָר פאַרזעצטע קאַרטאָפל (מיר האָבן זיי באַזוכט אין אָנהויב מאַי 1918) ; 4) געבן זיי אומזיסטע פורן אַריבערצופירן זייער ווירטשאַפט אין קאָרעליטש. דער קאָמענדאַנט מיעכאָוו האָט געשמט אין גאַנצן קאַנט פאַר אַ רשע און רוצח. מיר זיינען גאַנץ פרי געקומען אין זיין „רעזידענץ", אַ שיינעם פריצישן פּאַלאַץ אין מיטן אַ סאָד. דערזעענדיק אונדז האָט ער גלייך אונדז אויפגענומען אין זיין קאַנצעלאַריע, אויסגעהערט אונדז און צוגענומען די שריפטליכע ביטע. שפּעטער מיט אַ חודש, אַז אייניקע פון די פאַמיליעס האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין קאָרעליטש, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מיר האָבן געפועלט מיט אונדזער שליחות.

אַפּריל 1918 האָב איך צוזאַמענגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום פאַרן צענטראַלן־אינטערשטיצונגס קאָמיטעט אין ווילנע, וועגן צוריקקערן זיך פון אַ טייל היימלאָזע אין זייערע אַלטע ערטער און געבעטן געלט אויף דעם צוועק. דער מעמאָראַנדום איז איבערגעשיקט געוואָרן אין דער Ob-Ost Abteilung 5 (לייטער לט. דר. שטרוק).

דעם 30־סטן מאַי 1918 האָט אונדז דער צענטראַל קאָמיטעט איבערגעשיקט אַ מיטטיילונג פון דער אויבערקאָמאַנדע פון דער 10־טער אַרמיי (דאַטירט דעם 27־סטן מאַי) אַז אַלע באַטרעפענדע מאַכט־אָרגאַנען האָבן באַקומען אַן אָנווייזונג אַרויסצוגעבן בוי־האָלץ די צוריקוואַנדערער אויף בויען זייערע הייזער. דעם 15־טן מאַי 1918 האָבן מיר דער־האַלטן פון צ. ק. 15.000 דייטשע מאַרק פאַר די צוריק וואַנדערער אין די שטעטלעך (קאָרעליטש, ליובטש און ניישטאָט). בנוגע דעם צוריקקער פון די קאָרעליטשער היימ־לאָזע איז געווען שטערונגען מצד דעם דאָרטיקן דייטשן קאָמענדאַנט. הרב קראַקאָווסקי איך און 1 פאַרשטייער פון קאָרעליטש האָבן באַקומען אַ שיין צו פאָרן זיך פאַרשטענדיקן מיטן קאָמענדאַנט. שוין 12 קילאָמעטער פאַר קאָרעליטש איז קאָנטיק געווען די פאַרוויס־טונג, וואָס די מלחמה יאָרן האָבן אָנגעמאַכט, אַן אמתער מידבר. אַן 8 קילאָמעטער פאַר קאָרעליטש איז ביי דער זייט פון וועג אויף אַ סלופּ געהאָנגען אַ שילד מיט אַן אויפשריפט אין 2 שפּראַכן — דייטש און רוסיש : „ווער עס וועט די ליניע איבערטרעטן וועט ווערן דערשאָסן".

פון דעם אָרט האָט זיך אָנגעהויבן די „פייער־זאָנע". 3 קילאָמעטער פאַר קאָרע־ליטש האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן די ערשטע בעטאָנענע טראַנשייעס, און די לעצטע 2 קילאָמעטער זיינען מיר דורכגעפאָרן דורך אַ גרויסע צאָל דראָט־פאַרצוימונגען. ביים אַריינפאָר אין שטעטל האָט אונדז אָפּגעהאַלטן אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס, וועלכער האָט אונדז געהייסן פאָרן צוריק אין הויף, ווו עס געפינט זיך דער קאָמענדאַנט. אַזוי ווי דעם קאָמענדאַנט האָבן מיר ניט געטראָפן אין דער היים, האָבן מיר אויסגעפועלט ביי די שרייבער אין דער „דינסט־שטובע" אַן ערלויבעניש, אין דער באַגלייטונג פון אַ סאָלדאַט, אַרומצוקוקן די שטעטל. קאָרעליטש מיט די עטלעכע איינזאַם פאַרבליבענע

חורבות, מיטן מאַרק, וואָס איז פאַרוואַקסן מיט אַן אייל־הויכן גראָז, מיט די וועלדלעך „אסיניק" אויף די פלעצער און הויפן, מיטן אָפענעם פון אַלע זייטן בית־עולם אינמיטן וויסטן שול־הויף אויף וועלכן עס האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט פאַרווילדעטע קעץ, דער־שרעקנדיק זיך, אַנטלויפן און באַהאַלטן זיך אין די אוהלים אויפן בית־עולם; אַפילו די לאַווע פון שול הויף ביזן באָד, וועלכן די דייטשן האָבן אויסגעלייגט פון די שטיינערנע מצבות, אויסגעבראָכענע פון די קברים — איך האָב זיך אין גאַנצן פאַרלאָרן. הרב קראַקאָווסקי האָט מיר אַלץ געטרייסט און גערעדט וועגן שנעלן אויפבוי'ען זיך פון שטעטל. וואָס איז איצט, אין 6 יאָר אַרום (1924) געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. אויף דער לאַנגער גאַס וואָס פירט צום פראָנט, איז פאַרבליבן נאָר איין חורבה פון אַ בנין. די גאַנצע גאַס און אַרום איר און ווייטער, האָט געשאַפן דעם איינדרוק פון אַ ווילדן, מיט אָקאָפּעס און לעכער דורכגעגראָבענעם קוסטאַרניק. דער קאָמענדאַנט האָט אונדז אָפּגעשיקט צום ראַיאָן־אָפּיציר, וועלכער האָט זיך געפונען 6 ק"מ פון קאַרעליטש.

איידער מיר האָבן פאַרלאָזן די שטעטל, האָט זיך מיר געוואָלט אויפקלערן נאָך אַ פראַגע, וועלכע האָט אַנבאַלאַנגט פיל איינוווינער פון קאַרעליטש. אונדזער שטעטל האָט פאַר דער מלחמה פאַרמאָגט אַ שפּאַר ביסל לומדים. ביי יעדערן פון זיי איז געווען אַ שיינע ביבליאָטעק ספרים (שס"ן, שו"ת, דרוש־ספרים א.אַ.), וועלכע מען האָט ניט באַוויזן אַרויסצופירן, ס'זיינען אויך פאַרבליבן אין שטעטל פיל אַנדערע ספרים (העב־רעישע און רוסישע).

יום־כיפור תרע"ז איז צווישן די דייטשע באַזוכער אין דער שול געווען אויך אַ פּאַסטאָר, אָט צו דעם פּאַסטאָר האָבן זיך אייניקע קאַרעליטשער יידן געווענדעט וועגן גורל פון זייערע ספרים. דעם 1־טן אָקטאָבער 1917 האָבן מיר פון אים באַקומען אַ בריוו. דער בריוו האָט אונדז אַריינגעגעבן אַ האָפענונג אַז די ספרים זיינען אויסבאַהאַלטן און באַשיצט געוואָרן פון פאַרניכטונג. איך האָב באַוויזן דעם בריוו דעם קאָמענדאַנט, און גלייך האָט ער איבערגעגעבן שליסלען דעם עלטסטן שרייבער און געהייסן פירן מיר צו דעם אָרט ווו די ביכער זיינען. דער שרייבער האָט מיר געפירט צו דער פּראַוואָסלאַוו־נער צערקווע און מיר זיינען אַריין אינעווייניק. קיין שפּורן פון אַ חורבן... וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט צו די פאַרבליבענע 3 חורבות פון די יידישע בתי־מדרשים, מיט די אַרויס־געגומענע טירן, פענצטער, צופירטע אויוונס, אויסגעהאַקטע פון אינעווייניק ווענט, די און סופיט, אויסגעזעגטע באַלקנס. די בתי־מדרשים אַליין האָבן געדינט אַלס שטאַלן פאַר פערד, און הויכע קופּעס מיסט האָבן שווער געמאַכט דעם אַריינגאַנג אין זיי... די ביכער וועלכע האָבן געדאַרפט זיך געפינען אין די אַלמערס הינטערן אַלטאַר, זיינען געווען אַ פּאָר אַלטע דיקע צערקווע ביכער אויף „צערקאָווני־סלאָוויאַנסקי". די יידישע ספרים האָב זיך נאָך ביז היינט ניט געפונען, און געוויס זיינען זיי פאַרניצט געוואָרן פון די סאָלדאַטן צום הייצן אין די טראַנשייעס אָדער צו נאָך ערגערע צוועקן.

דער ראַיאָן־אָפּיציר האָט אונדז איבערגעשיקט צום קרייז־ווירטשאַפטס־אָפּיציר לאַנגע בעקמאַן. מיר האָבן אים באַזוכט אויפן צווייטן טאָג און ער האָט אונדז געזאָגט, אַז אַ תשובה וועלן מיר באַקומען אין אַ פּאָר טעג אַרום. די תשובה איז אָנגעקומען, אָבער איר קלאָרן אינהאַלט געדענק איך ניט. פון די אינטערהאַנדלונגען מיט די דייטשע מאַכט פאַרשטייער און פון זייערע ניט קלאָרע רייד און ענטפערן האָבן מיר פאַרשטאַנען בעסער איז צו טאָן און שטעלן זיי פאַר אַ פאַקט. די דייטשן פון זומער 1918 זיינען שוין ניט געווען די זעלבע ווי פון האַרבסט 1915. מיר זיינען אין משך פון עטלעכע יאָר געווען דערדריקט דורך זייער אומברחמנותדיקע דורכגעפירטע אָקופּאַציאָנס־געזעצן, מיר האָבן דערפילט אַז עס קומט פאַר אַן אָפּשוואַכונג אין אַלע ריכטונגען. אויף שבועות תרע״ט זיינען אַריינגעפאָרן אין קאַרעליטש די ערשטע פיר פאַמיליעס פון די דערפער, אין האַרבסט 1918 האָבן זיך שוין געפונען אין קאַרעליטש איבער 30 פאַמיליעס. אָבער נאָך דעם 31־סטן מאַי 1918 האָבן מיר באַקומען פון דער גענעראַל־קאָמאַנדע אַן אָפּזאָג אויף אונדזערע ווענדונגען. די הקדמה פון דעם אָפּזאָג איז געווען: „די אַלע שטעטלעך ליגן אין דער שפּער־זאָנע (צווישן דער ערשטער און צווייטער פּאָזיציע) דער צוריקקער פון די היימלאָזע איז אינגאַנצן פאַרבאָטן״.

די פאַראָרדענונגען זיינען ניט אויסגעפירט געוואָרן אין לעבן. די באַאַמטע, די סאָלדאַטן און די אָפּיצירן זיינען געווען צופרידן וואָס מענטשן באַזעצן זיך אין דעם חרובדיקן געביט. זיי האָבן געהאָפט, אַז ביי אַן אויפלעבונג פון קאַנט, וועט זיי אויך גרינגער ווערן דער לעבן. די אָפּיצערן און סאָלדאַטן האָבן גענומען פאַרקויפן די גע־קומענע היימלאָזע די געהילץ און ברעטער פון די טראַנשייעס. די אַרבעט ביים פונאַנדערנעמען די טראַנשייעס האָט גוט באַלוינט. פאַר קליינגעלט האָט מען באַקומען ברעטער, ציגל, אייזן, טירן, פענצטער אאַ״וו. די דייטשן האָבן אויך פאַרדונגען זייערע פערד די היימלאָזע אויף צו אַרבעטן ביי די געביידעס, אָדער אין פעלד. אַנדערע האָבן באַוויזן צו איינשאַפן זיך דורך זיי בוי מאַטעריאַל פון די נאָענטע וועלדער.

אין דער זעלבער צייט האָבן מיר פון דער העכערער מאַכט געהאַט שוועריקייטן, דער ווירטשאַפטס־אַמט האָט פאַרשווערט דעם לעבן פון די היימלאָזע. אַ קאַרע־ליטשער איינוווינער אַז ער האָט געדאַרפט פאָרן קיין נאָוואָגרודעק האָט ער געמוזט זיין ביי איין אָפּיציר 6 ק״מ ווייט פון קאַרעליטש און דערנאָך ביי אַ העכערן אָפּיציר, וועלכער האָט זיך געפונען 10 ק״מ פון דעם טראַקט קאַרעליטש—נאָוואָגרודעק.

דעם 11־טן יוני 1918 האָבן מיר באַקומען 25,000 דייטשע מאַרק פון ווילנער צענטראַל־קאָמיטעט. דעם 26־סטן אָקטאָבער 1918 האָבן מיר באַקומען 2,000 דייטשע מאַרק פון הערמאַן שטרוק אויף לערנען קינדער פון די אָרעמע היימלאָזע. דעם 2־טן דעצעמבער 1918 (3 וואָכן פאַרן אָפּטרעטן פון די דייטשן און פאַרנעמען אונדזער געגנט דורך די באָלשעוויקעס) האָבן מיר באַקומען פון צ.ק. די לעצטע 2,000 דייטשע מאַרק.

חוץ דעם, האָבן מיר באַקומען געלט פון אַ ריי פערזאָנען פון מינסק (געזאַמלט דורך הרב מ. אבאוויטש און נ. באקאלטשוק) און פון אייניקע קלענערע שטעטלעך פון מינסקער גובערניע (געזאַמלט דורך ז. קליאטשקין און מ. יאָסעלעוויטש). קלענערע סומעס האָבן מיר באַקומען צוגעשיקט פון ראַדון, שטוטשין און וואראנאָווע (ווילנער גובערניע) און פון שטעטל לונע (גראָדנער גובערניע).

פעסטשטעלן וועמען אַרויסצוגעבן שטיצעס און פאַרטיילן זיי האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22־סטן מאַי 1918. די גרעסטע שטיצע איז באַשטימט געוואָרן אויף 200 דייטשע מאַרק און נאָך דעם אויף 300 מ. אַרויסצוגעבן אין 2 ראַטעס. אויף צו אַרבעטן פעלד אָדער זייען אַ גאָרטן 40 מ. שפעטער האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן שטיצעס אויך אויף איינצוקויפן פערד און בהמות, אויף איינצושאַפן לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשירים אָדער מלאכה געצייג, אויף צו באַצאָלן די מלמדים פאַר לערנען די קינדער, אויף רעמאָנט פון מנינים און בעדער און אויך אויף אַנדערע שטאָטישע הצטרכותן, אויך אויף מעדיצינישע הילף. די לעצטע 20,000 מ. פון צ.ק. האָבן מיר דערהאַלטן אָנהייב ווינטער. פאַרן אָנקומען פון די באָלשעוויקעס, זיינען אויסגעגעבן געוואָרן אויף די 2 לעצטע מינים הילף אין משך פון ווינטער און אָנהויב פרילינג 1919 ביז מיר האָבן באַקומען שטיצע פון „יעקאפּא" פון ווילנע.

אין קאַרעליטש איז דעמאָלט געווען איין שטוב מיט פענצטער און טירן. די שטוב האָט געדינט אַלס זאַמל־פונקט פאַר אַלע היימלאָזע. עס זיינען געווען צוויי באַק־אויוונס. כמעט 15 ק"מ אַרום און אַרום איז קיין לעבעדיקער נפש ניט געווען, עס איז ניט געווען ווו צו קריגן כאָטש איין קערנדל, איז ברויט געווען אַ יקר המציאות. די דירות זיינען געווען חורבות. און אָקאָפּעס אַרום שטעטל האָבן זיך פאַרפירט וועלף וועלכע האָבן אַוועקגעטראָגן ניט איין ציג פון אַן אָרעמען יידן...

דער פרילינג 1919 האָט געבראַכט אַ נייעם פראָנט. די באָלשעוויסטישע קוילן פלעגן דערגרייכן ביז אין שטעטל. דער באָלשעוויסטישער רעזשים, האָט מיטגעבראַכט הונגער און אַרבעטסלאָזיקייט. אָנהייב זומער 1919, הייבט זיך אָן ביי אונדז די טעטיקייט פון „יעקאפּא", דערוויסנדיק זיך וועגן אונדזער שווערער לאַגע, שיקט זי אונדז, אַ סומע פון 10,000 מאַרק. צום אָנהויב פון דער „יעקאפּא" אַרבעט אין אונדזער געגנט האָט זיך איר טעטיקייט קאָנצענטרירט: ברויט די הונגעריקע און מעדיצינישע הילף פאַר די קראַנקע. מיר הייבן אָן צו באַקומען צוגלייך מיט די געלט אויף דערנערונג, אויך סומען אויף אַ שול פאַר קינדער, ביבליאָטעק, אויף אַ ליי און שפּאָר קאַסע, נאָכדעם אויך אויף האָלץ צום בויען.

נח גרשנובסקי — **גבעתיים**

בין שתי מלחמות

בראשית שנות העשרים עם שובם של תושבי קורליץ מן הגירוש של המלחמה העולמית הראשונה — מצאו את העיירה הרוסה ושדודה; צריך היה להתחיל מ„בראשית". האנשים שחזרו היו רעבים, חסרי מלבוש וחסרי אמצעים אלמנטרים לקיום. השאלה הראשונה היתה: קורת גג, מקום לשים עליו את הראש ובין הדאגות הראשונות היה גם למצוא טיפת חלב בשביל התינוקות. התחילו התושבים לפתור את הבעיה בצורה מקורית — לרכוש פרה או עז כדי לגדלה ולקבל ממנה חלב לתינוקות. אך עד מהרה נפתחו גם מקורות העזרה והסעד. מוסדות יהודיים התחילו להגיש עזרה: העזרה המאורגנת הראשונה באה ממוסד „יקופה", מוסד עזרה יהודית שנתן הלוואות לזמן ארוך ובריבית נמוכה לשם סידור ראשון; אחר כך באה עזרת ה„ג'ונט" ששלח מצרכים ובגדים לנזקקים. מיד התארגן ועד אשר טיפל בקבלת הדברים ובחלוקתם הצודקת לנזקקים. אותו הוועד התחיל גם לדאוג לילדים הרבים לא רק לצרכי האוכל, אלא גם לחינוך ותרבות וכך קם בית הספר היהודי, שם למדו הילדים ואף קבלו ארוחה חמה כל יום. לאט לאט התחילו התושבים להקים הריסות העיירה, נבנו בתים והוקמו חנויות מסביב לשוק. נפתח בית מרקחת בהנהלתו של מר אליסברג, אשר גם היה עסקן ציבורי נלהב ומסור והפך עד מהרה לאישיות מרכזית בציבוריות של קורליץ. ביתו הפך בית ועד ומרכז לעסקנות ציבורית בעיירה.

חוגי אמנות ותרבות

כוחות חדשים שנתווספו בעיירה נתנו דחיפה לקידום החיים האמנותיים־התרבותיים במקום. שבתאי קלצקי, חתנו של משה קגנוביץ' שהיה מחונן בשטח אמנות הבמה התחיל לארגן את החוג הדרמטי. הוא היה המייסד, המארגן והמנהל של החוג שהתקדם יפה ואמנם לאחר זמן קצר הצליח להקים חוג דרמטי שהתפרסם בסביבה כולה במשחקיו מיצירות גולדפאדן, שלום־עליכם, גורדון וכו'. באותו זמן התארגנה גם התזמורת המקו־מית. כאן היה המייסד שמעון מוליער, איש מוסיקה מצוין ונגן כינור בעצמו. הוא נמצא כיום בארה"ב ועומד בקשר נמרץ עם אנשי עירו בארץ. הוא האיש אשר עורר את הנוער בחיבתו למוסיקה על כליה השונים. הוא ארגן שעורים מיוחדים לתווים בהנהלתו של מר ווינער. במקום נתגלו כוחות צעירים וכשרוניים אשר התמסרו והצליחו יפה בתזמורת. היו מקרים רבים שמשפחות שלימות השתתפו בתזמורת בהצלחה רבה. בין המשפחות שהצטיינו בנגינה על כלים שונים יש לציין משפחת גרשנובסקי, משפחת

ליפשיץ. ברוך צולקביץ היה המנצח. תחילה היתה התזמורת מוסד בפני עצמו אך עד מהרה עברה לחסות מכבי אש. מלבד הארגונים האמנותיים נוסדו מוסדות אחרים, כמו הבנק המקומי עם יצחק מאיר קלצקי כמנהל פנקסים, קופת גמילת חסד. אחד המוסדות הבולטים והחשובים היתה הספריה עם כ־4000 כרך. היתה ספריה עשירה באידיש בכל השטחים.

בשנת 1929 נשרפה העיירה וגם הספריה עלתה בעשן, אך עד מהרה כאשר נבנתה העיירה מחדש קמה גם הספריה מחדש, בעזרתו הפעילה של אלתר גרינפלד, איש ספר וסופר שהתמסר למפעל זה במיוחד.

מרדכי מלכיאלי-קרולבצקי — הוד השרון

מן העבר הרחוק והקרוב

נולדתי אמנם בקורליץ, אך בגיל צעיר בהיותי בן שבע נעקרתי משם עם כל משפחתי עקב פרוץ מלחמת העולם הראשונה. העיירה נכבשה על־ידי הגרמנים והתושבים גורשו. משפחתי נאחזה בעיר הסמוכה נובוגרודק ושם גרנו עד שכוך הזעם. עם כיבוש הסביבה ע״י הפולנים חזרנו לקורליץ, היתה זו שנת 1921. חייתי איפוא, שוב בעיירתנו אך לבי כבר היה אי־שם בארץ־ישראל; הייתי כבר שטוף כולי בענינים של הרעיון הציוני עד עלותי ארצה בשנת 1926. כאן אני רוצה לספר על 2 אפיזודות, מעין פרקים מן העבר הקרוב והרחוק.

שביתת חייטים במאה ה־18

כאמור, עליתי לארץ בשנת 1926, הייתי עדיין צעיר לימים והעליה לארץ נתאפשרה רק אחרי שהוספתי בתעודות על גילי. טבעי הדבר שהגעגועים אל עיירתי וחברי היו גדולים וכל דבר שהיה קשור בקורליץ „הקפיץ" אותי ומה רבה היתה הפתעתי כאשר באחת מאסיפות הפועלים בפתח־תקווה, שם גרתי, שמעתי מפי המרצה סיפור מעניין על קורליץ במסגרת הנושא: „התפתחות תנועת הפועלים בעם היהודי בגולה". סיפר המרצה, כי אחת השביתות הראשונות במאה ה־18 ברחוב היהודי היתה בקורליץ, ומעשה שהיה כך היה: באחת השבתות הופיעו בבית הכנסת של העיירה החייטים ועוזריהם לבושים „קפוטות" של שבת מאותן הקפוטות שהיו תופרים לבעלי הבתים החשובים לכבוד שבת. החייטים עלו לכותל המזרח ליד ארון הקודש ובקשו להתפלל ביחד עם שאר נכבדי העדה. מיד התקוממו ראשי הציבור וגרשו את החייטים ועוזריהם מבית הכנסת. כתגובה הכריזו החייטים שביתה והודיעו שלא יתפרו יותר „קפוטות" לנכבדי העדה, עד

שלא תוכר זכותם להתפלל כמו כל הנכבדים, כפי שניסו לעשות זאת. כיצד נסתיימה אותה שביתה לא זכור לי בדיוק, אך יש להניח כי החייטים ניצחו במלחמתם זו.

מאוחר יותר כשבקרתי בשנת 1935 בעיירתי, דיברתי על ענין זה עם הממונה על פנקס העיירה, השוחט ר׳ אַברהם וולפין והוא אישר לי אמיתות הסיפור.

הכל למען קרן הקיימת

ומן הסיפור מן העבר הרחוק על העבר הקרוב יותר והמדובר הפעם על ההתלהבות הציונית של הנוער בעיירתנו. סיפרתי כבר בראשית דברי כי משפחתי חזרה לקורליץ בשנת 1921 ואני שהיתי בעיירה חמש שנים, עד שנת 1926, שנת עלייתי לארץ. באותן חמשת השנים הייתי כולי שקוע בעסקי הציונות. אחד היסודות של העבודה הציונית היה בימים ההם: איסוף כספים למען הקרן הקיימת. עמדנו בפני בעיה קשה: העיירה היתה עניה וההתלהבות שלנו לאסוף כספים היתה גדולה. מה עושים: החלטנו בני הנעורים לצאת לעבודה ואת הכסף שנקבל להעביר לקרן הקיימת, אך גם עבודה לא היתה בנמצא בימים ההם בשביל הנוער היהודי והנה נזדמנה לנו הזדמנות יקרה: באותם הימים נפתח בית־הספר העממי בעיירה ואנו הצענו את שרותנו לכבד את החדרים ולהעלות אש התנורים בלילה בשביל התלמידים הבאים בבוקר לבית הספר, וכך קמנו לפי תור בלילות ושטפנו רצפות, קושננו עצים ועבדנו בהסקת תנורים עד אור הבוקר, חוזרים הביתה עייפים ומאושרים: זכינו בהכנסה למען קרן הקיימת.



עבודה שניה למען קרן הקיימת מצאנו אף היא ברחוב היהודי והיא אפיית מצות לפסח. בעיירה היה מנהג שמיד אחרי פורים התחילה התכונה לאפיית מצות לפסח. אנחנו בני הנוער החלוצי קבלנו על עצמנו לעשות עבודה זו „פודראט", היינו „קבלנות". הענין היה די מסובך: צריך היה להתגבר על התנגדות האופים; להשיג כשרות הרבנים וכמובן הסכמת הבעלי־בתים, אך עברנו על כל המכשולים ואשרנו היה גדול: שמרנו על כבוד העיירה כלפי חוץ: אספנו כסף למען קרן הקיימת. אכן, ימי הרומנטיקה הציונית — היכן אתם, ימים יפים?

י. א. מלכיאלי — פתח־תקוה

מכורתי...

מִתּוֹךְ עַרְפִלֵּי יַלְדוּת קְדוּמִים
בְּשַׂרְעַפִּים נָמִים רְדוּמִים,
בֵּין מַמָּשׁוּת וּבֵין הֲזָיָה,
זוֹ הַקְּטַנָּה — קוֹרֶלִיצָה,

סָפֵק חֲלוֹם, אוֹ מַה־שֶּׁהָיָה — — —
מֵחַרַכֵּי זְמַן אֵלַי מְצִיצָה,
הַאֶזְכְּרֶנָּה כְּמוֹ שֶׁהִנָּהּ,
אוֹ כְּהוֹוֶה — אֶעִיר חִנָּהּ? — — —

תינוק בן ארבע הייתי, בעזבי עם הורי את קורליץ, שבה יצאתי לאויר העולם, ושבין קירות בתיה הזעירים ינקתי את חלב אמי, ופסעתי את פסיעות חיי הראשונות. מאז זרמו חיי באפיקיהם החדשים, וחלפו עלי ימי הילדות והשחרות בעיסוקיהם השונים, תוך הסחת דעת מוחלטת מאותה מקבת־בור שמתוכה נוקרתי. תקופת ינקות מוקדמת זו שקעה בתודעתי באפלה, וכוסתה בשכבות הווי חדשות, אשר באו והאפילו זו על זו.

אולם, מפעם לפעם, בגיל הצעיר ביותר, היו מרצדים בתוך קיפולי נפשי, זהרורי זכרונות וקטעי מראה מטושטשים מן העבר הלא־רחוק. עם התקדמות הזמן, עומעמו גם בדלי זכרונות אלו והתנדפו, בהשאירם אחריהם משקע של תת־זכרונות, כלומר, זכר קלוש של הזכרונות הקודמים. תמונות הזכרון בממשותן החזותית נעלמו מתוך ספרית הזכרון, שיוצר האדם תכן אותה בצורה כה מפליאה בתוך מוחו, ונגוזו לחלוטין כלא היו.

ואם אשתדל להעלות בזה קצת מתת־זכרונות אלה, אין ספק, כי הפיקציה והאילוסיה יתפסו כאן את מרבית התמונה. תהיה בזה אולי גם תערובת גסה של דברים אשר נקלטו בתודעתי, לא מתוך זכרוני אני, אלא מתוך סיפורים וקטעי דברים שהגיעו לאזני במישרין או בעקיפין, בשיחות משפחתיות, ואולי גם מתוך הקריאה, ובעיקר מהסתכלותי בחייהן של עיירות אלה בימי חרפי, בזמן אשר שהיתי בישיבת ראדין אצל החפץ חיים זצ״ל. באותה תקופה גם קפצתי ליום אחד לעיר מולדתי קורליץ, לרגל הצורך בהכנת דרכון לקראת נסיעתי לא״י, והצצתי במקום הסתכלות אורח. נסעתי לשם עם הלמות לב עזה, כשפרץ רגשותי גאה בי כמים זידונים לקראת הפגישה עם עיר מולדתי, הארץ הקסומה, אולם, לא מצאתי שם את פתרון חלומותי, כפי שתיארתי לי בדמיוני אשר הרחיק ראות מעל ומעבר לממשות הקיימת.

... יֵשׁ וְאֶרְאֶה מְעוֹנַיִךְ,
בִּקְתוֹת־עֵץ, זְעִיר־חֲמִימוֹת;
מִתּוֹכָן קוֹרְנוֹת פָּנַיִךְ,
כֹּה עֲנוּגוֹת, רַכּוֹת, תְּמִימוֹת — — —

איך אני זוכר את עיירתי בזכרונותי הרדומים, השפונים־טמונים מתחת לערמות וצבורי ההוי, ומאורעות הזמן, שחלפו מאז ועד היום?

רואה אני את הבית הקטן העשוי קורות עץ עבות, שהובאו ישר מן היער, ועוד לא פג ריחו מהן. קורות אלו לא הוקצעו אלא קמעא, בכדי להשיקן ולהצמידן אחת לשניה. איני זוכר אם טיחו אותן בטית מבפנים, או שדו אותן בסיד. רצפה לא היתה, והדיור בתוך הבית היה על קרקע עולם, אדמה הדוקה, או תחוחה־רעננה, שהיו מפזרים עליה חול זהוב לכבוד שבת או יום טוב. את החול היה מביא איכר בעגלה, כשהוא משרך דרכו בין הבתים ומכריז על סחורתו, ועקרות הבית היו קונות ממנו מלוא הדלי מהחול הצהוב בקופיקה או יותר.

זוכר אני את בית המדרש, שחלונותיו השקיפו אל עולם אחר עטוף מסתורין ופחדים. עמדו שם שולחנות וספסלי עץ פשוטים, שהילדים היו מקפצים מעליהם, ומשחקים בינותם במחבואים ובהדגמות גבורה של קפיצה וריצה. את בקתות העץ הצניפו בגגות קש ותבן, ששימשו מעונות קבע לכל עוף למינהו, וגם להולכי ארבע. בין „כובע הקש" של הבית וקירותיו היו מונחות קורות עבות, ששימשו תשמישים שונים, גם כמזוה לכל מיני תבשילים ומרקחות, וגם להצנעת חפצי ערך שונים, והיה שם תמיד אוצר בלום של מלאי מכל המינים. אם השתמשו אז בארונות איני זוכר, כי גם הבגדים היו תלויים על הקירות ללא משטר וכיסוי.

זוכר אני כי סבתא היתה רתוקה תמיד למטתה, שלא ירדה ממנה מעולם עד יומה האחרון. לא הרחק ממטתה, באמצע החדר עמד שולחן עץ גס ופשוט, אשר מסביבו ישבנו שפופים אנו התינוקות, כל היום, ולמדנו את האלף־בית וראשית הקריאה, מפי הסבא ר' אליעזר ראובן מרישינסקי ז"ל, שהיו קוראים לו ה„מארישינער". הוא היה מתהלך עם הילדים ברוך ובענוה, ומעולם לא הרים יד ולא הגביה קולו.

נדמה כי באותו בית, ממול הפתח של חדר סבא, היה פתח הכניסה לבית דודתי שפרה, אחות אמי ע"ה. בזכרונותי הקדומים נשארו בבואות מן אותם התופינים והרקיקים מרובי הצבעים, שהיו עשויים לפעמים בדמות צפרים, שהיתה אופה ומציגה אותם לראוה בחלון. מאוד אהבתי מעשי מאפה אלה, אזכור כי מספר שנים לאחר עזבי את קורליץ, עוד נראו אלי והפגינו בפני את קסמיהם, אם בהקיץ או בחלום.

זוכר אני מגרש חשוף נרחב בין הבתים — גדרות לא היו לחצרות — שעליו שיחקנו יחד ילדים וילדות. האם היה זה חצר בית הכנסת, או חצרו של סבא, ואולי משותף לשניהם. ילדה אחת שרטה בי שרטת בפני, ואני בכיתי. מי היא ילדה זו לא אדע, האם חיה היא עדנה, ואולי מצויה גם בתוכנו, או שפגע בה הגורל האכזרי והיא נספתה יחד עם אחיה ואחיותיה, ובלי ספק גם עם יוצאי חלציה, באותה כליה המונית איומה.

אין לי בשדה ראיה זה זכרונות מהורי, כי בהיותי יחד אתם כל השנים שלאחר כך, לא נשארו אז עקבות מן העבר, פרט לאי אלה חויות חטופות שנשארו בזכרוני מתקופת

מחלתי, מחלת השנית, שהפילה שני חללים קטנים במשפחתנו הצעירה. בגבור חומי בעת מחלתי ראיתי מראות אימים על הקיר, ואבא ז״ל רצה להרגיע אותי כשהוא מטיח במקל על הקיר, ומסלק אותו שד שהטיל עלי את מוראו ופחדיו.

בשובי לקורליץ בשנת 1924 להוציא שם תעודת לידה, כפי שהזכרתי קודם, מצאתי עולם אחר מכפי שתארתי לי בדמיוני. מקרובי משפחתי היו שם הדוד קלמן, הדודה ובתם, שהתאכסנתי בביתם אותו יום. היתה שם גם אחות אבי, חנה ליזורוביץ, אשת חיל ורבת פעלים, אשר התאמצה להיטיב עמי ככל אשר יכלה, יהי זכרה לברכה. בהשקיפי עתה לאחור מתחוור לי כי חייה לא היו קלים כלל וכלל, והיא סבלה הרבה מרורות. היא ביקשה ממני ׳עבור שנים שאעלה לארץ את בנה ינקל־יודיל ומשפחתו מרובת הילדים שגרו בנובוגרודק, ולא נסתייעה מילתא. הייתי אז עסוק בהעלאת ההורים, אח ואחות ובני־דוד אחרים, ולא הספקתי למלא את רצונה. הם נספו כולם אחר כך.

היתה בקורליץ גם משפחה אחת שהתיחסה למשפחתנו, והיא משפחת אַברז׳נסקי. אבי המשפחה הוא גם שעזר לי בהשגת תעודת הלידה מהשלטונות במקום. היש מי שהוא מהם היום בארצנו?

מכורתי הקטנה, האומללה, אשר כלתה בעשנו של המות יחד עם אלפי קהלות ישראל, גדולות וקטנות. גדול עלי כאבי ואמולה לבתי, שלא זכרתי לך חסד נעוריך, וזלזלתי בך באותו יום חורף, שסרתי אליך לפני 46 שנה. מי פילל ומי מילל שיקיץ הקץ ויבוא הקץ על כל בניך ובנותיך, איש ואשה, קטון וגדול, שתהיו כולכם למאכולת אש, אש התופת ויסורי הגיהינום.

אי הסופר אשר יתאר את כל אותם מאות הימים והלילות, אלפי שעות רעב ומצוקה, חרפה והשפלה, סבל ויסורים, כאשר הובלתם מרעה אל רעה, וממות אל מות. לבי לבי לכולכם, עלובי החיים ומכורי המות, אשר החמה השולטת בעולם אספה מכם את אורה, והירח את נגהו, ואתם הושלכתם כולכם כנצר נתעב אל קברות המונים, והייתם דומן על פני שדות.

היש שילומים לאימת זועות זו, לרצח עולמים זה?
הישנה עוד נקמה בעולם, אשר תוכל לכפר על הנוראות האלה?
אראנה, אם כי לא עתה, אך אשורנה, אפילו אם לא קרוב, כי נסתרות דרכי ההשגחה.
ויחד עם ר׳ קלונימוס ברבי יהודה, נבכה את חללינו, ונקונן:

מִי יִתֵּן רֹאשִׁי מַיִם וְעֵינִי מְקוֹר נוֹזְלַי, וְאַתֶּם עֲנוּ: אֱבוֹי אוֹי וְאַלְלַי!
וְאֶבְכֶּה כָּל יְמוֹתַי וְלֵילַי, וּבְכוּ בֶכֶה רַב וְהֶרֶב —
אֶת חַלְלֵי טַפִּי וְעוֹלְלַי וִישִׁישֵׁי קְהָלַי. עַל עַם ד׳ וְעַל בֵּית יִשְׂרָאֵל כִּי נָפְלוּ בֶּחָרֶב!

לאה קורנפלד־לובצ'נסקי — הרצליה

חזרה לקורליץ

א.

קורליץ שכנה בתוך עמק. מצד אחד סגר עליה הר זאַפולי ומן הצד השני זרם הנהר רוטקה. שני הצדדים האחרים היו פתוחים לדרך שנקראה „טראַקט נפוליאון". באמצע העיירה היה השוק והחנויות. בצפון — עמדו שני בתי הכנסת: בית המדרש הישן ובית המדרש החדש. מאחורי בית המדרש הישן היה ה„חסידים שטיבל", והבאר ששפעה מים רבים. לא הרחק משם היה בית המרחץ וכן בית העלמין. מזרחה לבית המדרש הישן עמד בית הספר העממי. כל הקטע כולו נקרא „שולהויף" היינו: ככר בית הכנסת. מצד צפון עמד גם בית הרב ובית קלמן מרשינסקי. ממערב היו בית הורי חיים וחיה־עטע לובצ'נסקי, דודי אליהו חיים אושרוביץ', דודתי שפרינצה ובעלה אלתר פרידמן ודודתי בדנה ובעלה צבי קיבלוויץ.

על תל מלאכותי במקום מרכזי בעיירה התנשא ברוב הדר ועושר בית היראה הפרבוסלווי. סביב הכנסיה גינת נוי יפה ועצים מצילים. גינת בית היראה היתה מעין המשך לגנו היפה להפליא של הפריץ אשר בקצהו השני עמד ארמונו. הדרך מן העיירה אל הארמון היתה נטועה שדרת שיחי לילך שריחם החריף והנעים מלא את חלל העיירה.

אדמת קורליץ היתה דשנה וברכת טל ומטר עליה בשפע.

ב.

„ממה היו מתפרנסים יהודי קורליץ"? — שאל אותי בן דודי יליד קורליץ, שיצא ממנה בגיל צעיר וחי עתה באחת מן הארצות העשירות. הוא לא זכר מאומה מן ההווי של העיירה. אך בפרספקטיבה של עידן האטום — קשה היה לתפוס עתה את המושג חיים של העיירה הקטנה דאז.

שאלתי את עצמי אותה שאלה: ממה וכיצד חיו אבותינו בקורליץ בימים ההם ללא רשתות התחבורה, ללא חומרי הגלם; בלי תכנון ותקציב; כיצד, בכל זאת, הם חיו ללא עתונות, בלא בקורת ובחירות, בלי בתי חרושת, כיצד הם ערכו את מזונותיהם ללא צבע מאכל... ובלי בתי קירור.

ובכל זאת חיו...

לא היה לה לקורליץ תעשיה בעלת שם, לא היתה שם תעשיה כלל, אך היו דברים בקורליץ ששמם נישא למרחוק: תעשית הגבינה הצהובה שבגללה קראו לה: „קאָרעליצער קעזלעך". בעיני הנוער היה זה נחשב כשם גנאי. גם המלפפון הקורליצי

היה בעל שם בסביבה. כי עיירתנו התפרנסה בחלקה על החקלאות ורבים מבני העיירה התמחו בגידול ירקות והם הצליחו בגידול זן טוב של מלפפון שהתחבב על הסביבה כולה. המלפפון היה המאכל העממי היהודי המקובל, אפשר לומר כמעט בעל דרגה כמו הדג־המלוח. הסיבה פשוטה: המלפפון היה מצרך זול וקל להשגה. אצל האדם העני היה מלפפון עם לחם — ארוחה שלימה. את המלפפון היו אוכלים בקיץ וכבוש בחורף. היו כובשים אותו בחביות עץ גדולות והוא שמר אמונים לבעליו: לא התקלקל ולא העלה יובש והיה מאכל תאווה במשך כל החורף עד בכורי המלפפונים של העונה החדשה.

בפרספקטיבה הרחוקה נראים חיי העיירה דאז כ„חיי אויר" כאילו חיו בנס. אך ככל שאנו מנסים להתקרב יותר אל העיירה ממש, מקבלים הדברים עור וגידים, הכול חי נגד עינינו ואנו רואים ומבינים כיצד חי כל יצור בעיירה של אז בדיוק כמו שהנך מתקרב אל התמונה רבת הצבעים והנך מתחיל להבין את משחק הצבעים על גווניהם.

חיי העיירה היו להם החוקים המקובלים של מעגל — הרבנים, השוחטים, המורים, בעל בית המרקחת, הרופא וכל השרותים התפרנסו מהציבור. אמנם לא היתה להם משכורת בנוסח ימינו ולא היו להם תנאים סוציאליים וחופשות וגם כמובן לא היו מעולם שביתות, אך התפרנסו איך שהוא מהציבור כמקובל בקהילות ישראל. אנחנו אהבנו את שליחי הציבור שלנו כל אחד בגלל תכונותיו המיוחדות: בקורליץ היו שני רבנים הרב ורניק, מסלונים בא, והשני הרב משה אַברז'נסקי בן המקום, אוהב הבריות. את השוחט משה אברהם וולפין אהבנו בגלל ציונותו ואהבת הקודש שלו לכל מה שקשור בארץ ישראל ואת השוחט אלטר מורדכוביץ אהבנו בגלל אהבת הבריות שלו.

היו אצלנו סוחרי בקר וסוחרי תבואות וזאת בגלל הסביבה החקלאית שהיתה ברוכה בשני הדברים. סוחרים אלה היו קונים את הסחורה בסביבה ומשלחים אותה הרחק הרחק לגרמניה. כמובן שהסחורה עברה ידים רבות של מתווכים וסוחרים גדולים עד שהגיעה למטרתה. חלק ניכר מאנשי העיירה עסק במסחר והיו בעלים לחנויות קטנות וזעירות אשר נשענו בעיקר על הקונים הגויים מהכפרים הסמוכים. קונים אלה הגיעו בדרך כלל ב„יום השוק" אל העיירה. אז היו מביאים אתם מיבול שדותיהם או משקיהם למכירה ומהתמורה היו קונים בחנויות ומביאים לבתיהם. היה „יום שוק" טוב ומוצלח — היה כל השבוע מוצלח אבל כשיום השוק לא העלה פדיון — לא היה כל השבוע פרנסה.

ולא החנוונים בלבד היו קשורים ל„יום השוק", גם בעלי המלאכה היו קשורים בדרך זו או אחרת ליום זה כי אז היו אנשי הכפר מזמינים חליפות אצל החייטים או נעליים אצל הסנדלר. היו אצלנו חייטים מעולים שתפרו בשביל אנשי האצולה והיו חייטים שעסקו בתפירת ה„פעלצלעך" הידועים שכל איש כפר היה לובש.

ציבור זה של בעלי מלאכה וסוחרים היו עובדים ללא לאות ועושים לילות כימים על מנת ליצור בשביל הסביבה כולה וכך היו מתפרנסים.

ג.

נולדתי סמוך למלחמת העולם הראשונה ובעודי רכה לימים פרצה המלחמה. בשנות המלחמה עם גירוש תושביה גרנו בכפר בקרבת דרצ׳ין. בנוסף לדאגות פרנסה, שיכון ובריאות רבץ על הורי עול חינוך ילדיהם הרכים. אחי הבכור, שאול, הנמצא כיום בדרום אפריקה נשלח הרחק מהבית לדודתי זלדה. אנו הקטנים היינו פטורים מעול תורה. היה בכפר הזה מורה לרוסית ואותי שלחו לקנות דעת אצלו, אולם במקום לימודים לימד אותי להצטלב לפני האיקונין שהיה תלוי בפינה השמאלית של החדר וכשסרבתי להצטלב גרשני.

עם ראשוני החוזרים לקורליץ אחרי המלחמה נמנו גם הורי. למבוגרים החוזרים היתה זו שיבה הביתה לא כן לנו הילדים. הכול היה זר לנו, לא הכרנו איש את רעהו, בית ספר לא היה וכן כל מסגרת חינוכית לימודית אחרת.

החוזרים החלו ללקט את השאריות שנשארו, החלו לנקות החצרות שהעלו קוצים ודרדרים ולהקים מחדש את בתיהם ואנו הילדים שמענו שוב אנחות הורינו מסביב לבעיה של חינוך הילדים. ההצלה באה מידי אהרון יעקב אהרונוביץ שפתח את החדר הראשון אחרי המלחמה בביתו המרווח שנשאר עומד על תלו בין הבתים המעטים שנשארו שלמים אחרי המלחמה. הרבי, איש בא בימים, בעל גוף כבד, עם זקן שיבה ארוך, קיבץ כמעט את כל ילדי העיירה. תחילה לימד כל ילד בנפרד כדי לעמוד על טיבו ואחר כך ארגן אותנו בקבוצות בנות שלושה תלמידים. שותפי לקבוצה היו שאול זלמנסקי וישראל שצקס. ספרים לא היו ובהגיע תורנו ללמוד היה הרבי מעביר את דף



מורי בית הספר העממי

מימין (פון רעכטס): יצחק מאיר קלצקי, שלום כהן, גרשון אליאסברג, משה שוסטר, יוסף פורטנוי.

הניר היחידי שעליו היו מודפסים האלף־בית — אלינו מקבוצה קודמת וכך הלאה. בהגיענו למעמד של קריאה — הוקל לנו: כי סידור היה בכל בית יהודי. אחרי שני „זמנים" של לימוד אצל ה„רבי" נפתח בית הספר ששפת הלימוד שלו היה יידיש־עברית ואני עם בני קבוצתי נכנסנו לכיתה ג'. אלה שמות מורי, מיסדי בית הספר ונושאי החינוך: המנהל שלום כהן בנו של הרב, משה אליהו שוסטר שהיה גם מלמד טבע, יצחק מאיר קלצקי שהיה מלמד תנ"ך — בהמשך הזמן היה מנהל הבנק בעיירה, „איצקה דער מלמד" (שם משפחתו נשכח ממני)שמו הפרטי היה שם דבר. השכלתו של כל איש בעיירה נמדדה לפי מספר השנים שלמד אצל „איצקה דער מלמד" וכן לימד בבית הספר דודי צבי קיבלוויץ שהרביץ תורה בבית הספר בקביעות עד יום מותו.

ד.

ביתנו עמד כאמור בקרבת בית המדרש. היה זה בית מרווח ומסודר שתמיד המה עליצות וחיים. כמעט ולא ידעתי מה זה לחזור הביתה ולמצוא בית נעול. הפעמים הבודדות שמצאתיו נעול — זכורים לי היטב גם כיום ומשרים עלי עצבות. שמחתי תמיד לחזור הביתה כי ידעתי שיקדמו אותי עיניה הטובות של אמי וצחוקם ועליצותם של אחי ואחיותי וכן פניו הרציניים של אבי שעמל קשות על מנת לקיים את משפחתו בכבוד.

היות ובכל ששת ימי השבוע היו הורי עסוקים וטרודים בעסקי פרנסה — הורגש מאוד יום המנוחה: בשבת היה הבית נקי שבעתיים, מפה צחורה היתה פרושה על השולחן שעליו דלקו הנרות. בגדי השבת של כולנו; ההורים העליזים הפטורים מדאגת פרנסה בשבת — כל אלה השרו עלינו מצב רוח חגיגי ועד היום מהווה לי זכרון יום השבת בביתנו כחזיון נפלא מלא הוד והדר. המשפחתיות ו„שבת אחים גם יחד" היתה מקור השמחה של שבת ובמיוחד היתה שמורה המשמעת המשפחתית בסעודת ליל שבת.

אמי כמו כל האמהות היהודיות בעיירה היתה עמלה במשך כל ימי השבוע בעניני הבית אך תמיד מצאה לה זמן לעזרת הזולת ועשתה זאת לא רק בנאמנות אלא בזהירות ויראת קודש מיוחדים במינם. זכורני מקרה: אצל שכנינו מלכה ריבה וקלמן מאַראַשינער גרה אשה זקנה בשם חנה שהיתה חולת שחפת. בנה יחידה נפטר ומרוב צער נפלה למשכב. מלכה ריבה ואמי פנו ל„מושב זקנים" בנובוגרודק וסדרו לה שם מקום, אך עד שעברה לשם, עברו ימים רבים ובינתיים צריך היה לטפל בה ולדאוג למחסורה. מרבית העול נפל כמובן על מלכה־ריבה, אך אמי נרתמה לעול והיתה שולחת לחולה את מזונותיה על ידי. עד היום מצלצלות באזני דברי אמא כיצד הדריכה אותי על התנהגותי אצל הזקנה „הכנסי לשם בשקט", אמרה אלי, „אל תסגרי ברעש את הדלת, אספי את הכלים מהארוחה הקודמת ותזהרי שלא תפולנה הצלחות אשר תפרענה לשכנה מלכה־ריבה". ובסוף כשהייתי כבר בחוץ היתה אמי רצה אחרי וכמעט בבושה הוסיפה: „והשתדלי לא להתקרב יתר על המידה למיטתה..."

רעיה שניאור קפלן

דיוקן של עיירה

קורליץ היתה בין אותן העיירות בפולין הצפונית, שלא היתה מסומנת במפה. „עיירה" — אך עיירה נושמת וגועשת לפי דרכה — דרך המקומות הקטנים בפולין דאז, מאוכלסת יהודים רבים.

בתיה בנויים עץ, רחובותיה ללא תכנון מיוחד — כאילו ירדה כך מן השמים בשעת בריאת העולם. חיי היום־יום אף הם כאילו לא נשתנו מעולם: שואב המים היה נושא לבתים את דליי המים על אסליו מן הבאר. את הכבסים היו כובסים בידיים ותולים על עליית הגג למשך כמה ימים עד שיתיבשו.

אך היו לה לעיירתי הצרכים שנזקקה להם לקיומה לפי דרכה. היו בה 2 בתי ספר יסודיים, 2 בתי כנסת, רב, 2 שוחטים, בית קברות ואף גן ילדים אחד, בית ספר תיכון, בית תרבות, בית קולנוע. רופא אחד, בית מרקחת, מרפא שניים ובית חרושת אחד. ההורים היו שקועים בעבודה מהבוקר עד הערב ומכיוון שהפרנסה בדרך כלל לא היתה מצויה — עבדו האנשים קשה יותר. בעלי המלאכה היו שקועים בעבודתם מהבוקר עד הערב, ביניהם היו: חייטים, סנדלרים, נפחים. בית המלאכה של איש המקצוע היה ד׳ על ד׳ — אך זה העולם הקטן בה היה חי כל אחד. והחנוונים או יותר נכון החנווניות עמדו על משמרתם: הנשים לא הסתפקו בעמידה בחנות ובצפיה לקונה — הן עמד בפתח חנויותיהן וניהלו תעמולה באזני העוברים ושבים כדי שיכנסו לקנות את הסחורה „הטובה והזולה". בבית עבדה עקרת הבית עבודה מפרכת. נשים אלו עמדו משולהבות ליד התנור והכיריים: מעלים אש בשבבים הרטובים, אופות, מבשלות ומטגנות ומשתדלות לשמח לב בני הבית במאכלים מיוחדים, מעשי ידי אמא.

צעירי העיירה הסתובבו ללא תכלית בחייהם. הם הם שהרגישו את הריקנות ותוסר התכליתיות של העיירה המצומקת והדלה. רבים מהם עשו את כל האפשר על מנת לעזור להוריהם, רבים עזרו בבתי המלאכה והמשיכו במקצוע בעקבות הוריהם אך הרוב המכריע היה מסתובב תועה בדרכי החיים, בטלים מעבודה ושרויים במחשבות ובחלומות בהקיץ.

ובכל זאת כאשר מביטים אחורנית — מתעוררים תמיד געגועים עזים לעיירה. האם אלה המה געגועים לימי הנעורים? או געגועים לאלה שחיו שם ואינם?

אין ספק שהסיבה העיקרית לגעגועים, היא בחיי הטוהר והאמונה אשר אפפו את העיירה. היהודים מכל המינים, בעלי המלאכה והחנוונים היו יהודים מסורתיים

שתלמו ברובם על ציון וירושלים. היו אלה יהודים תמימים אך פקחים אשר הסתפקו במה שיש להם ולא שאפו לאושר ולרווחה. אמותינו לא חלמו ולא נזדקקו לאביזרי המטבח המפוארים שאנו רגילים להם בימינו, הם לא שאפו לתנורי אפיה ומכונות כביסה. מחשבתם היתה לגדל את בניהם ולזכות לראותם בריאים, לרוות מהם נחת. הורינו שקקו אהבה, אהבה לזולת, אהבה למקור מחצבתם ואהבה לנכסי הרוח והברזל של האומה. יהודים אלה היה להם תמיד מקום לינה ליהודי נודד, חלקו את פתם עם עני ולא התאוננו מימיהם. קשה לא לזכור ולא לאהוב את העיירה הזאת על יהודיה ובתיה ודרך חייה, ומשום כך ישנה הרגשת קירבה כזאת לכל יוצא העיירה, ולכל זכרון מן הימים ההם.

ביום שוק

יום אחד בשבוע, ביום רביעי „יום השוק" בקורליץ, התנערה העיירה משממונה והפכה לעיירה רועשת וגועשת, סוערת וססגונית.

מי מאתנו אינו זוכר את היום הרביעי בשבוע שהיה כולו קודש לשוק. החנוונים השכימו קום, פתחו חנויותיהם והכינו סחורתם למכירה.

הם עמדו דרוכים לקראת האכרים שבאו מכל הסביבה, מן העיירות ומן הכפרים הסמוכים לקנות מצרכים לכל השבוע, לרכוש בדים, תלבושות, מכשירי עבודה, כלי בית ובעיקר למכור את סחורתם הם: את יבול משקיהם, שדותיהם וגניהם.

והנה השוק מוצף אנשים ונשים מכל הסוגים ומכל הגילים לבושים בלבוש ססגוני. עגלות עמוסות סחורה ורתומות לסוסים נוהרות מהבוקר השכם לככר השוק. כל חנווני תופס לו את דוכנו בשוק עליו הוא מציג את סחורתו.

סוסים צוהלים, פרות גועות והאכרים מכריזים בקולי קולות ומשבחים את הסחורה. אחרים פונים מיד לבתי המרזח „להרטיב את גרונם" ואחרים פונים אל החנויות ולא מחמיצים גם הזדמנות לסחוב מכל הבא ליד בהסתר, בצפיפות וברעש.

החנוונים משולהבים ומיוזעים, מוכרים בשמחה ובמרץ את הסחורה תוך סיפוק של ספירת המעות.

הילדים הקטנים באים לעזור להוריהם; אם אין ביכולתם למכור, הרי מסוגלים הם להשגיח על הגויים שלא יגנבו חס וחלילה.

השתדלנו עד כמה שיכולנו לבוא לעזרתם של ההורים אבל לא תמיד עמדנו בנסיון. הפיתוי מצד הרחוב היה גדול מאוד. איך אפשר לעמוד במקום אחד לשים עין לצידו של הגוי בשעה שהכול מסביב קורץ לך: בואי! ראי! ממששי את הסחורה, קני אותה, הכירי אנשים צעירים; הסתכלי מה עושות החברות, המכרות. עם מי הן נפגשות ועל מה הן משוחחות!! עזבי את החנות. שטויות, אין צורך להשגיח, איש לא יקח דבר.

ומדוע לא לעבור בין הדוכנים העמוסים מכל טוב: פרגיות, תרנגולות, ברווזים, אווזים, תרנגולי הודו, עגלות, פרות, סיחים, סוסים ואף חזירים. וראו שם את הפירות המשובחים מכל המינים! ריחם — ריח ניחוח וטעמם — טעם גן עדן.

ובכן: מען לאָזט זיך אין וועג אַריין.

וכאן אינך יחידה: הנה כל הבנות הצעירות שכבר הספיקו להתגנדר ולהתפרכס, מטיילות הן בין העגלות ומנסות לצוד ציד.

היו כאלה שהצליחו מיד עם צעדן הראשון והנא הן כבר בחברת בחור או בחורים; אחרות נדחקות, עיניהן פקוחות לרווחה, הן מטילות מבטים נוצצים סביבן ומחפשות ומחפשות...

הבחורים הצעירים העסוקים במלאכה מפסיקים לרגע את עבודתם ויוצאים לשוק. הרי גם הם אינם אלא „בשר ודם" ונשמתם אינה צימוק (זייער נשמה איז ניט קיין רוזינקע). הם מטיילים בצוותא ועיניהם מופנות לכל הצדדים בחיפוש אחרי המין והיפה.

לפנות ערב שוכך הרעש. השוק מתרוקן והולך. האכרים חוזרים למקום מגוריהם, החנויות מתרוקנות מאנשים, הצעירים חוזרים לבתיהם והחנוונים נושמים לרווחה: יום שוק מוצלח היה היום. אמנם הראש כבד וכואב מרוב מתח, עבודה ורעש, אך הכיס מלא וזה העיקר...

פה ושם מציעים או קונים דגים מלוחים, לחם לבן ואוכלים בתיאבון רב ובהנאה.

ואחרי סגירת החנויות הולך לו כל חנווני עייף ותשוש עם קופתו לביתו ובלבו רק מחשבה אחת: לנוח אחרי עמל היום ולאסוף כוח לקראת יום השוק הבא ביום רביעי.

אסתר שקולניק–הורוביץ — ירושלים

כאשר אורח בא לקורליץ

קורליץ היתה ידועה כמכנסת אורחים נלהבת. אורח כי בא לעיירתנו לא היה עזוב וגלמוד: טפלו בו ודאגו לצרכיו.

כמו כל העיירות בפולין ובליטא היתה העיירה חביבה ומקובלת על אותם היהודים העניים אשר הסתובבו מעיר לעיר נע ונד. יהודים אלה מקומם הראשון, כמקובל היה — בית־המדרש. לשם באו האנשים האלה וכרגיל לא ארכה הישועה לבוא. זר כי נראה בבית־המדרש מיד ניגש אליו תושב מקום ולאחר שאלות שגרתיות מקובלות כמו: „שלום־עליכם, פון וואַנען אַ ייד? ווי לאַנג זייט איר אין וועג?" — היה מזמינו לביתו לסעוד את לבו שלא יהיה יהודי רעב חלילה. עקרות הבית היו רגילות לתופעות אלו ולא שאלו שאלות. היה זה מנהג מדורי דורות שיהודי היה בא מבית־הכנסת ואליו נלווה „אורח". היו „אורחים" כאלה של ימי חול והיו אורחים של שבת. עקרת הבית אשר הכינה את הסעודות לבני הבית, לא קמצה בהכנותיה, תמיד היה מקום לעוד אדם ליד השולחן.

„אורחים" מסוג אחר היו „בחורי הישיבה", היו אלה נערים שבאו ממרחקים ללמוד תורה בעיירה, אצל „מלמד" מפורסם או סתם להתמסר ללימוד תורה בבית־המדרש של העיירה. בחורים אלה הגיעו ללא דאגה לאוכל כי מקובל היה לאכול בבתים של תושבי המקום. סידור זה היה נקרא ביידיש „עסן טעג", היינו: שבכל יום היה הבחור אוכל בבית אחר, אך הימים היו קבועים. בעל בית שלקח על עצמו להאכיל „בחור ישיבה" יום מסוים היה חייב להאכילו במשך כל השנה באותו יום בשבוע. על „הימים" האלה של בחורי ישיבה מהתקופה הזאת נסוב שירו הידוע של אברהם רייזען: „עסען טעג שלינגען טרערן". כי הבחורים הללו שבאו מבתים טובים בעיירות ישראל, לא במהרה הסתגלו לאכול בבתי זרים, למרות שהיו מאכילים אותם מכל טוב ומשתדלים להשכיח אצלם את הגעגועים אל בית אמא ולהפכם ל„עצמאיים" וגברים שיודעים לדאוג לעצמם.

מלבד הדברים האלה שהיו שגרתיים בכל עיירות וערי ישראל היתה קורליץ ידועה בהכנסת אורחים מודרנית יותר, הכנסת אורחים של צעירים משכילים שבאו מי לזמן קצר ומי לתקופה ממושכת יותר אל העיירה. בקורליץ נוצרו מיני חברות שנשאו את שם מארגניהם — דוגמת „החברה" לפגישות ובילויים המקובלים בימינו בישראל. כך היו חברות של: זלטקה בייגין, לאה קפלן, מנוחה אַברמוביץ, ריבה

טריבצקי, ליבה ניסלביץ וכו׳. אנשים שבאו לעיירה יכלו בנקל למצוא מקום באחת החברות הללו, כל אחד לפי טעמו ורמת השכלתו. גם בשביל החברה במקום היתה זו חוויה לקלוט אורח חדש שבא מן החוץ שהיה מוסיף מסממניו אל החיים השוטפים בעיירה. צעיר כזה שנקלט לחברה ואשר שהה בעיירה לרגל ענין מסוים היו מתעניינים בו והוא לא נעזב לנפשו. דאגו לו לבית שם יאכל וישתה ואף דאגו לו לחברה מתאימה. בעיירות הסמוכות יכולת לשמוע תלי תלים של סיפורים על המאכלים הטובים שהיו אוכלים בקורליץ על סעודת השבת עם ה„געפילטע פיש״ ה„טשאָלנט״ המסורתי, השמן עם הבולבעצ׳קעס, הבעבאַלעך, ה„קניידלעך״ ה„קישקע״ הממולאה והשמנה, ה„צימעס״ הריחני, הפשטידה המתוקה וכמובן ה„קומפוט״ הטעים והערב.

אך גם בזה לא די. האורח שבא לעיירתנו יצא משם לא רק ברשמים טובים ובבטן מלאה מלא חוויות ורשמים כי אם גם בתוספת שם... היינו כינוי.

הכינוי ניתן לאורח בדרך כלל מיד עם הופעתו בעיירה. לשם כך היתה מעין „חברת לצים״ כפי שקראו לזה. אלה היו תוהים על קנקנו של אורח חדש מיד עם הופעתו וזאת בצורה רשמית כמעט... שליח החברה היה בא למקום שם נמצא האורח ומנסה לעמוד על טיבו של האיש: קטן הוא או גבוה; שמן או רזה, אינטליגנט או סתם כך ולבסוף נמצא בהתיעצות החברה תחילה כינוי זמני. אך במשך שהותו של האיש נמצא לו הכינוי הקבוע והמבוסס על דברים „טופוגרפיים״ של האיש.

וכך יצא כל אורח שמח ועליז ומוכתר גם בכינוי שנשאר לו לכל חייו...

יעקב אברמוביץ – נוה עוז

באשעפטיקונג פון די קאַרעליטשער יידן

קאַרעליטש איז געווען אַ חסידיש און האַנטווערקער שטעטל. אַלע בירגער האָבן געהאַט פרנסה. אַ טייל האָט זיך פאַרנומען מיט גערטנעריי. אין סעזאָן פלעגן אַרבעטן אין די גערטנער אויך יידישע קינדער. קאַרעליטשער אוגערקעס פלעגט מען שיקן קיין ווילנע, וואַרשע און אין אַנדערע מקומות.

די פויערים פון די אַרומיקע דערפער פלעגן ברענגען אין די מערק־טעג וואָל. די יידישע הענדלער פלעגן עס קויפן, דאָס וואָל פלעגט באַאַרבעט ווערן מיט מאַשינעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטעטל.

די סאַדאָווניקער פלעגן נעמען סעדער אין אַרענדע, ביי די פּריצים. יידישע בחורים פלעגן אויך אַרבעטן ביים אַראָפּנעמען די פרוכט, וואָס פלעגט געשיקט ווערן אין די גרויסע שטעט.

יידן פלעגן האַלטן אין אַרענדע פּאַקטן. האָבן אויסגעאַרבעט האָלענדער קעז אין קעלערן, וואָס זענען ספּעציעל געמאַכט געוואָרן צו דעם צוועק. דאָרט פלעגן זיי דעם קעז קאָנטראָלירן און סאָרטירן. די קעז פון בעסערן קוואַליטעט איז טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין די גרויסע שטעט. קאַרעליטשער האָלענדער קעז איז געווען באַוווּסט און האָט געהאַט אַ שם אין דער סביבה.

אין צענטער פון שטאָט איז געווען אַ ראָד פון אַלערליי געשעפטן. מאַנטיק און מיטוואָך פלעגן זיך אויסשטעלן גרויסע מערק. קריסטן פון די אַרומיקע דערפער פלעגן אָנפירן צו פאַרקויפן אַלערליי פּראָדוקטן. דאָס געלט פלעגן זיי איבערלאָזן אין די קראָמען.

די תבואה־הענדלער האָבן מערסטן טייל געמאַכט זייערע געשעפטן פאַרן אַריינפאָר אין שטאָט, איידער די קריסטן פלעגן אָנקומען אין שטאָט אַריין פלעגן זיי שוין אָפּקויפן די תבואה.

קצבים, אויסער דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט יאַטקעס, און געלעבט פון די בירגער פון שטאָט, האָבן זיך פאַרנומען (אַנדערע) מיט קויפן לעבעדיקע בהמות. אין קאַרעליטש פלעגן זיך אויסשטעלן גרויסע מערק פון בהמות און ס'פלעגן זיך אָנפאָרן פיל סוחרים פון ווייטע געגנטן.

ס'זענען געווען סטאָלער־ווארשטאַטן. אַ טייל סטאָלאַרעס פלעגט אַוועקפאָרן אויף אַ גאַנצע וואָך אין די נאָענטסטע דערפער. פרייטיק פלעגן זיי זיך אומקערן אַ היים, כדי זיין צוזאַמען מיט דער פאַמיליע שבת. אַ היים פלעגן זיי ברענגען מכל טוב: פוטער, הינער, אייער, ברויט, קאַרטאָפל און נאָך. אויך קאַראַבעלניקעס האָבן זיי געבראַכט.

שמידן האָבן געאַרבעט. ס'האָבן געקלונגען האַמער און קאָוואַדלע, דער עיקר אין דער צייט פון „זשניוואַ" (דאָס אַרונטערנעמען די תבואות פון די פעלדער). דאַן פלעגן זיך אָנפאָרן פיל קריסטן אין קאָרעליטש, כדי צו שאַרפן די סערפן און קאָסעס. ביי יעדער קוזשניע זענען געשטאַנען רייען.

די שניידער, שוסטער און קירזשנער האָבן מערסטן טייל געשוויצט פאַר יום־טובים, ווען די בירגער פון שטאָט האָבן זיך געדאַרפט אויספּוצן אין נייע אַנצוגן, נייע שיך און נייע היטלען... ווען מען פלעגט זיך טרעפן אין בית־המדרש, אָדער אין גאַס, פלעגט איינער פרעגן ביים צווייטן: ווער האָט פאַר דיר גענייט? און מען פלעגט זיך ווינטשן אַ „טראָג געזונט".

דער סקלאַד פון די ברעטער פון מיכאל שוסטער אין מיטן שטאָט, פלעגט פאַר־שמעקן די שטאָט מיטן ריח פון די סאָסנע־ברעטער. און אויב דער געזונטער ריח האָט נישט דערלאַנגט נאָכן שטאָט, האָט אליהו סיילאָוויצקי געמאַכט אַ סקלאַד פון ברעטער הינטערן שטאָט. עס איז אים נישט גוט געגאַנגען, האָט ער דעם סקלאַד פון ברעטער געביטן אויף תבואה געשעפט.

די בירגער פון שטעטל האָבן זיך געהאַלטן ווי איין פאַמיליע. מען פלעגט העלפן איינער דעם צווייטן. עס איז געגאַנגען אַ ווערטל: „איין פאָר שיך אויף גאַנץ זאַלאַמאַנקע".

פאַראַן צוויי מילן — פון איין זייט יצחק סטאָלער און זיינע שותפים; פון דער צוויי־טער זייט אלתר סרעבערניק און יאָסל בערנשטיין. די מילן האָבן געאַרבעט אויף פולע פאַרע. די וואַסער־מיל פון ישראל־מיכאל סלוצקי מיט זיין שותף עזרא פאַמערציק האָט



קטע מרחוב טחנות־הקמח — אַ פראַגמענט פון מיל־גאַס

געאַרבעט אַ ביסל שוואַכער. אַרום די מילן פלעגן שטיין פיל פויערים מיט פול געפּאַקטע תבואה צום מאָלן. זיי האָבן געוואַרט אין דער ריי: ווער פריער און ווער שפּעטער.

ס׳בענקט זיך נאָך דער ליבער שטעטעלע קאַרעליטש מיט די ליבע און האַרציקע יידן.

די פּאַזשאַרנע — פרייוויליקע פייערלעשער אין קאַרעליטש

מיין פאָטער עליו השלום, לייזער איז אין דער פייערלעשער־קאָמאַנדע געווען ווירטשאַפטס־קאָמאַנדיר. ווען די נאַטשאַלניקעס זענען אַלט געוואָרן און אַ טייל איז געשטאָרבן, זענען געוואָרן נייע נאַטשאַלניקעס.

איך געדענק די נייע נאַטשאַלניקעס: פּרעזעס — **אַפּטייקער אליאסבערג**; נאַ־טשאַלניק — **דוד סלוצקי**; וויצע נאַטשאַלניק — **סאַוועליע קלאצקא**; אַדיוטאַנט — **מרדכי בענין**; פאַרוואַלטער — **גערץ נאָמיאַט**, **ראובן פערעוועלאצקי** — קאָמאַנדיר ערשטע גרופּע — **לאַדיסניקעס ישראל איזרעאַליט**; קאָמאַנדיר צווייטע גרופּע — **טרובעשניקעס חיים אַבראַמאָוויטש**; קאָמאַנדיר דריטע גרופּע — וואַסער־לייטונג — **ברוך צאַלקאָ־וויטש**; קאַפּעלמייסטער פון אָרקעסטער (**פריער שמעון מילער**).

ווען עס פלעגט זיין אַ פּראָבע, פלעג איך קומען זיך צוהערן. מיך האָט מען נישט געוואָלט אַריינעמען אין דער פּאָזשאַרנער־קאָמאַנדע. איך בין נאָך געווען צו יונג פאַר



מימין (פון רעכטס): לייבל פערעוועלוצקי, אברהם קפלן, אליעזר אברמוביץ, עוזר קפלן, געצל ילין, אליהו מייטעס.

זיי. איך בין מקנא געווען אונדזערע פייערלעשער, ווען איך האָב זיי געזען אין די מונדירן מיט בלישטשענדיקע קנעפּ, מיט די רויטע קאַנטן ביי די גראַנאַט מאַנזשעטן. איך פלעג שטענדיק שטיין און זיך צוגעקוקט צו זייערע איבונגען, ווי זיי ציען זיך אויף שטריק, קריכן הויך אויף לייטערס, אַרבעטן מיט די וואַסער־פּאָמפּעס.

אַזוי איז פאַרלאָפן צייט. מען ווערט עלטער. דער נאַטשאַלניק דוד סלוצקי האָט מיך פאַרופן צו זיך און מיר געזאָגט:

— יאַנקל, דו וועסט איבערנעמען דעם אַמט און ווערן ווירטשאַפטס־קאָמאַנדיר, פאַראַנטוואָרטלעכער איבערן אינווענטאַר פון דער פאָזשאַרנע.

מיין אַרבעט איז באַשטאַנען: זען, אַז די קישקעס זאָלן נישט רינען, די וועגענער זאָלן זיין אין אָרדנונג, די רעדער געפּאַרבט, די אַקסן געשמירט, די פעסער אויף די 2 רעדער זאָלן שטענדיק זיין מיט וואַסער; די וואַסער־פּאָמפּעס זאָלן זיין אין אָרדענונג. דאָס וואָס איך וועל אַליין קענען פאַריכטן — איז גוט, וואָס נישט — נעמען אַן אַרבע־טער. אין פאַל פון אַ שריפה זאָלן אַלע אינסטרומענטן זיין גרייט צו דער אַרבעט.

— דאָס איז אַ ירושה פון דיין פאָטער — האָט ער צוגעגעבן.

איך האָב אים געזאָגט, אַז אַלעס וועט ווערן אויסגעפירט אין בעסטן אָרדענונג. דערביי האָט ער מיר געגעבן אַ באַשעפטיקונג: גיין אין געשעפט און נעמען שטאָף אויף אַ מונדיר און אויף אַ היטל. כ׳האָב גלייך גענומען שטאָף און בלישטענדיקע קנעפּ און עס אָוועקגעטראָגן צו שלמהקע קאַבאַק דעם שניידער. דאָס היטל האָב איך אַוועקגעטראָגן מאַכן צו משה־הלל קירזשנער. מיין פרייד איז געווען אומבאַשרייבלעך.

איך פלעג זיך געפינען אין דער פאָזשאַרנע מער ווי אין דער היים. געפּאַרבט די וועגענער און רעדער, געשמירט די אַקסן מיט מאַזש, געזען די פעסער זאָלן שטענדיק זיין פול מיט וואַסער. פאַריכט די קישקעס, זיי זאָלן נישט רינען. געזען די לייטערס זאָלן זיין אין אָרדענונג; די האַקעס זאָלן נישט זיין צעבראָכן און זאָלן זיך האַלטן צו די דראָנגעס פעסט; די וואַסער־פּאָמפּעס זאָלן גוט אַרבעטן.

איך האָב געהאַט אַ גוטן רבי. דאָס איז געווען נח גערשנאָווסקי. זיין הויז איז געווען אַנטקעגן איבער דער פאָזשאַרנע און דאָס שליסל איז געווען ביי אים. ער פלעגט יעדעס מאָל קומען, אַרומקוקן, מיך געלערנט, וואָס כ׳דאַרף טאָן און אויך אַליין האָט ער צוגעלייגט אַ האַנט.

איבערהויפּט פלעגט מען מאַכן רעפּעטיציעס זונטיק. זונטיק אין דער פרי פלעגט יאַשע גערשנאָווסקי געבן אַ סיגנאַל. ער פלעגט גיין פון גאַס צו גאַס, כדי אָנצוזאָגן, אַז מען זאָל נישט פאַרגעסן קומען צו דער רעפּעטיציע. ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט זיין אַרבעט איבערגענומען זיין ברודער יודקע, דוד ליפשיץ און אויך לייבע איזאָכאָבסקי. אַלע פאָזשאַרניקעס מיט דער נאַטשאַלסטווע פלעגן זיך צונויפקלייבן אויפן הויף פון דער פאָזשאַרנע, וואָס איז געווען אויף די טויבע גאַס.

דער מאַרש איבער די גאַסן

דער אַדיוטאַנט, ראובן בענין, איז דער ערשטער געשטאַנען אין דער פאַלנער אוניפאָרם פון דער פאַזשאַרנע. ער פלעגט אויך אַ מאָל פאָרן אויפן ראַווער.

אַפּגערוקט, בערך אַ 2 מעטער, איז געגאַנגען דער קאַפּעלמייסטער ברוך צאַלקאָ־וויטש. נאָך אים דער פאַזשאַרנער אָרקעסטער, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען אַלס אַ גוטער אָרקעסטער.

משה גערשנאָווסקי — קלאַרנעט; נח גערשנאָווסקי — באַריטאָן; יאָשע — קאָרנעט. צום אָרקעסטער האָבן אויך געהערט גדליהו דעם שוסטערס 4 זין. דער פינפטער זון, יאַנקל, איז געווען אין דער ערשטער ראָטע לאַדעשניקעס. דער פאָטער גדליהו, איז מיט דער גאַנצער נשמה געווען איבערגעגעבן דער פאַזשאַרנע.

די איבעריקע מיטגלידער פון דער אָרקעסטער זענען געווען: אַהרן ליפשיץ 4 זין: יצחק — וואַלטאַרניע, בערל — קאָרנעט, משה — קלאַרנעט, דוד — טענאָר, דאַן — ישעיהו גערשנאָווסקי, מאַרקל גערשנאָווסקי, אַברהמל ליפכון — פויק; אַזעראָווסקי — אידל סאָוויצקי — טעלער.

נאָכן אָרקעסטער, אָפּגערוקט, איז געגאַנגען די נאַטשאַלסטוואָ; נאָך דער נאַ־טשאַלסטוואָ — דער קאָמאַנדיר פון דער גרופּע לאַדעסניקעס, ר. פערעוועלאצקי; נאָך אים זיין גרופּע, די ערשטע אַרבעטער ביים פייער. אַלע געזונטע פאַזשאַרניקעס, מיט קאַסקעס, מעשענע העלמס און העק ביי די לעדערנע פּעסער אין דער לינקער זייט.

די צווייטע גרופּע — באָטשניקעס, ד.ה. די וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די וואַסער־פּאָמפּעס. דער ערשטער — ישראל איזרעאַליט און נאָך אים זיין גרופּע, אָנגעטאָן אין די אוניפאָרמען.

די דריטע גרופּע — וואַסער צושטעלער. קאָמאַנדיר — ח. אבראַמאָוויטש — נאָך אים זיין גרופּע.

דער אָרקעסטער פלעגט אויפשפּילן און דאַן אונטערן טאַקט פלעגט מען אַדורכמאַרשירן די גאַסן. אונדזערע ליבע קאַרעליטשער בירגער פלעגן אונדז אויפנע־מען מיט אַפּלאָדיסמענטן.

איבונגען

ווען מען איז אַדורכגעגאַנגען די גאַסן פון שטעטל, איז מען דאַן צוריק געקומען אין דער פאַזשאַרנע. מען פלעגט אָנשליסן נאָך די גרופּעס דעם לאַנגן וואָגן אויף די פיר רעדער, אויף וועלכן ס'זענען געווען אָנגעלאָדן גרויסע לייטערס, קרוקעס, קישקעס און נאָך פאַזשאַרנע געצייג: 2 וואַסער־פּאָמפּעס, עטלעכע אייזערנע פעסער, עטלעכע הילצערנע פעסער, געפאַרבטע אויף רויט, געפּוצט מיט ווייס, אויף 2 רעדער. מען פלעגט פאָרן צום טייך און מאַכן איבונגען, כדי מען זאָל וויסן ווי זיך צו באַגיין אין דער צייט

פון אַ שריפה. יעדע אָפּטיילונג מיט איר אָנפירער פלעגן דורכפירן די איבונגען פלייסיק.

די פּאָזשאַרנע האָט זיך אין גרעסטן טייל אויסגעהאַלטן פון די קאָרעליטשער בירגער, וועלכע האָבן געצאָלט מאָנאַטלעכע שטייערן. אויך האָט צוגעהאָלפן די קאָרעלי־טשער גמינע. דער וואָיט סוכאָזשעיווסקי האָט אויך געהערט צו דער נאַטשאַלסטווא. ס׳פלעגן זיין פאַלן ווען בירגער האָבן נישט געוואָלט באַצאָלן זייערע שטייערן.

אין דער צייט פון רעפּעטיציע פלעגט מען צושטעלן אַ גרויסן לייטער צום הויז פון אַ בירגער, וועלכער האָט זיך אַנטזאַגט צו צאָלן די שטייערן. מען פלעגט אַרויפ־



מכבי־אש והתזמורת — פייערלעשער און דער אָרקעסטער

למטה מימין יושבים — שורה א׳ (אונטן פון רעכטס זיצן — **ערשטע ריי**): משה ליפשיץ, משה גרשנובסקי, בערל ליפשיץ, ברוך צלקוביץ, יאָשע גרשנובסקי, הענעך יוסלוביץ ....., נח גרשנובסקי. **שורה ב׳ (צווייטע ריי)**: אברהם ליפכין, מאַרקל גרשנובסקי, יונה ילין, ..., אברמוביץ, משה סטולר, מאָטל לעווין, חיים דושקין, אלתר גרינפעלד. **שורה ג׳ (דריטע ריי)**: ישראל איזראַליט, מרדכי, ראובן בעגין, חיה־לאה קפלן (שערעשעווסקי), לאה טראיעוויצקי, ראובן פערעוועלוצקי, סאוועליע קלאצקא, ..., דוד סלוצקי, איליאַסברג, ..., אברמוביץ. **שורה ד׳ (פערטע ריי)**: גרשוביץ, מרדכי מורדכוביץ, שמערל יאַנקעלעוויטש, יצחק סטולר, אנשל אברמוביץ, שלמה גרצובסקי, משה ליפכין, אברהם בערמאַן, ..., שאול לובצנסקי, יהודה, מאָטל מורדכוביץ, חונה (?), ליפכין, אברמו־ביץ, יעקב גרשנובסקי, ..., יוסף ליפכין, בראַגעל (נוצרי) **שורה ה׳ (פינפטע ריי)**: חיים ברקוביץ, ישעיהו גרשנובסקי, יצחק סטולר, בנציון גולקוביץ, יואל מייערוביץ, מאָטל איזעכובסקי, אלתר אברמוביץ.

שלעפן די קישקעס מיטן סטוואָל אויפן דאַך, גלייך אין קוימען. די וואַסער־פּאָמפּ איז געווען גרייט צו דערלאַנגען וואַסער. דער פּאַציענט פלעגט זען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין ברירה: באַלד וועט זיין וואַסער אינעם הויז. האָט ער געמוזט באַצאָלן פאַר דער גאַנצער צייט.

טעאַטערן

אין דער פּאָזשאַרנע פלעגן דורכגייענדיקע אַרטיסטן שפּילן טעאַטער. דאַן פלעגט מען אַרויספירן אַלע אינסטרומענטן. ס׳איז געווען אַ בימה ספּעציעל צוגעגרייט פאַר טעאַטער. די פּאָזשאַרנע פלעגט נעמען אַן אָפּצאָל.

אין קאַרעליטש איז געווען אַ דראַמאַטישער קרייז, וואָס פלעגט געבן ספּעקטאַק־לען. דאָס געלט איז געגאַנגען פאַר דער פּאָזשאַרנע.

פריער איז געווען דער רעזשיסער פון דראַמאַטישן קרייז אלתר באַיאַרסקי. ווען ער איז אָפּגעפאָרן קיין אַרגענטינע איז געווען רעזשיסער סאָוועליע קלאַצקאַ.

צוויי מאָל אין וואָך זענען אין קאַרעליטש געווען מערק. ס׳פלעגט טרעפן, אַז קריסטן פלעגן זיך אָנשיכורן און נעמען בושעווען. עס ווערט אַ טומל אין שטעטל, אַ טייל פאַרשליסן די געשעפטן און צעלויפן זיך. פּלוצעם פלעגט מען מאַכן אַ טרעוואָגע און גלייך זענען אַלע פייערלעשער געווען אויפן פּלאַץ. אין דער צייט פון אַן אַלאַרם האָבן די פייערלעשער געהאַט רעכט צו כאַפּן פערד, ווו ס׳האָט זיך געמאַכט. געכאַפּט האָט מען פערד ביי די פּויערים פון מאַרק, און גלייך איז מען אַרויסגעפאָרן אין מאַרק מיט די וואַסער פּאָמפּעס און פעסער מיט וואַסער. לויט אַ באַפעל פלעגט מען אָנהויבן גיסן וואַסער ביז די קריסטן האָבן פאַרלאָזן דעם מאַרק און ס׳פלעגט ווערן רויק.

אונדזער פּאָזשאַרנע האָט אויך באַקומען אַ מעכאַנישע פּאָמפּע פון דער פּאַרזי־כערונגס אָפּטיילונג, און איז געווען גלייך מיט אַנדערע גרעסערע פּאָזשאַרנע אָפּטיי־לונגען. אונדזער פּאָזשאַרנע פלעגט אַרויספאָרן צו הילף אין אַנדערע שטעטלעך אין פאַל פון אַ שׂריפה. אונדזערע פייערלעשער פלעגן אַריינדרינגען אין די ברענענדיקע הייזער מיט העק, אייזן־ברעכערס, קרוקעס. פלעגן פונאַנדערייסן הייזער, גיסן וואַסער ביז מען פלעגט איינשטילן דאָס פייער.

ביי דער קאַסע אין דער פּאָזשאַרנע בעת אַ ספּעקטאַקל פלעגט זיצן אונדזער באַליבטער ישראל־יודל אפרוימסקי, פּרעזעס פון אַרבעטער פאַראיין. ער פלעגט מיט איבערגעבנקייט פאַרקויפן די בילעטן. אַז ס׳פלעגן זיין אַ סך מענטשן, פלעגט ער זאָגן: דאָס פּובליקום איז געווען נשקשה, אָבער די קאַסע אויך.

ספאָרט-גרופּן אין קאַרעליטש

אין קאַרעליטש איז געווען אַ פוטבאָל־גרופּע אונטערן נאָמען „מכבי". דאָס שפּיל־פּלאַץ איז געווען אויף די פעלדער פּאָפּלאַווע. געשפּילט האָט מען, ווען עס איז נאָר געווען אַ ביסל צייט. אויך האָט מען אַריינגעכאַפּט שפּילן מיט דער פּילקע אין מאַרק. אַ טייל שפּילער האָט זיך געשטעלט פון איין זייט קראָמען; אַ טייל — פון דער צווייטער זייט קראָמען. אַזוי האָט מען זיך געאיבט, געקלאַפּט מיט דער פּילקע איינער צום צווייטן.

ביי ישעיהו באַלאַטניצקי, וועלכער האָט געוווינט אין צענטער מאַרק, האָט זיך געפונען דער אינווענטאַר פון דער ספּאָרט־גרופּע.

דער אוניפאָרם איז געווען: ווייסע העמדלעך און בלענקעט הייזלעך. אויף די העמדלעך איז געווען אַ מגן־דוד און אָנגעשריבן „מכבי" — קאַרעליטש. בלוי־ווייס איז געווען די יידישע פאָן.

מען פלעגט פאָרן שפּילן אין נאָוואָראָדעק, טורעץ, אין קאַרעליטשער הויף איז געווען אַ פוטבאָל־גרופּע פון די קריסטן פון הויף אונטער דער אָנפירונג פון פּריצס זון טאַדעק יוזעקעוויטש. מען פלעגט זיך אויך מיט זיי פאַרמעסטן.

איך געדענק אַ פאַל: געווען איז דאָס אַ זונטיקער טאָג. מרדכי קרולעוויצקי (היינט מלכיאלי) איז געקומען צו גאַסט פון ישראל קיין קאַרעליטש, ס'איז אויסגעקומען צו שפּילן מיט די קריסטן פון הויף. מרדכי האָט אויך אָנטייל גענומען.ביידע גרופּעס האָבן זיך געטראָפן אין הויף. די יידישע גרופּע אין בלוי־ווייסער קליידונג; די פון הויף — אין רויט־ווייסער קליידונג.

מען האָט אָנגעהויבן צו שפּילן. דער קאַמף איז געווען אַ פאַרביסענער, יעדע גרופּע האָט געוואָלט באַזיגן דער צווייטער. נאָך אַ פאַרביסענעם קאַמף האָט אונדזער גרופּע געזיגט. דאָס האָט זיי נישט געשמעקט און ס'איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג. מרדכי מלכיאלי (קרולעוועצקי) האָט איינעם פון זייער גרופּע אָנגעבראָכן די ביינער. אָבער די זיגער זענען געווען די יידן!

לויט מיין איניציאַטיוו האָט זיך געשאַפן אַ גרופּע האַנט־באַל־שפּילער (כדור רשת). מען האָט צונויפגעקליבן געלט, געקויפט אַ פּילקע. איך, מיין ברודער גבריאל און שאול זאַלמאַנסקי האָבן אויסגעשטריקט אַ שיעטקע (רשת). אויך אַנדערע שפּילער האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט צוצוהעלפן.

מען האָט געמאַכט צוויי גרינגע סלופּעס, אונטן מיט אייזן שפּיצן און אין דער הויך 2 האַקעס. די אייזן־אַרבעט האָט געמאַכט אַ מיטשפּילער, בערל לובצאַנסקי אָן געלט. דער אינווענטאַר פון די שיעטקע־שפּילער האָט זיך געפונען ביי מיר אין הויז. צונויפגעקליבן האָט מען זיך נעבן מיין הויז.

די חברים פלעגן נעמען די סלופּעס; די גרינגערע זאַכן — די חברות. אַלע

צוזאַמען פלעגן מיר גיין צום שפּיל־פּלאַץ אויפן זאַפּאָלער באַרג, אויף דער טאַרגאָווריסקאַ, דאָרט זענען געווען מערק פון בהמות, שאָף, פערד א.אַ. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פּלאַץ איז געווען נישט ריין. גלייך האָט מען ריין געמאַכט, געמאַכט סימנים, גרענעצן און אַן אָרט פאַרן צענטער. די סלופּעס מיט די שפּיצן האָט מען אַריינגעשטעלט אין דער ערד, פאַרצויגן די שיעטקע. יעדער פלעגט פאַרנעמען זיין פּלאַץ. נאָכן פייף האָט זיך די שפּיל אָנגעהויבן.

6 מאַן פון איין זייט; 6 מאַן פון דער צווייטער זייט. יעדער האָט געשפּילט מיט חשק. עס פלעגן קומען פיל צוקוקער. נאָכער האָט זיך געשאַפן אַ יינגערע גרופּע. ווען מען האָט נאָר געהאַט פריי — האָט מען געשפּילט.

יעדער פון די חברים האָט געהאַט אַ פּליכט. ווער ס'איז געקומען פריער, האָט געזאָרגט, אַז דאָס פּלאַץ זאָל זיין ריין און אַפילו אָנגעצייכנט מיט קרייד סימנים.

מען פלעגט אַרויספאָרן אויף פאַרמעסטונגען אין די נאָענטע שטעטלעך, ווי: קיין טורעק, ניישטאַט, לובטש.

איך געדענק, אַ שבת זענען אָנגעקומען אַ גרופּע קאַרעליטשער חברים און איך צווישן זיי קיין טורעץ שפּילן. ווען די טורעצער יידן האָבן אונדז דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען:

— שקצים, שבת וועט איר שפּילן!

זיי האָבן אָנגעהויבן צו וואַרפן אויף אונדז שטיינער. מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן טורעץ. אָבער דעם מוט צום שפּילן האָבן מיר נישט פאַרלוירן.

אין דער פּוילישער פאָלקס־שול איז אויך געווען אַ גרופּע קריסטלעכע שפּילער. דער מנהל פון דער שול איז געווען דעלענבע. מיר די יידישע עלטערע גרופּע, האָט זיך אָפּט פאַרמאָסטן מיט זיי אויפן הויף פון דער פּוילישער פאָלקס־שול, ווו ס'איז געווען אַ פּלאַץ צום שפּילן. מיר פלעגן זיי גאַנץ אָפּט באַזיגן. אין אונדזער גרופּע זענען געווען גוטע שפּילער. אויך אין דער אייגענער גרופּע איז געווען אַ טייל גוטע שפּילער. אין דער פּוילישער פאָלקס־שול זענען געקומען שפּילער פון גימנאַזיום אין נאָוואָרדאָק. דאַן פלעגט דער קיעראָווניק (מנהל) פון דער פאָלקס־שול, דעלענבע, שיקן רופן עטלעכע בעסערע שפּילער פון אונדזער גרופּע, ווי איך, גיטל קיוועלעוויטש, מאָטקע פּאָלוזשסקי, גבריאל אַבראַמאָוויטש, מיר זאָלן שפּילן מיט זייערע שפּילער. וואָס מער מיר פלעגן אָנטייל נעמען, פלעגן זיי אַרויסגיין די זיגער. פון פרייד האָבן זיי נישט געוווּסט, ווי זיך צו באַגיין מיט אונדז.

די צאָל מיטגלידער פון דער סעקציע שפּילער איז פון טאָג צו טאָג גרעסער געוואָרן. מיט אונדז האָט אָנגעהויבן צו שפּילן די פּרוי פון פּאָליציי־שעף און איז געוואָרן אונדזערע אַ שטענדיקע שפּילערין. אַ דאַנק דעם האָבן מיר געקענט אויסנוצן די פּראָטעקציע. און נישט איין מאָל איז אונדז דאָס צו נוץ געקומען.

די עיקר שפּילן זענען געווען שבת. ס׳איז דערגאַנגען צום רב. דער רב פונעם שטעטל הרב ווערניק ז״ל האָט פאַררופן אַ פּאָר חברים צו זיך און געזאָגט, אַז ספּאָרט איז טאַקע זייער גוט פאַרן געזונט. ער האָט אונדז געבעטן פאַרמיידן צו שפּילן שבת. אַ ביסל האָבן מיר געפאָלגט. אָבער ס׳איז געווען פאַר אונדז שווער צו דערפילן זיין געבעט. פלעגן מיר שבת שפּילן הינטערן שטאָט, אויף די פּאָפּלאָווער פעלדער.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די קריסטלעכע שפּילער האָבן מיך ליב געהאַט פאַר מיין גוטן שפּילן. ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט אונדזער געגנט און די שפּילער זענען געבעטן געוואָרן צוזושטעלן אַ רשימה פאַר די דייטשן פון די יידישע שפּילער, בכדי אַרויסצופירן די ערשטע גרופּע פון קאָרעליטש, האָבן זיי מיר און מיין ברודער אין דער רשימה נישט אַריינגעשטעלט. און אַדאַנק דעם האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו אַנטלויפן און בלייבן לעבן.



ספּורט חורף —ווינטער ספּאָרט

מיכאל ביגין — ירושלים

א רעפעטיציע אין שטעטל

עס איז אַ הייסער זומערדיקער זונטאָגדיקער מאַרק־טאָג אין שטעטל. די געציילטע גוים וועלכע זיינען געקומען צום מאַרק, צעפאָרן זיך אַ היים. די ווייבער־קרעמערקעס זיצן לעבן די פאַרמאַכטע קראָמען און ציילן דעם פדיון פון טאָג. מען רעדט אַ ביסעלע רכילות. יעדער איינער אין שטעטל איז פאַרנומען מיט זיין אַרבעט. די יוגנט גייט צום טייכל נאָך די זאַסטאַווקעס אַ ביסל צו באָדן זיך און זיך אָפּקילן נאָכן הייסן זומערדיקן טאָג. פון דערווייטנס זעט מען קלמן דער מאַראשינער שווימט אויפן פלייצע און מען זעט ניט מער ווי זיין ווייסע באָרד גליטשט זיך איבערן פלאַכן וואַסער. איייניקע יינגלעך לייגן „קלאַפּטער" און מען יאָגט איבער איינער דעם צווייטן.

אויפן ברעג איז פריילעך און טומלדיק. אַ ביסל ווייטער איז די ווייבער־אָפּטיילונג, דאָרטן באָדן זיך די מיידלעך און צווישן זיי פאַרשטייט זיך חיה־לאהקע די געלע, לאלע און אַנדערע. יינגלעך קונדסים, קלמן, יונה און אַנדערע נעמען זיך אָן מיט חוצפה, שמירן זיך אויס די פנימער מיט בלאָטע און לאָזן זיך שווימען צו די ווייבער, מיינענדיק אַז מען וועט זיי נישט דערקענען. אָבער פלוצלינג אַ געשריי און אַ קוויטשעריי. די יינגלעך דרייען זיך אויס צוריק פאַר שרעק און שווימען אין גרויס בהלה צום ברעג.

פלוצלינג הערט מען אַ סיגנאַל. דאָס גייט יאַשינקע גדליהס מיטן קלאַרנעט אין האַנט, אויסגעפּוצט אין אַ פּאָר שיינע גלאַנציקע שטיוועלאַך, זיינע געלע האָר פאַרקעמט גלאַט און ער רופט דאָס די פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע אויף אַ רעפּעטיציע. דעם ערשטן סיגנאַל גיט ער לעבן זיין שטוב אויף דער טויבער גאַס. אַלע האָבן אים שוין געהערט, ער גייט ווייטער צום מאַרק פון דער רעכטער זייט, און גיט זיין באַקאַנטן סיגנאַל. פון מאַרק גייט ער אַוועק צו זאַלאַמאַנקע. נאָך אים לויפן נאָך קינדער פון אַלע זייטן, און יאַשינקע שטראַלט פון פרייד. ווער איז צו אים גלייך? פּאַררייסן אויף דער הויך זיין קלאַרנעט בלאָזט ער אָן אויפהער, ביז ער דרייט זיך אויס קינציק מיט זיין טראָמפּייט און קינסטלעריש שפּילט ער אויס אַ ניגון וואָס ער האָט אַליין פאַרפאַסט, און צום סוף גיט ער ווידער אַ שטאַרקן סיגנאַל און אַז ער איז שוין איבערצייגט אַז אַלע האָבן אים געהערט גייט ער אַוועק אין זיין וועג.

איצט הייבן זיך אָן צונויפקלייבן די פּאַזשאַרניקעס צו דער רעפּעטיציע. אויסגעפּוצט אין בלישטשענדיקע מעשענע קאַסקעס, פירן זיי אַרויס די באָטשקעס מיט וואַסער

און די לעש־מאַשינעס פון סאַריי און זיינען גרייט אויף ווייטערדיקע באַפעלן פון „נאַטשאַלסטוואָ״.

עס קומט צולויפן אַ פּאַרסאַפּעטער איטשע דער שטומער ווי אַ הויפּט מחותן, הויבט זיך אָן צו פּאָרען ביי די לאַנגע ברעזענטענע קישקעס, ציט זיי אויס אויף דער גאַס און קאָנטראָלירט צי אַלץ איז אין אָרדענונג. נאָכער קייקלט ער צוריק אין אָרדענונג די קישקע, זי זאָל זיין גרייט צום באַנוצן. עס קומט אָן דער גענעראַל־שטאַב — שעפּקע קלאָטשקאַ, באַגלייט פון מרדכי ראובע. די פּאָזשאַרניקעס שטעלן זיך אויס אין צוויי שורות ווי סאָלדאַטן, זיי גיבן אָפּ דעם געהעריקן כבוד די קאָמאַנדירן און איבערהויפּט דעם גלאָוונעם גענעראַל ה׳ עליאסבערג.

עס הייבט זיך אָן די רעפּעטיציע אונטער דער אָנפירונג פון ברוך פּינעס. ס׳הויבט זיך אָן דער פּאַראַד, פּאָרויס גייט דער אָרקעסטער, נאָך זיי די „גענעראַלן״. אַביסל ווייטער אויף אַ דיסטאַנץ גייען אין טראָט צום טאַקט די פּאָזשאַרניקעס, ווי סאָלדאַטן. נאָך זיי לויפן קינדער פון אַלע זייטן און צווישן דעם גרויסן עולם ועלכער באַגלייט די פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע — ווייבער מיט קינדער אויף די הענט. אַלע זיינען מחותנים צום יום־טובדיקן פּאַראַד אין מיטן־וואָכעדיקן טאָג אין שטעטל.

זייער גיך שטעלט מען אויס די גרויסע לייטערס אויף איינעם פון די שטעטלדיקע דעכער און מ׳דערלאַנגט וואַסער. פלינק ווי אַ קאַץ קלעטערט אַרויף אויפן שפּיץ לייטער אַ פּאָזשאַרניק און מיט אַ הייזעריקער שטים באַפעלט ער אָן אויפהער: „וואָדאַ״ — וואַסער. ער שפּריצט אויף אַלע זייטן און באַשפּריצט אויך „על פּי טעות״ דעם עולם מיטן קאַלטן וואַסער. ווידער אַ געשריי מיט אַ געפילדער.

ווען ס׳איז שוין געוואָרן גוט טונקל, גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, ווען מ׳האָט שוין „איינגעלעשט״ די שריפה, און די רעפּעטיציע גייט צו ענדע, קומט אַ באַפעל צוריק ברענגען אַלע מכשירים אין אָרדענונג. די פּאָזשאַרניקעס שטעלן זיך אויס אין שורות און דער אָרקעסטער שפּילט איינע פון אירע באַקאַנטע מאַרשן. צום טאַקט מאַרשירט די פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע צוריק צו זיין סאַריי, און די רעפּעטיציע האָט זיך געענדיקט.

ליבע שטעטעלע קאָרעליטש, ביסט אַ מאָל געווען און ביסט שוין מער נישטאָ. נישטאָ דיינע מענטשן, די אינסטיטוציעס, טיפּן און פּערזענלעכקייטן. נישטאָ דיין „עמך״ און כלי קודש. אייביק וועסטו פאַרבלייבן אין אונדזער זכרון.

אריה שליט־קרולבצקי — רעננה

על אם הדרך

קורליץ שוכנת על אם הדרך נובוגרודק־מינסק כך, איפוא היתה העיירה תחנת מעבר חשובה ל„מגידים", „שליחים" ואביונים מכל האיזור. היה בקורליץ יהודי תלמיד חכם בשם ר' אהרון יעקב דוידוביץ שדאג שלכל אלה העוברים בעיירה ימצא מקום לינה וארוחה. בלילות שבת היה דואג בבית הכנסת שכל אורח ימצא לו „בעל בית" שיקחהו הביתה לסעודת שבת, וכאשר רבו „האורחים" ולא מצא מספיק „בעלי־בתים" לכולם, היה מביא את שאריתם אליו הביתה. אשתו וילדיו היו רגילים כבר למצב זה ולא התלוננו. הם חלקו אתם את פתם וקבלו את הדברים בשמחה.

עזרה הדדית

הקווים האופיינים לקורליץ הם עזרה הדדית. העזרה ההדדית התבטאה בחיי העיירה בשטחים רבים והיא היא שנתנה את הגוון של „ישראל ערבים זה לזה" בצורה מוחשית. המסירות של האדם לחברו באה לידי ביטוי בעזרה ההדדית והדבר הטביע את חותמו על הדור הצעיר גם בעתיד. הנוער החלוצי שקם בקורליץ היה מסור בלב ובנפש לרעיון הציוני. הוא היה בין הראשונים שעלו לארץ.

קורליץ לא היתה עיירה עשירה, אך היהודים חייו בכבוד ואלה שידם לא השיגה — נעזרו בצורה מכובדת. היו כבר כאלה אשר טפלו ודאגו שלא יחסר בבית יהודי צרכי השבת ושלילדים לא יחסרו בגד, מזון וחינוך וכמקובל מצות ויין לפסח ותפוחי אדמה ועצי־הסקה לחורף.

החוק והציונות

באותה תקופה לא ראו השלטונות בעין יפה את הפעילות הציונית באזורנו. והנה יצא קצפם דווקא נגד משה אברהם השוחט, אשר היה קנאי לציונות, מטיף, פעיל ומפעיל ללא סייג. המושל האזורי בא במיוחד לעיירה והתאכסן בביתנו והזמין את השוטר היחידי שהיה במקום והטיל עליו לחקור מיהו הציוני המנהל תעמולה בגלוי. כשהלך המושל, שאל השוטר את אבי מה זה ציונות? ומה עושה אותו יהודי המטיף כל כך לציונות? אמר לו אבי: שהמדובר ביהודי עני, שאוסף כסף לעצמו על מנת לעלות ולראות את המקומות הקדושים בארץ. „אם כך" אמר השוטר „גם אני ציוני, כי גם אני מעונין לבקר במקומות הקדושים" ונטש את כל הענין של החיפוש אחרי משה אברהם הציוני.

גוטקה נחומובסקי־גנצביץ

מלפפונים

בקורליץ עסקו גם בחקלאות ואני זוכרת שגם אבי היה בעל מספר הקטרים של אדמה, שהיה מעבדה במסירות ובנאמנות ובמיוחד זוכרת אני את ההתלהבות בגידול מלפפונים, עד כדי כך שעיירתנו התפרסמה במלפפוניה הנאים, אשר מצאו את מקומם לא רק על שולחן היהודים, אלא נשלחו לחוץ־לארץ ולמקומות רבים בפולין. קרנם של המלפפונים דקורליץ עלה כל כך, שיהודים רבים אשר גידלו מלפפונים עשו „שותפות" בשיווק. וזוכרת אני מעשה שהסעיר את היהודים התמימים בעיירה, כאשר במרתף המשותף של המלפפונים הקטנים והנחמדים, נתגלו מלפפונים גדולים וצהובים, אשר אחד השותפים כנראה הגניב ורצה להיפטר מהם בדרך זו. „האכרים" היהודיים לא יכלו לסלוח לההוא אשר עלול היה לפגוע בשמם הטוב של המלפפונים שלנו.

אנחנו הילדים היינו שותפים נאמנים במפעל המלפפונים. ראשית כול קסמה לנו העבודה בשדה והעיקר: האסיף. ימי האסיף היו לנו ימי חג ממש: באותם ימי קיץ היפים כאשר המלפפונים הבשילו ואנו שלחנו ידינו בין העלים הגדולים כדי לבדוק את הפרי אם בשל כבר וראוי לקטיף. כמובן, גם אנחנו לא היינו איסטניסים והרבה מלפפונים צעירים כאלה נשלחו הישר אל תוך פינו... ללא רחיצה וברכה כאחד...

וויטל אריאלי — נתניה

מיין באזוך אין קארעליטש אין 1937

שוין פֿינף יאָר אַז איך האָב פֿאַרלאָזן מיין שטעטעלע קאַרעליטש. ס'איז נישט לייכט געווען מיר צו שיידן זיך מיט מיין פֿאַמיליע, מיט אַלע פֿריינד און ליבע און טייערע מענטשן. ס'איז אָבער נאָך שווערער געווען צו אַקלימאַטיזירן זיך צום נייעם לאַנד, צו אונדזערע באַדינגונגען, צו פֿרעמדע מענטשן, צו אַן אַנדער שפּראַך און אַנדערע מנהגים. די גאַנצע צייט האָב איך געלעבט און געאָטעמט מיטן עבר, מיטן שטעטעלע קאַרעליטש. פֿאַר די אויגן איז געשטאַנען דאָס שטעטעלע, איר פּרעכטיקע לאַנדשאַפֿט, די מענטשן, הייזער און געסלאַך.

אין 1937 האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פאָרן קיין פוילן מיט אַ קליין שיפל, הר ציון. איך האָב גענומען מיין קליין זינעלע, אויפגעפּאַקט די נויטיקע זאַכן און מתנות און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. די רייזע האָט געדויערט 8 טעג. וואָס נענטער איך האָב זיך דערנענטערט צו קאַרעליטש, אַלץ מער אומגעדולדיקער בין איך געוואָרן, צו זען מיינע נאָענטע.

און אָט בין איך אין וואַרשע. אַן אַנדער לופט, אַנדערע מענטשן, אַן אַנדער שפּראַך. אין נאָוואָיעלניע האָט מיך אָפּגעוואַרט מיין שוואָגער מיט מיין שוועסטער מערקע. אונדזער באַגעגעניש איז געווען אַ האַרציקע און רירנדע. מיר זענען געבליבן נעכטיקן ביי אונדזער מומע שיינע מיט איר זון און טאָכטער. טראָץ דער גרויסער מידקייט פון דער לאַנגער רייזע, האָבן מיר אַ גאַנצע נאַכט ביז פרי גערעדט אָן אויפהער. אויף צו מאָרגנס פרי זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין נאָוואָגרודעק. עס איז גראָד געווען אַ דאָנערשטיקער מאַרק־טאָג. דבורה פאַלוזשסקי האָט געוווסט פון מיין קומען, האָט זי איבערגעלאָזט אירע געשעפטן און מיך אָפּגעוואַרט ביים אויטאָ. מיר זיינען אַוועק צו איר אין שטוב און געוואַרט אויפן אויטאָ פון קאַרעליטש. אין דעם אויטאָ האָבן מיר געטראָפן באַקאַנטע פון קאַרעליטש: פייוול ניסעלעוויטש און אַנדערע גוטע פריינד. אַזוי שמועסנדיק האָבן מיר נישט געפילט ווי דער וועג איז גיך פאַריבער. פון צייט צו צייט האָט מיך מיין קינד געפרעגט: אמא, על מה הם מדברים, איפה אנחנו, מה זה כאן? פאַרן אַריינפאָרן קיין קאַרעליטש האָט ער דערזען חזרים פון הויף, האָט ער זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט און געזאָגט: כמה כלבים יש פה? ווען איך האָב איבערגעזעצט זיינע רייד די אַנוועזנדע אין אויטאָ, האָבן זיי אַלע שטאַרק פאַרנאַנדערגעלאַכט. און אָט זיינען מיר אין קאַרעליטש. די ערשטע טעג האָב איך זיך געפילט ווי אַ גאַסט, אָבער ביסלעכווייז בין איך אַריין אין דעם נאָרמאַלן מסלול פון לעבן. עברית גערעדט נאָר מיט מיין קינד, און מיט מיין קוזינע מושע פערעוועלאָצקי.

איך האָב אַלעמען דערציילט פון אונדזער קליין און שיין לאַנד, וועגן אירע בערג און טאָלן, קיבוצים און מושבים, וועגן ירדן און ירושלים, וועגן די נייע שטעט און ישובים וואָס בויען זיך פאַנאַנדער. אַלע האָבן מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט מיינע דערציילונגען וועגן דעם ווייטן און אַזוי נאָענטן ארץ־ישראל.

דעם ערשטן שבת האָט מען אין שטוב צוגעגרייט פון כל טוב. אין שטוב האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלע קרובים און באַקאַנטע און יעדער וועלכער האָט געהאַט קרובים אין ארץ־ישראל, איז געקומען אָפּנעמען אַ גרוס. צווישן די געסט געדענק איך זיינען געווען דער פעטער לייבל מיט עלקען און די קינדער ראובן פערעוועלאָצקי מיט זיין פאַמיליע, גרשון פאַלוזשעסקי מיט אסתרן, די פאַמיליע לעוויט, דוד ניסעלעוויטש מיט שרהקען, קאַלציצקי מיט דער פאַמיליע, ליפקע בייגן מיט זלאטקען, ר׳ אלתר מאָרדי־כאָוויטש דער שוחט מיט זיין פרוי, ר׳ משה אַברהם וואלפין דער שוחט. איך האָב מכבד

געוועז די מענער מיט פּאַפּיראָסן פֿון ארץ־ישראל און זיי האָבן זיך זייער געפֿרייט מיט דעם. מיט דושקע אַבראַמאָוויטש פֿלעגט איך זיצן יעדן טאָג און שמועסן זייער פֿיל. איך האָב אויך פֿיל געשמועסט מיט מושקע שוסטער, שלמהקע אבערזשאַנסקי, מיט דער פֿאַמיליע אפֿראימסקי און אַנדערע. מיר דוכט זיך אַז ס'איז נישט געווען קיין איין באַקאַנטער ייד אין שטעטל מיט וועמען איך האָב דאַן נישט געשמועסט. מיינע אַמאָליקע חברים און חברטעס פֿלעגן קומען צו מיר און מיר פֿלעגן אַרויסגיין שפּאַצירן. פֿיל פֿון די באַקאַנטע האָבן געמאַכט פֿאַר מיר ספּעציעלע אויפֿנאַמעס, צווישן זיי גיטל קאַפּלאַן, פֿייגל קאַגאַנאָוויטש. לאלע טראַיעוועצקי איז דאַן ספּיציעל געקומען פֿון באַראַנאָוויטש זיך זען מיט מיר, מערקע איזראַעליט איז ספּעציעל געקומען פון מיר.

איך האָב זיי דערציילט וועגן די נייע יידישע שטעט און שטעטלעך וועלכע בויען זיך און ספּעציעל וועגן ירושלים און תל־אביב. יעדער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט אַז די יידישע לאַנד איז נישט אַנדערש ווי אַן גן עדן און פֿיל האָבן געטרוימט צו עולה זיין קיין ארץ־ישראל, און מיר מקנא געווען וואָס איך לעב דאָרט.

מיין משפּחה איז געווען איבער גליקלעך מיט מיין קומען, געקוקט אויף מיין קינד ווי אויף אַ מלאך וואָס האָט גערעדט נאָר עברית. מיין יינגעלע האָט זיך גיך אויפֿגעלעבט מיט די קאַרעליטשער קינדער און האָט שוין אַפֿילו אָנגעהויבן צו ריידן אין יידיש.

די צייט איז גיך אַריבער און ליידער האָט מען געדאַרפֿט גרייטן זיך צוריק אין וועג. איך האָב אַלעמען צוגעזאָגט פֿאַרשטייט זיך, אַז איך וועל קומען נאָך אַמאָל צופֿאָרן צו גאַסט, איך האָב זיך דאַן נישט געקענט פֿאָרשטעלן אַז דאָס וועט זיין מיין לעצטער באַזוך אין קאַרעליטש, אַז איך וועל שוין מער נישט זען די טייערע מענטשן, מיין פֿאַמיליע. אַז איך צעשייד זיך מיט זיי אויף אייביק.

ס'איז געקומען דער חורבן און האָט חרוב געמאַכט אונדזער שטעטעלע צוזאַמען מיט די טייערע יידן. בלויז מיין טאַטע און אייניקע באַקאַנטע האָבן זיך געראַטעוועט, און געקומען אין לאַנד. 18 יאָר האָט מיין טאַטע געלעבט אין לאַנד און זיינע געדאַנקען זיינען שטענדיק געווען דאָרט אין קאַרעליטש. אַפֿילו פֿאַרן טויט, האָט ער נאָך גערעדט וועגן קאַרעליטש.

אַלץ איז אַוועק מיטן פֿייער, בלויז זייער אָנדענק איז אונדז פֿאַרבליבן.

לאה קורנפלד־לובצ'נסקי — הרצליה

דארטן ווו איך בין געוואקסן - וואקסט א בוים

נישט ווייט פֿון דעם אָפּענעם וועג צום שטעטל מיר, עטלעכע צענדליק מעטער פֿון פּערעוועלצקיס הויז, שטייען דריי בוימער. צוויי פֿון זיי ציען זיך צום הימל, רייך באַצווייגט און באַדעקט מיט פֿרישע גרינע בלעטער, און באַשיינט פֿון דער זון מיט גאָלדענע שטראַלן. פֿיל וואַקסן זיי דאָרט אַזעלכע בוימער אין יענער געגנט. ס'זיינען געווען צייטן ווען איך האָב אַפֿילו געטראָגן צו זיי אַ שׂנאה.

דער ערשטער אין ריי שטייענדיקן איינגעהויקערטן בוים, דער איז מיינער, ער געהערט צו מיינע געפֿילן. מיינע הענט האָבן זיך מיט אים מטפּל געווען.

ס'געדענקט זיך אַ טאָג ווען מיר האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין דעם גרויסן זאַל פֿון דער פּאָוושעכנע שול. יעדער קלאַס אויף זיין פּלאַץ, אויסגעשטעלט אין רייען. פֿון דער קאַנצעלאַריע גייט אַרויס דער דירעקטאָר פֿון דער שולע צולמבה און זאָגט: „קינדער, מאָרגן וועט איר זיין פֿריי פֿון די לימודים, מאָרגן פֿלאַנצן מיר בוימער ביי די ברעגן פֿון די קאַרעליטשער גאַסן. די וואָס וועלן מאָרגן אָנטיילנעמען אין פֿלאַנצן די בוימער, דאַרפֿן קומען נאָכמיטאָג און פֿאַרזאָרגן זיך מיט פֿלאַנצונגען. אַזוי זענען מיר אַוועק באַלאָדן מיט רידלען און העק דורך אַגראָדניק צום פּריצונעוויטשן וועלדל. און אַזוי גייענדיק האָב איך זיך פֿאַרעדט מיט נחמה מאירוביץ און ווען מיר זיינען צוגעקומען צום וועלדל האָבן מיר געזען ווי די לעצטע פֿון אונדזערע פֿאַרשווינדן, פּונקט ווי דער וועלדל וואָלט זיי איינגעשלונגען. מיר האָבן מורא געהאַט אַריינגיין טיפֿער אין וואַלד און מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק. אַדורכגעגאַנגען איבער דער קלאַטקע וואָס האָט פֿאַרבונדן אוגראָדניק מיט קאַרעליטש, פֿאַרביי ישראל סלוצקיס מיל און אַדורך די מילנער שפּועהדיקער גאַס. אין זכרון זיינען פֿאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג די שטיפֿערישע קלאַנגען פֿון די צעשפּילטע קינדער, וועלכע האָבן זיך דאָ געגליטשט אויף שליטעלעך באַרג אַראָפּ אין די פֿראָסטיקע ווינטערדיקע פֿאַרנאַכטן.

אָבער דאָס מאָל אַדורכגייענדיק די ווילנער גאַס, איז ביי מיר אין האַרצן קיין פֿרייד נישט געווען. צוליב מיין אייגענער נישט אויפֿמערקזאַמקייט האָב איך פֿאַרשפּילט די געלעגנהייט צו באַפּוצן מיט בוימער די נאַקעטע גאַסן פֿון קאַרעליטש. אומזיסט אָבער איז געווען מיין צער, ווייל אויף צו מאָרגנס, זיינען אַרויס די שילער פֿון די ייִנגערע קלאַסן צו פֿלאַנצן בוימער און איך צוזאַמען מיט מיין חברטע חייקע דושקין זיינען צוגעשטאַנען צו זיי צו פֿלאַנצן בוימער.

אונדזער בוימעלע, וועלכע מיר האָבן פאַרפלאַנצט האָט לאַנג נישט געלעבט. אַ שלעכטע האַנט האָט עס פֿון דער ערד אַרויסגעריסן. מיר האָבן פֿאַרפֿלאַנצט אַ צווייטע בוימעלע, זאָרגפֿעליק אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך די צווייגן, פֿאַרפֿעסטיקט צו דער ערד מיט שטיינער. נישט איינמאָל האָבן מיר געטראָגן צו אים וואַסער פֿון טייך, געשטילט זיין דורשט, כדי ער זאָל נישט אויסגעטריקנט ווערן. געהאָפֿט האָבן מיר אַז ווען דער בוים וועט אויסוואַקסן און זיך אָנטאָן מיט פרישע גרינע בלעטער, וועלן מיר קומען זיצן אונטערן בוים, כדי זיך צו שיצן פֿון די שטראַלן פֿון דער ברענענדיקער זון.

איינמאָל ווען מיר זיינען פֿאַרבייגעגאַנגען, זעען מיר ווי אונדזער בוימעלע שטייט נאַקעט. נישטאָ די שטריקעלעך, מיט וועלכע ער איז געווען צוגעבונדן צו דער ערד. אָבער ווי אויף צו להכעיס איז ער געוואָקסן מיט גרויס חוצפה אין דער הויך צום הימל.

שטייט ער נאָך דאָרטן אונדזער בוים? — זאָגט נישט אַז ער איז נישטאָ.



מורים ותלמידים בביה"ס העברי בשנת 1929 — לערער און שילער אין ביה"ס אין יאָר 1929
יושבים מימין — שורה א׳ (זיצן פון רעכטס — ערשטע ריי): חיים בולוטניצקי, מלכה רבינוביץ, ..., אֶלקה מורדכוביץ, שפרה רקוביצקי, גוטל מורדכוביץ, יצחק־בערל גנצביץ. **שורה ב׳ (צווייטע ריי)**: משה קוזניץ, יארקע יעלין, אֶלקה קוזניץ, סולומון (מורה), רייזל ניסלביץ, בערל לובצ׳נסקי, ..., **שורה ג׳ (דריטע ריי)**: יוסף פורטנוי (מורה), גרישא, יעקב אברמוביץ, רבקה ילין, מנוחה אברמוביץ, שלמה דוידובסקי (מורה), יהודית קארליצקי (גולקוביץ), חיה ניגניביצקי, גולדברג (מורה).

פרומע גולקאוויטש־בערגער — ניו־יורק

קארעליטשער באנק און גמילות־חסד קאסע

נישט קוקנדיק וואס איז שוין אדורך אזוי פיל יארן נאך דעם חורבן, האט די צייט נישט אפגעווישט די ליבע צו דעם אמאליקן קליין־שטעטלדיקן לעבן. אלע זיינען מיר געווען איין גרויסע משפחה.

קארעליטשער יידן זיינען ניט געווען קיין גרויסע גבירים, אבער זיי האבן א גוטן שם אלס יידן וואס האבן שטענדיק געזארגט איינער פארן צווייטן. מיטגעפילט אין א טרויער, אין א צרה און צוזאמען זיך געפרייט אויף שמחות. שטענדיק איז געווען ביי די קארעליטשער יידן אנטוויקלט די אייגנשאפט צו העלפן דעם וואס האט זיך גענויטיקט.

כדי צו פארלייכטערן די מאטעריעלע לאגע פון די נויט־באדערפטיקע, האט מען אין שטעטל געשאפן א פאלקס־באנק און א גמילות־חסד קאסע. אט די צוויי ווילטעטיקע אינסטיטוציעס זיינען געווען איינע פון די וויכטיקסטע אנשטאלטן פאר פיל קארעליטשער יידן. דער באנק האט זיך געשאפן פון סובסידיעס וואס מען האט געקראגן — פון דער ארגאניזאציע „יאקופא״ וואס איר הויפט־קאמיטעט איז געווען אין ווילנע. א דאנק דער ענערגישער ארבעט פון געוויסע עסקנים פון שטעטל, וואס האבן געזארגט פארן וווילזיין פון די נויטבאדערפטיקע זיינען די טירן פון באנק שטענדיק געווען אפן פאר די וועלכע האבן זיך גענויטיקט אין הלוואות.

דא איז כדאי צו דערמאנען דעם פארוואלטער און בוכהאלטער פון באנק יצחק־מאיר קלצקיס. א געוועזענער יידישער לערער, איין אינטעליגענטער באוווסטזיניקער מענטש וואס האט אויסגעפירט זיין ארבעט מיט גרויס ליבשאפט און איבערגעגעבנקייט. דעם אויפזיכט איבער דער ארבעט פון באנק האט געהאט די פארוואלטונג פון באנק וועלכע האט געזארגט פאר פיל טעכנישע זאכן. מערסטנטייל איז די אנפירונג פון באנק באשטאנען פון דריי אדער פיר בעלי־בתים. איך געדענק נישט גענוי ווער ס׳האט געהערט צו דער אנפירונג, נאר מיר דוכט זיך אז צו דער פארוואלטונג האט געהערט: ג. נאמיאט (דער אפטייקער), געצל רעליען (א סוחר) און ט. קלציצקי (א סוחר). יעדער איינער וואס האט זיך גענויטיקט אין א הלוואה אין באנק האט געמוזט האבן צוויי זשיראנטן, וועלכע מ׳האט אנגעטרויט. די זשיראנטן האבן פארשטייט זיך געמוזט געבן זייערע אונטערשריפטן. פאר די גליינע געלט האט מען געצאלט פראצענט־געלט, אבער

אויב חלילה, דער בעל־חוב האָט ניט געקענט אין דער צייט באַצאָלן, האָבן זיך די זשיראַנטן מתחייב געווען צו דעקן דעם חוב.

אָט די באַדינגונגען פון באַנק זיינען פאַר פיל אָרעמע מענטשן געווען צו שווער; איז דעריבער געשאַפן געוואָרן אין שטעטל אַ גמילות־חסד קאַסע, וואָס האָט פּאַקטיש געהערט צום האַנטווערקער־פאַריין. אין דער גמילות־חסד קאַסע האָט מען געקענט לייען אַ הלואה אויף אַ קורצער צייט אָן פּראָצענט און איבערהויפּט האָבן געניאָסן פון דער קאַסע בעלי־מלאכות און דער אָרעמער שיכט פון דער באַפעלקערונג.

די גמילות־חסד קאַסע איז געשאַפן געוואָרן אַ דאַנק די געלט וועלכע זיינען צוגעשיקט געוואָרן פון אַמעריקע און פון געלט וועלכע זיינען צו דעם צוועק געשאַפן געוואָרן אין שטעטל גופא דורך פאַרשיידענע פאָנדן און אונטערנעמונגען. צום ביישפּיל: אונדזער דראַמאַטישער קרייז האָט געשפּילט טעאַטער — פלעגט די גאַנצע הכנסה פון דעם אַסיגנירט געוואָרן פאַר דער גמילות־חסד קאַסע.

צו דער אָנפירונג פון דער קאַסע האָבן געהערט:

בערל בוסעל; יעקב גערשינאָווסקי; ישראל רודל; עפראָימסקי; בערל פּאָלושסקי.

אָט די אויבנדערמאָנטע מענטשן האָבן פיל געלייסטעט און זיינען געווען זייער אַקטיוו אויף דעם געביט פון שאַפן געלט־פאָנדן פאַר דער קאַסע און האָבן אָנגעפירט מיט איר אַרבעט.

די אָנפירונג פלעגט זיך פאַרשטייט זיך אָפּט בייטן, אַזוי אַז יעדער איינער וואָס איז געווען פאַראינטערעסירט און איז געווען פעיק צו מיטאַרבעטן אין דער קאַסע האָט געהאַט אַזאַ מעגלעכקייט. ביידע אינסטיטוציעס, די פאָלקס באַנק און די גמילות־חסד קאַסע זיינען געווען זייער וויכטיק פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון קאָרעליטש, סיי פאַר דעם געשעפטס־מאַן און סיי פאַר דעם בעל־מלאכה, וועלכע האָבן זיך זייער אָפט גענויטיקט אין הלוואות. די קאָרעליטשער יידן האָבן געוווּסט אַז אין אַן עת צרה איז דאָ אַן אַדרעס וווּ זיך צו ווענדן נאָך הילף.

איצט איז דאָס אַלץ חרוב געוואָרן. ניטאָ מער קיין יידן אויף די גאַסן פון שטעטל — ניטאָ מער קיין יידישע אינסטיטוציעס.

דער דראַמאַטישער קרייז

מיט די שורות וויל איך פאַראייביקן אונדזערע טעאַטער־ליבהאָבער פון קאָרעליטש און גלייכצייטיק אָנווייזן די שעפערישע כוחות און דעם בייטראַג פון דעם קאָרעליטשער דראַמאַטישן קרייז פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור אין שטעטל.

אונדזער שטעטל איז אויפן קולטורעלן געביט געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. מיר האָבן געהאַט אַ טאַלאַנטפולע און אינטעליגענטע יוגנט, וואָס האָט געשטרעבט עפּעס צו שאַפן. ביי אונדז זיינען געווען יוגנט אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן געפירט אַ



החוג הדרמטי והתזמורת — דראַמאַטישער קרייז און דער אָרקעסטער.

למטה מימין — שורה א׳ (**אונטן רעכטס — ערשטע ריי**): חיים סטולר, נח גרשנובסקי, אברהם ניסלביץ, יוסף גרשנובסקי, יהודה גרשנובסקי, בערל ליפשיץ, מאָטל לעווין, אלתר גרינפלד. **שורה ב׳** (**צווייטע ריי**): אברהם ליפכין, משה גרשנובסקי, יצחק ליפשיץ, ברכה קפלן, נאמיאט, אליאסברג, ברוך צלקוביץ, בערל פולוזסקי, ..., משה שוסטר, גיטל לונדין. **שורה ג׳** (**דריטע ריי**): יצחק גרשנוביץ, חיים דושקין, דוד ליפשיץ, חיים אברמוביץ, טייבל דבורצקי (טרוצקי), מאניע קגנוביץ, אלתר באָיארסקי, סאוועליע קלאצקי, פסיה אפרוימסקי, קלמן מורדכוביץ, ..., זלמן ניסלביץ, יעקב גרשנובסקי, שיינדל פערעוועלוצקי (קוזניץ).

לעבהאַפטע טעטיקייט אין זייערע לאָקאַלן. איינע פון די וויכטיקע און אָנגעזעענסטע יוגנט־גרופן איז געווען דער דראַמאַטישער קרייז, וועלכער האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך אַמאַטאָרן־ליבהאָבער פון דער יידישער סצענע.

איך בין געווען די יינגסטע און פון דריטן דור אין דעם אַנסאַמבל. מיר פלעגן שפילן יידיש טעאַטער און מיט דעם אַריינברענגען פרייד און יום־טובדיקייט פאַר יונג און אַלט אין שטעטל. דאָס איז געווען די איינציקע פאַרווייליונגען, ווייל זעלטן ווען ס׳פלעגן קומען צו אונדז אַ פראָפעסיאָנעלע טרופע אַקטיאָרן. קיין קינאָ איז אויך נישט געווען די הכנסות פון אונדזער אַנסאַמבל זיינען אויסגענוצט געוואָרן פאַר וויכטיקע צילן.

אונדזער דראַמאַטישער קרייז פלעגט אויפפירן פיעסן און דראַמעס פון די יידישע קלאַסיקער און פון די יידישע דראַמאַטורגן.

אין אונדזער דראַמאַטישן קרייז זיינען אויסגעוואַקסן גוטע טאַלאַנטן וועלכע האָבן זיך געקענט פאַרגלייכן מיט פראָפעסיאָנעלע שוישפילער. צום ביישפיל: בערל פאָלי־זשעסקי אין „קאָלדוניע" אין דער ראָל פון דער כישופמאַכערין. כאָטש איך בין

נאָך דאַן געווען צו יונג, שוועבט נאָך היינט פאַר מיינע אויגן דאָס בילד פון דער כישופמאַכערין אויסגעפירט פון בערלען. און צוזאַמען מיט אים דער גאַנצער אנסאַמבל האָט מיטגעריסן דעם פובליקום.

שעפּע קלאַטשקאָ — אַ ווערטפולע פערזענלעכקייט אין דער טעאַטער קונסט. ער איז געווען דער רעזשיסאָר און אויך גלייכצייטיק געשפּילט און אויסגעפירט די שווערסטע ראָלן. ער האָט באַאיינפלוסט און צעמענטירט דעם גאַנצן אַנסאַמבל. מיט גרויס יראת־הכבוד האָבן זיך אַלע צוגעהערט צו זיינע באַמערקונגען און אָנווייזונגען.

חיים בוסעל — דער לערער פון דער יידישער שולע פלעגט אויך געפינען צייט צו שפּילן יידיש טעאַטער. פיל פון אונדז געדענקען אים אין דער ראָל פון דעם „באַטיושקאָ פּראָקאָפּ" אין דער פּיעסע „חאַסיע די יתומה".

בערל אברינסקי — איינער פון די זעלטענע קינסטלער אויף דער בימה. אָט זע איך אים אין דער ראָל פון די „נבלה". מיט וואָס פאַראַ פאַסיע האָט ער געשפּילט אין „יאָשע קאַלב" — אַ טאַלאַנט וואָס מען קען ניט פאַרגעסן.

די ברידער גערשינאָווסקי פון דעם עלטסטן ביזן יונגסטן, אַלע האָבן געשפּילט טעאַטער. יאַנקל, משה׳ל, יאַשע און רוטשקע. מיין חבר יאַשע האָט שטענדיק גוט געשפּילט און זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין זיין ראָל. איבערהויפּט האָבן זיך אויסגעצייכנט אין פאַרשיידענע ראָלן יאַנקל און משה׳ל. מיט משהלען האָב איך געשפּילט אין „יידישן קעניג ליר". איך האָב דאַן געשפּילט זיין טאָכטער טייבעלע. מיט רוטשקען צוזאַמען האָב איך געשפּילט אין דעם „גרויסן געווינס". דאָס זיינען געווען טאַלאַנטן מיט וועלכע מ׳האָט געקענט שטאָלצירן.

די ברידער ליפשיץ: בערל, דוד. זיי האָבן געשפּילט אויף פאַרשיידענע אינסטרומענטן. געזונגען און געטאַנצט, צו אַלץ זענען זיי געווען פעיִק.

די פרויען פון אַנסאַמבל:

די „קאָמענדיאַנטקע" רבקה יעלין — אסתר־רחל קאַמינסקי האָבן מיר איר גערופן. זי איז געווען געבענטשט מיט אַ גרויסן טאַלאַנט. ווי נאָר זי פלעגט זיך באַווייזן אויף דער סצענע האָט זי מיטגעריסן דעם פובליקום. פיל פרייד און געלעכטער האָט זי אַריינגעבראַכט צווישן די צושויער. דער גאַנצער זאַל פלעגט איר באַדאַנקען מיט לאַנג דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

אונדזער דראַמאַטישער קרייז האָט אויך פאַרמאָגט גאָר גרויסע שיינהייטן, ווי מנוחה אַבראַמאָוויטש (לעבט אין ישראל) שפּיה, לעוויט, חיה־לאהקע שערעשעווסקי און אַנדערע. אויב מ׳האָט געדאַרפט האָבן אימעצן אויף אַ קלענערער ראָל איז נישט געווען קיין פּראָבלעם. איבער נאָכט איז מען געוואָרן אַן אַרטיסט.

די הויפּט־ראָלן — (פּרימאַדאָנע) האָט מערסטנטייל געשפּילט מנוחה אַבראַמאָ־

וויטש. אויך מאַניע קאַגאַנאָוויטש איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע שפּילערינס (געפינט זיך אויך אין ישראל).

אייניקע פון די געוועזענע מיטגלידער פון קאַרעליטשער דראַמאַטישן קרייז געפינען זיך אין אַמעריקע. דאָס איז חייקע דושקין און בענטשע גולקאָוויטש — מיין ברודער. איך דערמאָן זיך, ווען איך פלעג קומען צו די רעפּעטיציעס פלעגט מען שטענדיק ריידן וועגן שיינדלען, פעשען און ראָזען ווי וועגן גרויסע „שטערן". ליידער האָב איך זיי פערזענלעך נישט געקענט, זיי האָבן עמיגרירט קיין אויסלאַנד, אָבער קיינער פון שטעטל האָט זיי נישט געוואָלט פאַרגעסן. (שיינדל קוזניעץ לעבט אין ישראל).

צו יעדן יום־טוב פלעגן מיר צוגרייטן אַ פאָרשטעלונג און יעדער ספּעקטאַקל פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסן קולטורעלן יום־טוב אין שטעטל. דער דראַמאַטישער קרייז פלעגט אויך אָפט אַרויספאָרן אין דער פּראָווינץ און פלעגט שפּילן אין די אַרומיקע שטעטלעך און פלעגט אויך די דאָרטיקע יידן אַריינברענגען פיל פרייד.

אונדזער טעאַטער האָט זיך געפונען אין הויז פון די פייער־לעשער, אָדער ווי מען פלעגט אין שטעטל זיך חכמהנען, אַז אונדזערע אַקטיאָרן שפּילן אויף די „באַטשקעס" אין פּאַזשאַרנע. מען האָט געשפּילט יידיש טעאַטער און מיר האָבן געהאַט אַ גייסטיקן פאַרגעניגן. יעדע נייע אויפפירונג פלעגט אַריינברענגען פיל לעבן אין שטעטל. אויף



חוג דרמתי — דראַמאַטישער קרייז

למטה (**אונטן**): יהודה גרשנובסקי. **שורה ב'** (**צווייטע ריי**): חיים בוסל, חיה לאה קפלן, אלתר גרינפלד, שפרה לויט, בערל פאָלוז'סקי, פאַניע ליפשיץ מטוחה אברמוביץ, רבקה יעלין. **שורה ג'** (**דריטע ריי**): בערל ליפשיץ, מאניע קגנוביץ, יעקב גרשנובסקי, זלמן ניסלביץ, בן־ציון גולקאוויץ, סאוועליע קלצקין, יוסף גרשנובסקי, אברהם גורודיסקי, יעקב אברז'נסקי, משה גרשנובסקי.

יעדן טריט און שריט האָט מען גערעדט וועגן דער פּיעסע, וועגן די אַקטיאָרן, נאָכ־געמאַכט זייערע באַוועגונגען, געזונגען די נייע לידלעך.

די לעצטע פּיעסע וועלכע אונדזער אַנסאַמבל האָט אויסגעפּירט איז געווען „גאָט, מענטש און טייוול״. דער טייוול — היטלער האָט אַלץ חרוב געמאַכט. נישטאָ מער קאָרעליטש, נישטאָ מער דער דראַמאַטישער קרייז. עס ווילט זיך גאַרניט גלויבן אַז דאָס אַלץ איז „געווען אַמאָל״ און היינט? — פאַרבליבן איז בלויז די וויסטקייט און די בענקשאַפט נאָך דעם אַזוי ליבן און נישט פאַרגעסענעם עבר.

רעיה שניאור

תיאטרון ותזמורת

מה לא היה לנו בקורליץ? אפילו תיאטרון, כמובן תיאטרון של חובבים אשר שחקו בהתלהבות דראַמות, טראַגדיות וקומדיות. ההכנות להצגה היו נמשכות הרבה זמן אך יותר מהצגה אחת של מחזה לא היו מציגים. לא, חלילה, מפני שהמחזה לא היה טוב, אלא פשוט: לא היה בפני מי להציג, כי כבר בהצגה הראשונה היו נוכחים כל הפוטנציאל של הקהל התיאטרוני. מאידך, לא עלה אז רעיון ולא היתה גם אפשרות שהלהקה תציג מחוץ לכתלי קורליץ — בעיר אחרת.

החוג הדראַמאַטי שלנו נקרא בקיצור „דרמפאר״ והיה זה מעין השוואה לשם שהתזמורת ומכבי אש היו נקראים „פוז׳אַרנע־קאָמאַנדע״. תחילתו של החוג הדראַמטי היה לפני כמה עשרות בשנים. יוזם, המייסד והבמאי היה שעפּע קלצ׳קי שהיה מחונן בכשרון המשחק. השחקנים היו בני גילים שונים ובעלי רמה שונה — כולם, חובבים. ההצגות נערכו בבית הספר עד לשריפה הגדולה של שנת 1929. בבית ספר זה היו פותחים קיר בין שתי כיתות ונוצר מעין אולם די גדול. החזרות נערכו בבתים פרטיים שונים. הקהל היה „קהל טוב״, לא היה זה קהל פסיבי היושב ומאזין למה שנאמר על הבמה כי אם קהל המגיב ומעודד את השחקנים. הקהל השתדל להוכיח לשחקנים כי כדאי היה המאמץ שהושקע בהצגה. בעיקר היו מציגים את גורדון: „חסיה היתומה״, „אלהים, אדם ושטן״, „צעבראָכענע הערצער״ וכן „המכשפה״ ו„שולמית״ של גולדפאדן ואת „המלך ליר היהודי״. התפאורות לא היו מהמשובחות ביותר ולא אחת הכיר הקהל את השמלות והאביזרים שהלוו לשחקנים לפני ההצגה. הכרטיסים נמכרו במחירים לא גבוהים אך ההכנסות הספיקו לכסות בדרך כלל את ההוצאות ואף נשאר קצת כסף למטרות פילנטרופיות.

בין השחקנים הבולטים אפשר לציין את שיינדל קוזניץ היושבת אתנו בארץ

שנחונה בסופראן נעים ובכושר משחק. היא היתה ה„פרימדונה". פסיה הצטיינה במשחק קולע. בין תפקידי הגברים התבלט קלצקו ששיחק תמיד בתפקיד הראשי וברל פולוזסקי הקומיקאי. מי מאתנו אינו זוכר אותו בתפקיד ה„באבע יאַכנה" ב„מכשפה"? תמיד היה מחסור בגברים, והנני נזכרת בקוריוז שכאשר בהצגת „3 אגענטן" הופיעו 3 בחורות בתפקידי הגברים. כאשר עלו על הבמה, פרצו שלושתן בצחוק־נשים עליו. כמובן שהקהל זיהה אותן מיד וצחק איתן. במרוצת השנים הצטרפו ללהקה כשרונות חדשים וביניהם מנוחה אברמוביץ ופרומה גולקוביץ, שתיהן בלטו בהופעתן הנאה ובמשחקן הטוב.

במקביל לחוג הדראַמאטי ה„דרמפר" קמה גם תזמורת, שבמשך שנים התפתחה



תזמורת נוער עם המורה קלפצקי — יוגנט אָרקעסטער

למטה שורה א' — מימין (**ערשטע ריי — פון רעכטס**): ......, שרה מייערוביץ, ..., **לאה** נאמיאט, חיה קובנסקי, דאָבע ניגניעביצקי, ..., **שורה ב'** (**צווייטע ריי**): פערטוועלוצקי, ..., לובה גנצביץ, חוה ווערניק, לוויצקי, קלפצקי, ..., סוניה פשעניצי (גורודיסקי), **שורה ג'** (**דריטע ריי**): י. ילין, חנה ליפשיץ, מרים קלצקו, גוטקע גאנצביץ. **שורה ד'** (**פערטע ריי**): חוה לאה ינקלביץ, ..., בריינע כגן, רקוביצקי, גבריאל אברמוביץ, אהרן קיבלביץ, ..., אהרן ברנשטיין, ...

וגדלה לגורם חשוב בחיי הבידור והמופעים של העיירה. התזמורת הופיעה בהופעות „סולו" ומאידך היתה משתתפת בהופעה באירועים שונים של העיירה. ממיסדי התזמורת אזכיר כאן את מוליער שניגן בכינור, היוזם ויינר שניגן בפלייט (חליל). חלק נכבד בתזמורת יש גם לאבי שיחיה. כמו בחלום מעורפל הנני נזכרת בערבים הרצופים שהיו מתאמנים בביתנו משה גרשונובסקי וברוך צלקוביץ (שבמרוצת הימים הפך למנצח תזמורת) ואבא היה עוזר להם. הוא התמסר במיוחד לקלרניט כי זה הכלי בו ניגן בצעירותו. את החלק הארי בתזמורת תפסו שתי משפחות: משפחת גרשונובסקי שאחד מבניה נמצא כאן אתנו ומשפחת ליפשיץ. יוצאי קורליץ גאים בתזמורת שלהם עד היום הזה.

ובסוף, אם מדברים על הכוחות האמנותיים הבה ונזכיר את המכבי־אש ה„פוז'אַרנע קאָמאַנדע" שהיתה בת לויה נאמנה לכוחות האמנותיים בעיירה. אף איש מאתנו לא שכח את התרגילים של „הפוז'אַרנה" בימי א' ובעיקר את ה„פאַראַדים" בלוית התזמורת. כל העיירה היתה על הרגליים כאשר הפוז'אַרנה הופיעה במצעד ברחובות ובראשה קלצקו, דוד סלוצקי ומרדכי ראובן בגין. הוא האחרון היה ממש טס בלכתו במדים היפים והכפפות הלבנות.

לא היה זה תיאטרון או תזמורת במושגים של ימינו, אבל בימים ההם הביאו אתם מוסדות אלה חמימות והחדירו קרני אור לחיים האפורים של העיירה.



הנהלת ה„חלוץ" — ה„חלוץ" פאַרוואַלטונג

עומדים מימין (פון רעכטס שטייען): חיים בולוטניצקי, צירל אברמוביץ, מרים שקולניק, שירקע יוסלוביץ (דושקין). **יושבים מימין (פון רעכטס זיצן)**: גיטל לונדין, מרדכי מלכיאלי (קרולבצקי), שפרה לויט, משה אליהו שוסטר, חסיה אברז'נסקי (טורטל).

קלמן אושרוביץ, — רעננה

לתולדות ה„חלוץ" ו„השומר הצעיר" בעיירתנו

הנוער החלוצי הציוני בקורליץ, תקופתו מתחילה בשלהי מלחמת העולם הראשונה, היינו — לפני 50 שנה. הנוער הזה הוציא מתוכו חלוצים מסורים ונאמנים אשר אם אנו מעיפים בו מבט כיום — אנו נוגעים בנקודות ישוב שונות בארץ, בהן היכו בני עירנו שורש, נקודות אשר מלאו תפקיד חשוב בבנין הארץ שלנו. לאחר כל התלאות שעברו על בני הנוער שלנו, הננו מלאי גאווה על ההישגים לאחר דרך ארוכה וזרועה קרבנות, תקווה ואכזבות לסירוגין. נוער זה עבר תקופת רב הוד, התחנך על רעיונות תל־חי והמשיך ב"חלוץ", „השומר הצעיר", כיבוש עבודה והגנה וחלק רב לו בהקמת מדינת ישראל. העיירה שלנו קורליץ מסמלת אולי את דרך הנוער הזה.

עם שוך הקרבות של מלחמת העולם הראשונה, היתה העיירה הרוסה ושוממה, כי בזמן המלחמה עם כיבוש הסביבה על ידי הגרמנים, עוצבה החזית המלחמתית בעירנו לצד מזרח וכל תושבי העיירה גורשו והתפזרו לכל רוח. היהודים קנו אחיזה בסביבת גרודנא וחלק ניכר מהם התישב זמנית בעיר נובוגרודק והסביבה. בגמר המלחמה חזרו היהודים לעיירה ההרוסה והתחילו לבנותה מחדש; בתים רבים חסרו מהנוף של העיירה, כי הגרמנים השתמשו בחמריהם לבניית בונקרים בחזית. כדרך יהודים טובים הקדישו התושבים תשומת־לב ראשונית למוסדות הציבוריים. תוקן בית הכנסת ההרוס למחצה והחלו לחשוב על מקום לבית ספר. רוב התושבים עסקו בימים ההם בחקלאות ולמרות שלא היתה להם אדמה משלהם, פשטו התושבים על פני המגרשים הריקים ועבדום, כי לא היו למגרשים ההם בעלים. בעלי המלאכה חזרו למלאכתם וחנוונים החלו לארגן מחדש את בתי המסחר שלהם.

והנה, טרם הספיקו להתאושש מצרות המלחמה העולמית והעיירה נקלעה למלחמת הבולשביקים עם הפולנים. הרוסים נכנסו לעיירה וקיימו בה את המשטר החדש שלא היה אהוד על תושבי המקום. כעבור זמן שככה גם מלחמה זו, העיירה נשארה בידי הפולנים והחיים החלו לחזור למסלולם הרגיל. שוב המשיכו היהודים במקום בו הפסיקו קודם: נבנה בית בשביל הרב והוקם בית־הספר ובתי־הכנסת. כמנהל בית־הספר נתמנה בנו של הרב המקומי שלום כהן. בית־הספר היה בפיקוח רשת בתי־הספר „תרבות" וחלק מחברי „החלוץ" העתידים, למדו בבית־ספר זה.

בין „בונד" וציונות

מלחמת העולם הראשונה גרמה לתסיסה לא רק בין עמי אירופה, אלא גם בקרב היהודים. בתקופה זו היה פעיל בקרב היהודים ארגון „הבונד". היה זה ארגון פועלים יהודים אשר פעל למען הרמת קרן הפועל היהודי ושיפור מצבו ובעיקר דאג לשיווי זכויות של הפועל היהודי בקרב הפולנים. עיירתנו שהיתה עיירה בעלת הכרה יהודית, מצאה את מקומה בצד אחד של המיתרס — בצד הציוני. כי בתקופה זו, תקופה שאחרי הצהרת בלפור והגל הציוני קם החלוץ אשר תחילתו ברוסיה והמשכו בערי ועיירות פולין.

ה„סנוניה" הראשונה בקורליץ של החלוץ היה מרדכי קרולבצקי (הנמצא בארץ מרדכי מלכיאלי). משפחת קרולבצקי חזרה באותה זמן מנובוגרודק לקורליץ ובנה מרדכי היה האיש שהתחיל לארגן את תנועת „החלוץ הצעיר". זכורני כשטיילתי פעם בסביבת השוק ניגש אלי יוסף פורטנוי וסיפר לי, כי יש לנו מרצה אורח. החבר בילופולסקי מוורשה. התאספנו בבית הכנסת והמרצה קרא בפנינו חוברת על מאורעות תל־חי וסיים בדברי טרומפלדור: „טוב למות בעד ארצנו".

מרדכי קרולבצקי ארגן את „החלוץ הצעיר" כשלידו עוזרים חסיה אָברז'נסקי ואחרים. התארגנה קבוצת חברים מבוגרים יותר שהחלו לארגן את „החלוץ". בראש המארגנים היו משה־אלי שוסטר, ניסן זלמנובסקי ויבדל לחיים יוסף פורטנוי.

המרצים הראשונים שהופיעו בענין החלוץ היו: יוסף בנקובר (עתה ברמת הכובש) ובילופולסקי — הם הסבירו לנו את עיקרי תנועת „החלוץ" ורעיונותיו. זכורני הרצאה של בילופולסקי בבית המדרש של קורליץ. שמש בית־הספר (קראנו לו „פעטער זעקס") שהיה קורא לתפילות בבית הכנסת („יידן אין שול אַריין") יצא והכריז על נאום חשוב שירצה אורח מוורשה בשבת אחר הצהריים. ואכן הקהל נענה: הופיעו בני נעורים ומבוגרים. וכך צעד אחר צעד הקפנו את העיירה עם רעיונות „החלוץ" והקמנו את המסגרת עם פעולה תרבותית, חוגים, הסברה ופעולה ממשית. בת הרב — בריינה, לימדה עברית, משה־אלי שוסטר לימד ידיעת הארץ, ערכנו משפטים ספרותיים והוצאנו עתון חי בכל שבוע, שהיו קוראים אותו כל ליל שבת בצוותא. עורך העתון היה אלתר רוזובסקי. העתון שיקף את רעיונות „החלוץ" וקרב לדרכו. רוב התושבים השתתפו בהקראת העתון במסיבות חברים.

עליות וירידות

כשעלה מתח ההתלהבות והעבודה הארגונית פרחה קרה משהוא שבלם את הכול וצריך היה להתחיל מ„בראשית". במקרה דנן מעשה שהיה כך היה: מרכז החלוץ כיבד את עבודתנו וכדי להביע את הוקרתו לנו הקציב לנו „סרטיפיקט" לעליה לארץ לחבר אחד של החלוץ. אותו חבר שלו הוקצב ה„סרטיפיקט" היה שקוע ראשו ורובו בעניני מסחר ולא „התפנה" לעלות לארץ ישראל. הדבר גרם לרפיון העבודה ואחרים אפילו עזבו את

השורות. אך הגרעין היה כבר חזק למדי מכדי שיתפורר. התחלנו לבנות את חיי החלוץ מחדש: הזמנו חומר קריאה מן הארץ והתחלנו להחדיר לימוד מקצועות אצל החברים כדי שיכשירו את עצמם לעלות לארץ.

הפסקת תנורים

החלטנו שיש להכניס את החברים באוירה של עבודה למען הארץ, להרגיל אותם להקרבה ולעשייה למען הרעיון וכך הגענו שהתחלנו ללמד מקצועות. את הבנים התחלנו להכשיר לנגרות ואת הבנות לעבודות תפירה. יצאנו להסיק את התנורים של בתי־הספר בלילות החורף וניקינו את חדרי הכיתות. שכר העבודה היה קודש לקרן קיימת ולקופת פועלי א״י. חכרנו מאלתר האופה את המאפיה שלו לשם אפיית מצות לפסח. המומחה היה נח גרשונובסקי ושוב ההכנסות הוקדשו לקרנות ארץ ישראליות. באותו זמן גויסתי לצבא הפולני ועל הנעשה בעיירה למדתי רק ממכתבי חברים.

בשנות 1925־6 קיבלנו מספר „סרטיפיקטים״ לעליה לארץ. הראשון עלה ליימא פולצ׳ק (נמצא ברמת השרון), יוסף פורטנוי (נמצא בכפר סבא), גיטל לונדין (נמצאת בכפר סבא), ברכה קפלן (בקיבוץ הכובש), שינדל פרבוליצקי (עכשיו קוזניץ — בת״א), פסיה אפרוימסקי (גורפינקל — במשמר השלושה), מרדכי קרולבצקי (מלכיאלי — בהוד השרון), סטוליאר (חזר וירד לחו״ל ונספה בשואה). כל אלה שעלו נכנסו לקיבוץ „הכובש״, אבל אחרי שנים הסתדרו במקומות שונים בארץ.



מימין (פון רעכטס): דוד פורטנוי, ברכה קפלן, פסיה אפרוימסקי, משה שוסטר, יוסף פורטנוי, גיטל לונדין.

המתח עלה ומצב הרוח היה מרומם בקורליץ באותה תקופה. לעיירתנו הגיעה קבוצת הכשרה מוילנה שעבדה בחפירת בריכות דגים. היתה זו עבודה מפרכת. חלק ניכר מאנשי ההכשרה של הימים ההם עלה לארץ ונמצאים בקיבוץ רמת הכובש.

והנה שוב: ירידה במתח. המשבר של שנות 1927 בארץ ישראל גרם לרפיון הרוח, גם אנו בקורליץ „זכינו" לשנים שחזרו מארץ ישראל לעיירתנו ושוב נידלדלו השורות.

החלטנו קבוצת ותיקים להמשיך ולקיים את „החלוץ" בקורליץ. החברה לאה קפלן (נמצאת עכשיו בקיבוץ גבעת חיים) ששמרה אמונים לארגון, היתה שומרת על „הרמה" לפחות כלפי המרכז: בדו"חות שלה למרכז הופיעו מספר חברים גדול משהיה במציאות — שלמנו אפילו מס חבר בשביל אותם החברים מכיסנו וכל זאת כדי לשמור על „הפירמה" כלפי חוץ.



החלוץ בקורליץ — החלוץ אָרגאַניזאַציע אין קאָרעליטש

עומדים מימין — שורה א׳ (**שטייען פון רעכטס — ערשטע ריי**): חיים אברמוביץ, חיים קלמנובסקי, ליימע פולצ׳יק, אברמוביץ, יעקב מזורצקי, מרדכי קרולבצקי (מלכיאלי), חסיה אברז׳נסקי (טורטל), לאה קפלן, בערל גורביץ, חיים בולוטניצקי, יצחק ליפשיץ. **שורה ב׳** (**צווייטע ריי**): אלתר רוזובסקי, אלתר גרינפלד, מורדכוביץ, מיכאל ביגין, מלכה מורדכוביץ (אבני), קלמן מורדכוביץ, שיינדל קוזניץ (פרבלוצקי), ..., דבורה יוסלביץ, **שורה ג׳** (**דריטע ריי**): משה סטולר, לייבל קופרניק, חיים סטולר, אברהם ליפכין, יהודית ברקוביץ, נח גרשנובסקי, יצחק סטולר, עטי ליפשיץ, יוסף פורטנוי. **שורה ד׳** (**פערטע ריי**): צבי שוסטר, חיה־לאה קפלן שרשבסקי, סוניה רבינוביץ (קפלן), חיים קפלן.

„השומר הצעיר"

באותו זמן הופיע בקורליץ בחור אינטליגנטי ונמרץ בשם חיים בוסל — חניך „השומר הצעיר" והציע לארגן קן של „השומר הצעיר". שרידי „החלוץ" התנגדו — אך המשברים והאכזבות עשו את שלהם: קם הקן של „השומר הצעיר" על שרידי החלוץ, וקן זה הקיף את רוב הנוער בעיירה. היו גם בוגרים שהצטרפו. חיים בוסל הוכיח את עצמו כמארגן מצוין והוא ידע לגשר בין הרעיונות השונים, השתדל לקרב את אלה שלא הרגישו את עצמם טוב במסגרת החדשה. חילק את הקן לפי הגילים וסידר קבוצות עם שמות השבטים וכך קבלתי להדרכה קבוצה בשם „יהודה". הבוגרים השתדלו לתת לנוער חינוך חלוצי שבבוא הזמן יהיה מוכן וכשיר לעלות לארץ ישראל.



שורה א' — עומדים מימין (ערשטע ריי — שטייען פון רעכטס): בערל אוברינסקי, ביילע קוזניץ, מנוחה אברמוביץ (איצקוביץ), ריבה יעלין, בערל קפלן. **שורה ב' — מימין (צווייטע ריי — פון רעכטס)**: יוסף חיים אושרוביץ, דוד מייערוביץ, חיים ברקוביץ, ..., ישעיהו בולוטניצקי. **שורה ג' — מימין (דריטע ריי — פון רעכטס)**: בערצ'י יעלין, מערקע יעלין, חיה סלוצקי (מייערוביץ), שרגא ניסלביץ.



מימין — **שורה א׳ (פון רעכטס — ערשטע ריי)**: אלתר גרינפלד, יונה אברז׳נסקי, יעקב אברז׳נסקי, חיים בוסל, מיכאל יעלין, מלכה מורדכוביץ (אבני), קלמן בצלאל אושרוביץ. **שורה ב׳ (צווייטע ריי)**: לאה קפלן, שפרה לויט, חיה־לאה קפלן, ..., ...

קיימנו פעולות תרבות, ספורט, בידור. בל״ג בעומר ערכנו מחנה גדול באחד היערות בסביבה וזכורני באיזה חרדת קודש שרנו את „אנו עולים ושרים ואת „תחזקנה״.

בקיץ 1928 ערכנו כינוס מחוזי בקורליץ באוירה חגיגית של תנועה המונית.

אך שוב באו האסונות: העיירה נשרפה כליל בדליקה שפרצה וגם מאורעות הדמים ב־1929 בארץ ישראל הביאו לקץ של תנועת „השומר הצעיר״ בקורליץ.

בשנת 1930 עליתי לארץ עם רעייתי שרה. בארץ שמענו כי קורליץ נבנתה מחדש על חורבותיה הקודמים.

הזמנים השתנו: הכמיהה לארץ־ישראל גברה והתחזקה בפולניה. חסרו סרטיפיקטים ולא יכלו להיענות לדרישות הרבות של בני הנעורים אשר רצו לעלות לארץ ישראל. בפולניה התמלאו קיבוצי ההכשרה שם ישבו במשך שנים מיטב הנערים והנערות שרצו לעלות לארץ ישראל. התחילה להתארגן העליה הבלתי ליגלית — צעירי ישראל נסעו על פני הימים והפקירו את נפשם. חלק מהם הגיעו לחוף מבטחים לארץ ישראל, כאן הם נחשבו בעיני הבריטים כ„בלתי ליגליים״, אך הם הסתדרו בארץ ומצאו את מקומם. אך הרוב של הנוער נשאר שם... איננו כי הושמד על ידי צוררי ישראל.

מפעלנו בארץ, ההקרבה והגבורה של צעירי ישראל מהווים זכרון מפואר לנוער האידיאליסטי הציוני שהיה ואיננו.



החלוץ בשנת 1930 — החלוץ־אָרגאַניזאַציע אין יאָר 1930

ועד החלוץ — החלוץ פאַרוואַלטונג

מימין (**פון רעכטס**): יעקב מאזורעצקי, בערל גורביץ, סאָניע קכּלן, לאה קפלן, לאה טראַיעוויצקי, קלמן מורדכוביץ, יצחק סטולר. **עומדים (שטייען)**: מרדכי מלכיאלי (קרולבצקי), צבי שוסטר.



מלכה פולוז׳סקי־פומרצ׳יק — כפר־סבא

„השומר הצעיר"

א

קן „השומר הצעיר" נוסד בקורליץ בשנים 1927—30 על ידי חיים בוסל, צעיר נמרץ ובעל כושר ארגון להפליא. הוא בא אלינו עם משפחתו מהעיר קלצק והביא את הרעיון ואף את כושר הארגון. הצליח ללקט סביבו את הנוער ואת ילדי בית־הספר שם לימד כמורה ומדריך. ההופעה המרשימה, בגדי השרד והעניבות האדומות — כל אלה ביחד עם התהלוכות בליווי חצוצרות קסמו לנוער שהתלכדו סביב הקן. כל עוד חיים בוסל היה פעיל, שגשג והתפתח הקן, אך עברו שנים, חיים התבגר ונכנס לחיים האזר־חיים הרגילים; חברים התחילו לנשור ועבודת התנועה רפתה והלכה.

מצב זה ניצלו אנשי בית״ר: אחים גנצביץ, גדטל מורדכוביץ, יהושע קלמנוביץ ואחרים, אשר הרחיבו שורותיהם על חשבון „השומר הצעיר". הנוער היה צמא לפעולה ולארגון ובאין פעילות של „השומר הצעיר", הצטרפו רבים לבית״ר.

כשסיימתי לימודי בנובוגרודק וחזרתי הביתה בשנת 1934, מצאתי את תנועת „השומר הצעיר" במצב של תרדמה. שמחתי למצוא את שרידי התנועה: את מרדכי שימשלביץ, תנחום קפלן, גוטל קיוולביץ ודוד ליפשיץ, אנשים רציניים ודבקים ברעיונות התנועה. התחלנו להחיות את העבר המפואר של „השומר הצעיר" בקורליץ. עם הידיש הצעדים לא עמדו לרשותנו אמצעים והצעתי את ביתנו הפרטי להתחלת הפעולה, דבר זה התאפשר לי הודות להורי אוהדי ציון וקדמה ומבינים לרוחנו.

בזמן קצר התחלנו למשוך לשורותינו רבים מבני הנוער, במיוחד מכתלי שני בתי הספר וכן מבין הנוער המתבגר והתחלנו בעבודה תרבותית והסברתית. עם גידול מספר החברים גדלו גם האמצעים. שכרנו מעון אצל אלתר נחימובסקי (אלתר דער סופער) ערב ערב התמלא הבית בקולות עליזים ורעננים של ילדי הקן. התנועה שוב נעשתה גורם בולט וניכר בעיירה, שוב נערכו תהלוכות ונשמעו קולות תופים וחצוצרות; חגיגות ט״ו בשבט, טיולים למרחקים ולחורשות הסמוכות לשם הכרת הטבע. חברינו לקחו חבל פעיל בפעילות הציונית בעיירה. הרקת קופסאות „קרן קיימת" וכו׳. זכור לי במיוחד מפעל חשוב ומחנך בכותלי הקן: ערכנו תערוכת מלאכת יד של צעירי התנועה. הילדים הכניסו למשימה את כל נשמתם, כל אחד בתחביבו ובשטחו. התערוכה הצליחה כל כך שמשכה זקן ונער אליה וכולם שוחחו עליה בהתלהבות. קשרנו קשר עם הנהגת התנועה בוורשה. באו שליחים, מרצים, ערב ערב בקעו קולות שירה מהקן.

מלבד הפעולה החברתית היה לנו גם מאבק פוליטי עם אנשי בית״ר שהתבצרו

ב„בית דבושקע" גנצביץ (קראו לבית „די ברוינע הויז"). חברי בית"ר היו במבוכה כי רוב חבריהם חזרו לאט לאט לכור מחצבתם, ל„השומר הצעיר". הצטרפו גם בוגרים: אסתר שקולניק (הורוביץ), מאַשאַ קפלן, שרה מינע מאירוביץ, ליבקע שרשבסקי, אהרון פרבולוצקי, גישה סטוליאר ועוד. עוד היום עובר בי רטט נעים בהזכרי בתקופה התוססת והמענינת ההיא.

בוגרי „השומר הצעיר" היו באופן אוטומטי גם חברי „החלוץ" אשר זקוק היה באותם הימים לדם חדש ותוסס, לצעירים בעלי מרץ ותסיסה, וכאלה היינו אנחנו בימים ההם.



הנהגת „השומר־הצעיר" בשנת 1934 — די אָנפירער פון „השומר־הצעיר" אין יאָר 1934.

מימין יושבים (פון רעכטס זיצן): אסתר שקולניק־הורוביץ, דוד ליפשיץ, מאַשאַ קפלן. **מימין עומדים (פון רעכטס שטייען)**: תנחום קפלן, מרדכי שימשלביץ, מלכה פולוד׳סקי (פומרצ׳יק), אהרן ניסלביץ, משה קוזניץ.

ב

דאָס שטעטל קאַרעליטש ליגט אויפן טייך רודקע, צווישן נאָוואָגרודעק און טורעץ, 21 ק"מ פון נאָוואָגרודעק און 14 ק"מ פון טורעץ. דאָס שטעטל אַ קליינס. — פונקט ווי אַלע שטעטלעך אין ווייסרוסישן געביט. די גאַסן אויסגעפּלאַסטערט מיט אַ ברוק, אַרום באַזעצט מיט קראָמען. דער גאַנצער צענטער איז אַ יידישער. אין די גאַסן בלויז עטלעכע קריסטלעכע הייזער. די קריסטלעכע באַפעלקערונג אין שטעטל גופא איז געווען זייער אַ קליינע, אַ קליינער פּראָצענט. אָבער דער אַרום איז געווען אַ קריסטלעכער און אין די דערפער האָבן געוווינט קריסטן. דאָס שטעטל איז געווען אויסשליסלעך כמעט אַ יידישע. פאַר אונדזער קומען קיין קאַרעליטש האָב איך געוווינט אין אַ שטעטעלע יערעמיטש, ווו די קריסטלעכע און יידישע באַפעלקערונג איז געווען אויסגעמישט. כ'האָב פשוט נישט געוווּסט קיין אונטערשייד. ווען כ'בין אָבער געקומען קיין קאַרעליטש האָב איך דערזען אַ גרויסן קאָנטראַסט. דאָס צו־אַמענלעבן פון דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג איז געווען אַזוי אָפּגעשיידט, אַז מען האָט כמעט נישט געהאַט קיין שום שייכות איינער צום צווייטן.

די ספּעציפישע מקורות פון פּרנסה אין שטעטל איז געווען: קליינע געשעפטלעך. דער מאַרק איז געווען באַזעצט מיט אַ ראַנד קראָמען פוןביידע זייטן. ס'זענען געווען ביי אַ 60 קראָמען אין שטעטל. חוץ דעם האָט זיך אַ גרויסער טייל פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט. מען האָט געזייט אוגערקעס, וואָס מען פלעגט פאַרקויפן אין די גרויסע שטעט. אַ גרויסער טייל איז געווען בעלי־מלאכות, האַנטווערקער. ס'זענען געווען קליינע מאַשינען וואָס מען פלעגט רייניקן וואָל.

— אַ געוויסער טייל פון אונדזער יוגנט האָט זיך געלערנט אין דער גרעסערער שטאָט נאָוואָגרודעק. במילא האָט זיך געשאַפן אַן ענגער קאָנטאַקט צווישן דער נאָוואָגרודקער יוגנט און דער קאַרעליטשער יוגנט. אַלץ, וואָס איז געווען פּראָגרעסיוו, און מען האָט געזען אין נאָוואָגרודעק, האָט מען זיך באַמיט אַריבערצוברענגען צו אונדז, נאָכקאָפּירן. אונדזערע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך געלערנט אין נאָוואָגרודעק, זענען געווען דאָרט מיטגלידער אינעם „השומר הצעיר". קומענדיק אַ היים האָבן זיי זיך גענומען זייער אַקטיוו צו אָרגאַניזירן דעם „השומר הצעיר". די קולטור פון דער גרעסערער שטאָט האָט געהאַט אַ השפעה אויף אונדזער ניוואָ.

— איך האָב געלערנט אין נאָוואָגרודעק, אין דער פּאַנסטוואָווער (מלוכהשער) גימנאַזיע „מיצקעוויטשאַ". געענדיקט האָב איך דאָס גימנאַזיום אין יאָר 1934. דאַן בין איך געקומען צוריק קיין קאַרעליטש און געפאָרן אויף הכשרה קיין גראָדנע אין „השומר הצעיר". 9 מאָנאַטן בין איך געווען אויף הכשרה. דאַן בין איך געקומען צוריק, ווייל כ'האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל דורך אַ שליח פון ארץ־ישראל. אָבער צום סוף איז דאָס בטל געוואָרן.

נאָכן בלייבן אין קאַרעליטש האָב איך נישט פאַרלאָזן די ציוניסטישע טעטיקייט. מיר האָבן אָנגעהויבן אויף דאָס ניי צו אָרגאַניזירן די אַרבעט אין „החלוץ". מיר האָבן אָרגאַניזירט סעמינאַרן, וווּ ס׳האָבן אָנטייל גענומען אַלע לערער פון שטעטל פון די העברעישע שול. די סעמינאַרן האָבן געדויערט אַ וואָך און אַמאָל צוויי אויך. מיר פלעגן אַרויסגעבן לעבעדיקע צייטונגען. צו אונדזער טראַדיציע האָבן געהערט די באַזאַרן פון קרן־קימת.



הנהגת „השומר־הצעיר" בשנת 1935 — די אָנפירער פון „השומר־הצעיר" אין יאָר 1935.

קבוצת בוגרים „השומר־הצעיר" — אַ גרופע יוגנטלעכע „השומר־הצעיר" מימין (פון רעכטס): יוסל ברקוביץ, גישע סטולר, ניסן שימשלביץ, שרה ביגין, ליבקע שערעשעווסקי. שורה ב׳ — מימין (צווייטע ריי — פון רעכטס): שרה־מיניע מייערוביץ, גוטל קיבלביץ, תנחום קפלן, שפרה ראַקוביצקי, מיניע ליפשיץ, אהרן פערעוועלוצקי.



„השומר־הצעיר" בשנת 1930 — „השומר־הצעיר" אין יאָר 1930.



גדוד כפירים „יהודית" — „השומר־הצעיר".

גוטקה נחומובסקי־גנצביץ

בית״ר

בקורליץ היה קן בית״ר שהוקם בהתעוררות ובהתלהבות בתקופה בה ביקר זאב ז׳בוטינסקי בפולין. מספר בחורים בקורליץ החליטו להקים את הקן, בשעה שבעיירה כבר פעלו תנועות „השומר הצעיר" ו„החלוץ", אשר יחסם אל תנועת בית״ר לא היתה אוהדת כלל. המלאכה לא היתה קלה לאור התעמולה נגד התנועה הרביזיוניסטית אשר התנהלה בחוגי השמאל בציונות. אך כדרך הבית״רים לא נרתעו ורתמו למלאכה זו את אנשי הצה״ר הוותיקים וחברי התנועה הרביזיוניסטית המבוגרים.

היתה זו עבודה חלוצית: עבדנו ימים ולילות בפעולות ארגון, באסיפות ובשיתוף מרצים ואורחים מן החוץ. אנשי „השומר הצעיר" ו„החלוץ" לא טמנו ידם בצלחת:



הם ארגנו פעולות נגד וניהלו תעמולה נגד שיתוף פעולה עם הבית"ר. הוויכוחים היו מנת חלקה של העיירה כולה בתקופה ההיא, אשר לא ידעה סערות, ויכוחים ומריבות, כפי שהיה אז בעת הקמת קן הבית"ר. אך המפעל העקשני הביא את תוצאותיו הברוכות ועד מהרה הופיעו בקורליץ צעירים וצעירות לבושים מדי בית"ר ולאט לאט נכנסה עבודת הקן לפעולתה הסדירה. מפקד בית"ר הראשון של קורליץ זכה עד מהרה לעלות ארצה ובעיירה נערכה פרידה נלהבת. אנשי הצה"ר ובית"ר היו אלה אשר קראו השכם והערב לאוכלוסיה היהודית לא לשקוע באשליות ולעלות ארצה, בעקבות קריאותיו של מנהיג בית"ר זאב ז'בוטינסקי, אשר חזה את חורבן יהדות אירופה שנים לפני האסון — אך לא רבים שעו לקריאותיו וכך אנו נשארנו אבלים על אותם הציונים הטובים והמסורים אשר נשארו בגולה ונספו בחורבן ורק מעטים מאוד זכו והספיקו לצאת מגיא־ההריגה בעוד מועד.



מימין: בית פייגל־צירעס קאַגאַנאָוויץ. **משמאל:** בית שבתאי קלצ'קו.

יצחק קאַצענעלסאָן
אין זיין געבורטשטאָט קאַרעליטש *

יצחק האָט אָנגעהויבן זיין רייזע אַלס שרייבער איבער די שטעט און שטעטלעך פון ליטע אין זיין געבורטשטאָט קאַרעליטש. קינד און קייט האָבן זיך געגרייט אויפצונעמען יצחק'ן. די אויפנאַמע אויף דער סטאַנציע איז געווען אַ פאָלקס־מאַניפעסטאַציע. מען האָט אים אָפּגעפירט אין רב'ס הויז, זיין זיידן ר' יצחק יחיאלס בנין, ווו ער איז איינגעשטאַנען.. דאָרט האָט מען אים אָנגעוויזן אויף זיין אייגן וויגעלע, וואָס מען האָט אָפּגעהיט, ווי אַ זכרון נאָך זייער באַרימטן בן־עיר.

יצחק האָט זיך דערמאָנט, אַז אַלס זעקסיאָריקער ייִנגעלע האָט ער פאַרוואָרפן אויף אַ בוידעם פון אַ הויז אַ באַלים וועלכן ער וויל געפינען. כך היה. מען האָט אָנגעהויבן צו שפרייזן איבער די געסלעך ביז יצחק האָט דערקענט אַן אַלט, איינגעפאַלענע הייזקע. מ'האָט געמאַכט אַ לייטער און איינער אַ ייִנגעלע איז אויף יצחקס אָנווייזונג, אַרויף אויפן בוידעם און דעם באַלים געפונען. די דאָזיקע פּאַסירונג האָט יצחק מיט יאָרן שפּעטער אַריינגעפלאָכטן אין זיין דראַמאַטישער קאָמעדיע „פּאַטימאַ".

במשך פון עטלעכע טעג פון זיין פאַרוויילן אין קאַרעליטש, פלעגט ער שפּאַצירן מיט דער יוגנט איבערן שאָסיי און אַלע אַרומיקע מקומות. יצחק האָט זיי געזונגען יידישע און העברעישע לידער, האָט דערציילט יידישע געשיכטע און וועגן אַקטועלן ארץ־ישראל. איינמאָל האָט ער זיך געווענדעט צו דער יוגנט: „טייערע יידישע טעכטער און זין, אייער אָרט איז אין ארץ־ישראל, פאָרט אַהין, ווו איר וועט בויען אַ נייעם יידישן לעבן".

אָט אַזוי האָט יצחק געשילדערט זיינעם אַ שפּאַציר אין זיין געבורטס־שטעטל:

„...און איך גיי שוין מיט דער זייט פון שאָסיי און אויפן שאָסיי איז פריילעך. אַלץ וואָס לעבט איז אַרויס פון שטעטל אויפן שאָסיי. און דער שאָסיי איז זייער אַ לאַנגער. מ'זאָגט, אַז דער דאָזיקער שאָסיי ציט זיך אַזש ביז קאָברין... און קאָברין איז זייער ווייט פון דאַנען... די דאָזיקע הימלען גייען און לאָזן זיך אויס און נייע הימלען שפּרייטן זיך אויס איבער דער שטאָט קאָברין".

---

* יצחק קאַצענעלסאָן — זיין לעבן און שאַפן — פון צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו, קאַפּיטל 22, ז' 150.

און אָט איז אַ שילדערונג פון שאָסיי ערב שבת פאַרנאַכט:

ביים שאָסיי, אין די אַלייען
זיצט אונטער אַ בוים דיין כלה,
אויף שאָסיי, אין די אַלייען
מיידעלעך יידישע שפּאַצירן —
שלאַנקע סאָסנעס, רויטע רויזן —
טעכטער יידישע שעמערירן.
די שוואַרצע חנעוודיקע מיידלעך
אין די שבתדיקע קליידלעך.
זייער האָר עפּעס צעפּאַטלט...
צנועות זענען יידישע טעכטער —

וועלן שבת זיך ניט קעמען;
און די לענטעס און די טיכלעך
אויפן האַלדז פאַרקניפּט, פאַרבונדן —
וועלן שבת דאָך ניט טראָגן.
לכה דודי לקראת כלה
ביים שאָסיי, אין די אַלייען
זיצט אַ מיידל, זון־פאַרפלאָסן,
זיצט אונטער אַ דעמב, אַ גרינעם
זיצט און וואַרט אויף דיר, דעם חתן,
לכה דודי לקראת כלה.

„...אַ גרופּע בחורים איז פאַרבייגעגאַנגען. אַ בחור אָנגעטאָן אין אַ רויט העמדל איז געגאַנגען בראש. אַ רויט העמדל — און אין שטעטל. דוכט זיך, זיי האָבן אין מיר דערקענט אַ „פּנים חדשות”, מחמת באַלד ווי זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען: „אך, אָרעמע אַרבעטער”.

בונדאָווצעס, ...און אין שטעטל.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז פאַרבייגעגאַנגען אַ אַנדער גרופּע בחורים, אַ בחור אָנגעטאָן אין אַ בלוי העמדל — איז געגאַנגען בראש. אַ בלוי העמדל — און אין שטעטל. האָבן די בחורים זיך אַיינגעקוקט אויף מיר און אַוועק ווייטער, און אין אַ מינוט שפּעטער האָב איך דערהערט דאָס געזאַנג: „אַ היים פאַר דעם יידישן אַרבעטער”.

פּועלי ציון... און אין שטעטל.

כ׳האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן — פון ווייטנס האָב איך געזען די צוויי גרופּעס ווי זיי גייען פאָרויס צום שוואַרצן וואַלד צו. יעדע איינע פון זיי ביחידות און דער שטח צווישן זיי — אַזוי קליין... זייער לייכט האָבן זיי געקענט זיך צונויפגיסן אין איינעם. צום אויער דערגרייכן נאָך קלאַנגען פון אַ ליד. מ׳קען שוין נישט פונאַנדערשיידן די ווערטער, ס׳דוכט זיך מיר, ס׳איז איין ליד — פון די צוויי לידער איז געוואָרן איינס...

אָן קיין שום כוונה האָט זיך מיין בליק אָנגעשלאָגן אָן וואַלד — אַ דיסקוסיע... און אין שטעטל.

אישים ודמויות

פערזענלעכקייטן
און געשטאַלטן

יעקב בנימין קאַצענעלסאָן

יעקב בנימין קאַצענעלסאָן געבוירן אין קאָפּוליע 1859, געלערנט אין די ישיבות פון וואָלאָזשין און קאָוונע. מחבר פון „עוללות אפרים" (1889) אַ פּאָעמע וואָס האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט מיט דער נעגאַטיווער באַציונג צו די משכּילים, צו די באַליבטע און אידעאַליזירטע העלדן, די אויפגעקלערטע ישיבה בחורים מיט זייער חשק צו בילדונג, וועלכע קאַצענעלסאָן שילדערט אַלס אומסימפּאַטישע קאַריעריסטן. פון „חזון בן ימיני", „יהודה המכבי ויונתן ופסי", „גדליה דרגא" — אַ פּאָעמע אין יידיש פאַרעפנטלעכט א"פ „בן ימיני", איז דאַן געזעסן אין וואַרשע אַלס מיטאַרבעטער פון דער העברעישער ענציקלאָפּעדיע „האשכול". אין דער צייט האָט די פרוי זיינע געזעסן אין קאַרעליטש, אין דעם הויז פון דער מאַמען, די אלמנה פון קאַרעליטשער רב ר' יצחק יחיאל דווידזון און דאָרט אין קאַרעליטש איז געבוירן געוואָרן זייער זון יצחק קאַצענעלסאָן (תמוז 1886).

לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, זלמן רייזען, דריטער באַנד, ווילנע 1929.

רייך אין טאָט איז געשטאָרבן דער אַלטער העברעישער שריפטשטעלער בן ימיני (יעקב בנימין קאַצענעלסאָן). ער האָט אין גאַנצן געלעבט און געאָטעמט מיט ליבע צו דער העברעישער שפּראַך און דעם יידישן פאָלק. זיין ערודיציע אין חכמת היהדות איז געווען אונגעהויער. איבערהויפּט איז ער געווען בקי אין יידישער געשיכטע. ער האָט ווי געוואָלט פאַרזעצן ווו דער השכלה־דיכטער ווייזעל האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס ווערק איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט.

ער איז צענדליקער יאָרן געווען טעטיק אַלס פּעדאַגאָג און אויפגעשטעלט אַ דור תלמידים, מיט וועלכע ער איז שטאָלץ געווען. אונטער זיין אויפזיכט איז אויפגעוואַקסן זיין זון דער פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן; יעקב כהן האָט ביי אים געלערנט זיין מייסטער־האַפט העברעיש. דער אינזשינער שמואל שוואַרץ, וואָס האָט אַנטדעקט די אַנוסים אין פּאָרטוגאַל, איז געווען זיין תלמיד, אין דער גאַנצער וועלט געפינען זיך זיינע הונדערטער תלמידים. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט ער זיך אינטערעסירט מיט אַלע נייע ערשיינונגען אין דער העברעישער און יידישער ליטעראַטור. ער איז געווען דער איניציאַטאָר און דער מיטאַרבעטער פון דער ערשטער העברעישער ענציקלאָפּעדיע „האשכול".

פרייטיק נומער „היינט", ה' כסלו תרצ"א (28 נאָוועמבער 1931), נומער 272.

רעיה שניאור (רישע קפלן)

משה אברהם וואלפין

אם אנו מדברים על קורליץ הציונית, עולה לנגד עיני דמותו האצילית והעדינה של ר' משה־אברהם השו"ב, המורשה של קרן קיימת בעיירתנו. לבוש קפוטה שחורה, מקלו בידו היה אץ לענינים הקשורים לארץ־ישראל. מיום בואו לעיירתנו ועד יומו האחרון קיפל בתוכו אהבה יוקדת לרעיון הציוני. בואו לקורליץ עורר פולמוס בגלל ציוניותו. בהגיעו מאודיסה לעיירתנו, התנגדו לו תחילה רבים בגלל השקפותיו הציוניות שהיו ידועות לרבים. הוא ארגן עד מהרה את הציונים בעיר ואלה נכנסו למערכה כבדה למענו: הוכרזה שביתה והחרימו את הבשר של השוחטים עד שהמתנגדים הפסיקו את מלחמתם נגדו ונתקבל כשו"ב. ומהרגע שנכנס לתפקידו היו חייו קודש לרעיון הציוני. בפעולות ועבודה מאומצת אשר העלוהו בעיני הנוער בקורליץ לסמל ולדוגמא של מעש ומסירות נפש.

בעצמו חי חיים קשים; חיי משפחתו היו מוקפים צרות וסבל. אלמן היה ובנותיו שהיו לו מאשתו המנוחה גרו אתו בבית; אחת הבנות היתה נשואה ומטופלת בילדים רבים וחלק מהילדים גדלו על ידי הסבא. כל הבעיות של הבית לא העיבו על חזונו למען ציון וכל דבר הקשור בציון. הוא היה סמל העידוד בעיני הנוער, והוא נמצא תמיד בכל מקום שהיה קשור בפעולה ציונית; אירגן, הסביר, הוכיח ואסף כספים. היה אורח קבוע בבתי העיר, שם היה מבקר כדי לארגן צמדים של צעירים וצעירות להריק את הקופסאות של „קרן־קיימת" וברבות השנים כאשר חלק גדול מהנוער עלה לארץ ואחרים לא ששו לתפקידים כאלה היה מהלך בעצמו בבתים ומרוקן את הקופסאות וכל זה כדי לשמור על המפעל ועל הקשר עם התורמים.

בעצמו לא היה בו העוז והמחשבה להגשים ולעלות לארץ ישראל, אך היה צוזר בכל נפשו לאלה ששאפו לעלות. זכורני כשהתעכבה עלייתה של אחת הבחורות, שעתה היא תושבת ותיקה בכפר־סבא, פנה מיד למשרד הארץ־ישראלי לברר את הסיבות ופעל להחשת עלייתה. כל פעם שהחלוצים העולים היו עושים דרכם לנובוגרודק בדרכם לעליה היה עושה את הדרך הארוכה לנובוגרודק אתם. קריאת המאמרים בעתון „היינט" של ש. פיטרושקה ביום ששי „וואָס הערט זיך אין ארץ־ישראל?", „מה נשמע בארץ" היתה אצלו כמו מצווה ותענוג תפילה אצל אדם אדוק; הוא היה שותה בצמא כל שירה על המתרחש בארץ ישראל וכאשר קרה וביום ששי לא נתפרסם מאמרו הקבוע של פיטרושקה, היה משה אַברהם משגר מכתב לעתון „היינט", מדוע לא פרסמתם את מאמרו

של פיטרושקה על ארץ ישראל"?. איך אפשר לקרוא עתון יום ששי בלי מאמר על ארץ־ישראל — טען. סיפרה לי גב' וויטל שקולניק־אריאלי אשר ביקרה בקורליץ בשנת 1937 כי ר' משה אברהם היה מבקר בביתה מדי יום ביומו על מנת לשמוע מלה היה על א"י.

לא היתה יוזמה במסגרת המפעלים שלנו שהוא לא נשתלב בה. הנני נזכרת בשוק — הבאַזר, שהתחלנו לארגן לטובת „קרן קיימת"; לשמחתנו נענה הקהל למפעל הזה וההכנסות עלו למעלה מן המשוער, ר' משה אברהם היה מאושר עם המפעל החדש הזה שגילינו ובצענוהו בהצלחה כה גדולה. כעבור זמן קצר לאחר הבאַזר בא לביתנו משה אברהם והודיע לי, כי יש לו שי עבורי בעד הצטיינותי והצלחתי בבאַזר הזה. אמרתי לו „אין צורך" וטענתי כי עצם ההצלחה מהווה בשבילי פרס ואושר אך הוא עמד על שלו וכעבור ימים מספר הביא לי אלבום קטן שהוציא „קרן הקיימת" לפתיחת האוניבר־סיטה העברית בירושלים, ועל האלבום הקדשה שלו: מילים של אהבה לציון וגעגועים לארץ האבות.

עד היום — כאשר אני משתתפת בארגון שוק־באַזר של ארגון אמהות־עובדות זכר „השוק הציוני" של קורליץ עומד לנגד עיני וממריץ אותי לפעולה לזכר הציוני התמים והדגול שאינו מש ממני.

אבי סיפר לי באותו ענין: נוהג היה ר' משה אברהם להתכתב עם כל מיני אישים ציוניים, וקרה שאצל בר בורוכוב מצאו מכתבים שלו והז'נדרמריה אשר באותו זמן חיפשה פעילים ציוניים יצאה לחפשו ולאתרו. תחילה חפשוהו בנובוגרודק והגיעו לבסוף לקורליץ וגילוהו. הם אסרוהו ביום שבת דווקא והחזיקוהו בבית הסוהר חודש ימים. רק הודות למאמציו של ר' נחום אייזיק ביגין השו"ב, הצליח לגייס סכום כסף וכך שוחרר. אבי ציין גם, שאף ר' נחום אייזיק ביגין היה יהודי מכובד וציוני טוב.

קלמן אושרוביץ — רעננה

משה אברהם בר' שאול נפתלי אושרוביץ

סבי היה מסוחרי התבואות הגדולים ומבעלי טחנות קמח בסביבות וילנה. הוא היה בר־אוריין ואיש עסקים גדול והמשיך בעסקי אביו ר' אידל־אשר (מכאן מקור שם המשפחה — אושרוביץ'). הוא עסק באספקה והעברת סחורות בקו מינסק—וילנה וראה ברכה בעמלו. עם סלילת קו־הרכבת באיזור זה ירד מנכסיו וחי בעוני. את בנו־בכורו רצה ללמד עבודה נקיה וקלה ובחר במקצוע של סופר סת"ם, ואכן הצליח אבי במקצועו כאמן בחסד עליון. הוא הצטיין בעשיית „בתים" לתפילין מעור אחד. אך לא ראה ברכה בעמלו, כי בזמנו כבר לא היתה דרישה גדולה לסחורתו: פשוטי העם לא הבינו בענין זה

והמדקדקין — ידם לא השיגה לרכוש תפילין משובחים ומאידך היתה העבודה קשה ומיגעת ודרשה דיוק רב; הרחיב, איפוא, אבי את מקצועו ועסק גם בעיבוד עורות לקלף ספרי תורה ולרצועות לתפילין, עסק גם בעשיית מצבות באמנות רבה.

הוא כיהן גם בתפקיד שמש בית הדין של הרב בעיירתנו ושמש בית המדרש הישן ושירת רבנים גדולי־שם וביניהם גם את הרב הגאון ר׳ מרדכי׳לה סלונימר ז״ל, שכיהן בעיירתנו לפני הגיעו לסלונים. ובהיות הרב ר׳ אַברהם כהן חלוש וידוע חולי ורתוק בשנותיו האחרונות למיטת חוליו — מסר לאביו את הסמכות לסדר קדושין ונישואין ואת התפקיד הזה מילא אבי כל ימיו גם אצל הרבנים שבאו אחרי פטירתו של הרב ר׳ אברהם כהן. בעיירתנו היו אומרים: שחתונה בלי כלי־זמרים עוד אפשר לקיים, אבל בלי ר׳ משה־אברהם בלתי אפשרי. הוא הדריך רבנים צעירים בעצתו והם התחשבו בדעתו. היה מסביר פנים לזקן ונער ורבים שאלו בעצתו.



משה אברהם
אושרוביץ

יולדת צעירה שילדה בן לא פנתה בימים ההם אל הרופא, כי אם לר׳ משה־אברהם. הוא היה המוהל והוא היה המומחה שקבע אם הילד ראוי כבר לבוא בבריתו של ר׳ אברהם אבינו. לאחר ה„ברית״ היה מבקר אצל הרך הנולד מספר פעמים עד שפצעו התרפא כליל ואף היה מיעץ לאמהות כיצד לטפל בתינוק.

היה מכניס אורחים מושבע: „משולח״ שהיה בא לעיירה, מגיד דרשות או עובר־אורח אחר — כולם מצאו בביתו מקום ללון ולנוח. כך היה סבי משרת את הציבור בשטח רבגוני. כשהיה יושב לעבודתו, ממנה היה מתפרנס — לא תמיד יכול היה לשבת בשלווה ולעשות מלאכתו: עניני ציבור רבים הטרידוהו כל רגע, ואילו מעניני הציבור לא היה מרוויח כמעט כליל. היה חבר בכל החברות שהיו בימים ההם בעיירה; בין השאר

היה מאנשי „חברה קדישא" וניהל כל ימיו את „פנקס" בית הקברות, ובלעדו לא נעשה דבר; היה חבר בחברת „תהילים" וב„חברת ש"ס" ובעצמו ניהל שעור במשניות בפני ציבור מאנשי „עמך". היה בעל כושר הסברה נפלא.

אמי, לאה־צ׳יכה מתה בדמי ימיה ואני לא זכיתי להכירה; אבא נשאר באלמנותו רוב ימיו; אני שהייתי „בן זקונים" הייתי מתלווה אליו לשעורים, לשמחות ולחגיגות וזוכר אני את יפי סיפוריו ואת התלהבות קהל השומעים ממנו. לא פעם כשהנני נזכר בימי הילדות שלי דאז הנני מצטער שלא שמרתי בלבי את תוכן דבריו ומשלי משליו כדי להעלותם על הכתב.

אבי היה ציוני מסור ונאמן; מדי שנה בשנה היה רוכש את השקל הציוני ועם היוסדו של הבנק הציוני היה בין הראשונים שרכשו מניה.

משאת חלומותיו היה לעלות לארץ ולהתנחל בה. את חזונו זה עזרנו לו להגשים: כשעליתי לארץ התחלתי לטפל גם בעליתו והעלינו אותו בהיותו בן 78 שנה. זכורני את שמחתו, כאשר נסענו ליפו כדי לקבל אזרחות ארץ־ישראלית בשבילו ממשלת המנדט. היה מאושר מהכבוד שהנחילו לו הבן והנכדים; כדי להגשים את חלום התנחלותו — קנינו לו מגרש בהרצליה ואת המגרש הוריש אח"כ לנכדיו שנשארו אחרי השואה. הוא נפטר בשיבה טובה, בן 88 שנים, בט׳ חשון 9.11.43.

חסיה טורטל־אברז׳נסקי

פסח קפלן


למעלה מבן תשעים הלך לעולמו ר׳ פסח בן ישעיהו ברוך הכוהן קפלן, אחד מבחירי ה„בעלי־בתים" בקורליץ. זכה לחיות בארץ־ישראל עשרות בשנים והובא לקבורה בצד זוגתו הינדה־פייגל בכרכור. בה חי מיום עלותו ארצה עד התאלמנותו. זו היתה אישיות נפלאה של תורה, מסורת, אהבת הבריות, פקחות חיים, הומור ובדיחות דעת, והבנה עמוקה לבעיות הזמן והדור הצעיר. מעורה היה בחיי הקהילה וחלק נכבד לו בבעיות היומיומיות השוטפות שלה, פרנסה, דאגות הציבור, חינוך הדור הצעיר, משא ומתן עם השלטונות העוינים בין של ממשלת הצאר ובין הרפובליקה האנטישמית הפולנית. את עסקנותו הציבורית שלא על מנת לקבל פרס הוא מילא בלב יהודי חם ורגיש. נדד לשנים מספר לארצות הברית. בשובו בראשית המאה ה־20 לקורליץ, ידע מספיק בלשון האנגלית עד כדי כתיבת מכתביהם של בני העיירה לקרוביהם באמריקה. משרות ציבורי זה נהנו כשלושה דורות של קורליצאים. ר׳ פסח ניחון בכשרון נגינה וחזנות ושימש „בעל קורא" ושליח־ציבור בשבתות ובימים הנוראים בבית הכנסת החדש. ביתו היה מקום לאסיפות הציבור. את ארבע בנותיו ובנו יחידו חינך ברוח חלוצית־ציונית. כולם עלו לארץ־ישראל. ילדיו ירשו ממנו את כשרונו המוסיקלי, יושר־לב, נאמנות

והתמדה במילוי כ לתפקיד באחריות. ביתו בקורליץ הפך למוקד הנוער המאורגן בתנועות החלוציות. ר׳ פסח זכה לעלות עם רעיתו הינדה פייגל לילדיו לארץ־ישראל. הוא עבר כל חבלי הקליטה כחלוץ, ובשנותיו האחרונות היה חבר קיבוץ במחיצת בנותיו. מורשת גדולה הנחיל לנו הקורליצאים שיצאו את העיירה לסלול דרכים בעולם הגדול ואשר כולן הובילו אותנו עד הלום.

י. ח. בילצקי

פסח קפלן

זקן ושבע ימים נאסף אל עמו. נצר מגזע העברים החסונים בגופו ונפשו. יליד קורליץ, שממנה אסף לפני שלושים וחמש שנה את משפחתו ועלה לארץ ישראל. ידע, כי אמונתו הדתית אינה מתנקשת בחיי ההולין של בנותיו בקיבוצים: עינת, גבעת חיים, יגור, של בתו רעיה ובנו תנחום בנתניה. כל עוד כוחותיו עמדו לו פירנס את עצמו כמנהל



הנהלת הקהילה היהודית בשנת תרצ״ה
יושבים (זיצן): בערל בוסל, פסח קפלן.
עומדים (שטייען): געצל יעלין, לייבל פערעווולוצקי.

חשבונות בכרכור, והיה אזרח מכובד ואהוב על כולם. גם כשעשה את שארית ימיו על יד בתו בגבעת חיים, ובשנותיו האחרונות על יד בתו ביגור, היה אזרח אהוב בקיבוצים, מעורה בחייהם, עוקב אחר אורח חייהם, מנעים מסיבותיהם בקולו הערב, ובהומור החי. בבדיחות דעת גולל לא פעם בפני חברים צעירים פרקי חיים מתובלים אימרות, פתגמים, בדיחות וחכמה, שאובים מהאוצר העממי העשיר. באמונתו חי ואת אמונת ילדיו כיבד ואף הם כיבדוהו והתגאו באצילותו. בכל הופעה משפחתית הוא נשא אתו לב מלא אהבה לילדים, והביא אתו משב רוח רענן. פסח קפלן קיפל בתוכו את הטוב והנעלה של דורו ואת דעת הבינה הבשלה הערה לכל משפחתו הדואבת את כאב פטירתו. בחיי משפחתו הענפה, בחיי ידידיו בני קורליץ וחבריו הרבים ינוה לעד ניגונו היהודי.

גרשון אליאסבערג

געבוירן אין נאָוואָגרודעק אין יאָר 1876. שטאַמט פון דער דאָרטיקער באַקאַנטער משפחה הרכבי. געלערנט אין חדר, געענדיקט די שטאָטישע פאָלקס שול, געווען אַ עקסטערן, אַפּטייק שילער אין דווינסק (זיין פאָטער איז אויך געווען אַ דראָגיסט), אויסגעהאַלטן עקזאַמען אַלס געהילפס פּראָוויזאָר אין דער מיליטעריש־מעדיצינישער אַקאַדעמיע אין פּעטערבורג און באַקומען אין יאָר 1900 דעם טיטל „פּראָוויזאָר" אין יורייווער אוניווערסיטעט. אַלס אַפּטייקער האָט ער געאַרבעט אין פּעטערבורג און אין נאָוואָ־גרודעק. אין יאָר 1912 געוואָרן פאַרוואַלטער פון דער אַפּטייק אין קאָרעליטש, דער אינהאַבער פון וועלכער איז געווען אַבראַהם אַבראַמאָוויטש (פלימעניק פון מענדעלי מוכר ספרים). אין יאָר 1915 האָט זיך אליאַסבערג עוואַקוּאירט אין פּעטערבורג און פון דאָרט אין נידער אוראַלסק. אין יאָר 1919 האָט ער באַזוכט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט פון סאַראַ־טאָווער אוניווערסיטעט. אין יאָר 1921 זיך אומגעקערט צוריק אין קאָרעליטש ווו ער איז פאַרבליבן אַפּטייקער אויף וויטערדיקער צייט.

מיט געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָט זיך אליאַסבערג פאַרנומען נאָך פון די יונגע יאָרן אָן. אין נאָוואָגרודעק איז ער געווען טעטיק אין „שוקדי מלאכה", אין דווינסק האָט ער מיטגעהאָלפן אָרגאַניזירן אויסער שול בילדונג קרייזן פאַר דער דאָרטיקער יוגנט. אין פּסקאָווער גובערניע איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזן ווו ער איז געווען אַ טעטיקער מיטגליד. אין נידער־אוראַלסק איז ער געווען דער פאָרזיצער פון פאַרמאַצעווטן און פון פאַראיין פון די אַפּטייקער אָנגעשטעלטע.

אומקערנדיק זיך קיין קאָרעליטש, האָט אליאַסבערג אָפּגעגעבן זייער פיל ענערגיע און צייט אויפצובויען די חרוב געוואָרענע פון דער שטעטל. אליאַסבערג האָט זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט „יעקאפּא" אין ווילנע. און איז פון דאַן

אַן געווען פון זיינע נאָענטסטע ערנאַמטליכע מיטאַרבעטער אין דער פּראָווינץ. געווען דעלעגאַט פון קאַרעליטש אויף דער צווייטער און דריטער געגנט־קאָמיטעט פון „יעקאפא״ און אויך מיטגליד פון זיין פּלענום. אין קאַרעליטש האָט אליאַסבערג געשאַפן און איז געווען פאָרזיצער פון אַלע דאָרטיקע אינסטיטוציעס, ווי די קאָאָפעראַטיווע פאָלקס באַנק, אויפבוי־קאָמיסיע, קהילה, גמ״ח א.אַ.וו. איז אויך אַ מיטגליד פון קרייז־סיימיק און איז געווען געאַכטעט ביי דער יידישער און ניט יידישער באַפעלקערונג פון געגנט.

שלום כהן

געבוירן אין קאַרעליטש אין יאָר 1880 אין אַ רבנישער משפחה. די ערשטע בילדונג באַקומען אין חדרים און ישיבה. נאָכדעם געענדיקט אַ רוסישע שטאָט־שול און אַ קורצע צייט געווען אַ שילער פון 6־קלאַס כהנס גימנאַזיע אין ווילנע.

פון 18־טן לעבנס יאָר ביזן אויסברוך פון קריג פאַרנומען שטעלעס אַלס בוכפירער אָדער קאַסירער אין פאַרשיידענע ערטער. ווען ער ווערט אַרויסגעשיקט דורך די דייטשן פון קאַרעליטש, באַזעצט ער זיך מיט דעם פאָטערס פאַמיליע אין נאָוואָגרודעק. פאַרנעמט זיך דאָרט מיט פּריוואַטע לעקציעס און גיט זיך אָפּ דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אַרבעט פריער אין הילפס־קאָמיטעט, וועלכער פאַרטיילט די שטיצע, וואָס מען האָט באַקומען פון הילפס־פאַראיין פון די דייטשע יידן אין בערלין, צווישן די נויט־באַדערפטיקע היימלאָזע און קרבנות פון דער מלחמה וועלכע געפינען זיך אין נאָוואָגרודעק.

פון זומער 1918 ביז זומער 1919 געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון דעם „איבערזידלונגס, בוי און הילפס קאָמיטעט אין נאָוואָגרודעק״. און פון זומער 1919 ביז סוף 1920 אַלס סעקרעטאַר פון יידישן קאָמיטעט און נאָכדעם פון דער ערשטער דעמאָקראַטיש־געוויילטער קהילה אין נאָוואָגרודעק. איינער פון די גרינדער און בויער פון דער נאָוואָגרודקער פאָלקס־שול, אין וועלכער ער האָט געאַרבעט אַלס לערער אין משך פון פיר יאָר. דריי יאָר געאַרבעט אַלס לערער און פאַרוואַלטער אין קאַרעליטשער פאָלקס־שול, פון וועלכער ער איז אויך געווען דער גרינדער און בויער. שלום כהן איז געווען איינער פון די ערשטע מיטאַרבעטער ביי דער אויפבויונגס אַקציע פון געגנט קאָמיטעט „יעקאפע״ אין נאָוואָגרודקער ראַיאָן און דעלעגאַט אויף זיינע קאָנפערענצן. אין יאָר 1929 ווערט דורכגעפירט לויטן אויפטראַג פון געגנט קאָמיטעט „יעקאפע״ אין ווילנע רעוויזיעס אין 70 גמ״ח קאַסעס אין ווילנער און נאָוואָגרודקער וואָיעוודסטוועס, ווי אויך אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון פנקס פון „יעקאפא״.

פנקס „יעקאפא״, ווילנע 1930

חסיה טורטל־אברז'נסקי

רינה גרבלסקי

רינה גרבלסקי לבית מורדוכוביץ — הנציגה האחרונה בשרשרת דור האבות שלנו — נולדה בשנת 1891, מוצאה ממשפחה עממית ועמלה. בקורליץ למדה בחריצות כל מה שאפשר ללמוד אצל מורים פרטיים וב„חדר": תנ"ך, שפת עבר, הלשון הרוסית, חשבון וכו'. בגיל 16—17 היגרה לארצות הברית במטרה ללמוד ולהשכיל. לאחר בואה לניו־יורק, הִצליחה לקבל משרה במחלקה העברית של הספריה הלאומית שבעיר. בד בבד עם עבודתה ביקרה בשעורי ערב, למדה אנגלית ואף ביקרה בקביעות בהרצאות של הקולג' העירוני עד לאחר נשואיה. המורשת הלאומית והציונית היתה טבועה בדמה של רינה ובשנת 1920 עלתה יחד עם בתה בת ה־9 לארץ־ישראל והלכה למקוה־ישראל לעבוד בחקלאות. לרינה היתה גם תקופה חלוצית בקיבוץ עין־חרוד. רבות היו התמורות שאירעו בחייה, חזרה לארצות־הברית, עלתה בשנית לארץ־ישראל — ובקיץ 1930 באה יחד עם בעלה הסופר משה סתוי־סטאַבסקי לביקור בעיר הולדתה קורליץ. לנוער החלוצי היה ביקורה בעיירה חוייה בלתי נשכחת.



יושבים מימין (זיצן פון רעכטס): אַלתר גרינ־פלד, הסופר משה סתוי (סטאַווסקי), חיים בוסל. **עומדים מימין (שטייען פון רעכטס):** מ. מורד־כוביץ, חסיה טורטל (אברז'נסקי), רינה סטאַווסקי (גרבלסקי), אֶלקע מורדכוביץ, פאַל־קֶע מורדכוביץ.

כעבור 30 שנה נפגשנו שוב בירושלים באחת המסיבות של „ארגון אמהות עובדות". החוש הסוציאלי הער של רינה מצא את ביטויו בפעולה ענפה ומסורה: בארגון אמהות עובדות, בהנחלת הלשון העברית בזמן העליה הגדולה ובשנים האחרונות „בועד למען החייל". לא פסחה על אף הרצאה של שרי המדינה ואף ביקרה בקביעות עד הרגע האחרון בחוג לתנ"ך בבית נשיא המדינה.

בשבועות האחרונים לפני לכתה מאתנו תכננה ביקור אצל בתה ונכדתה בארצות הברית. בביקורי האחרון אצלה לאחר התקפת־לב, יומיים לפני פטירתה, ראיתי על שולחנה תמונה שלה — שרק זה הביאה מן הצלם. אמרתי לרינה: אנא תני לי אותה, לקחה עט, כתבה הקדשה. ובאמרי לה את התאריך הלועזי, השיבה אני רוצה את התאריך העברי, והיא כתבה כשהיא קוראת בקול: י"ז אב, תשכ"ט.

זכרה ברוך — כאחת מבנותיה היקרות והדגולים של עיירתנו קורליץ.

אלטער גרינפעלד

געבוירן אין יאָר 1908, אין קאָרעליטש. האָט געלערנט אין חדר און אויך ביי מלמדים. נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען די יידן זיינען אַרויס־געשיקט געוואָרן פון שטעטל, געווען מיט דער פאַמיליע אין סוויסלאָטש און אין נאַוואָ־גרודעק. ווען זיין פאָטער איז געוואָרן צוגענומען אויף צוואַנגס־אַרבעט און די מאַמע איז געווען קראַנק, איז גרינפעלד געוואָרן דער פרנסה געבער, האָדעוועדיק עופות פאַר אַ דייטשן אָפיציר, און מיטהעלפנדיק די פראַנצויזישע געפאַנגענע ביי געהילץ אין ביאַלאָ־וועזשער וואַלד. אין די אָוונט שעהן האָט ער געלערנט ביי אַ יידישן געפאַנגענעם דייטש און תנ"ך. אין 1919 — געלערנט אויף רוסישע אָוונט קורסן, און שפּעטער אין דער יידיש־העברעישער פאָלקס־שול אין נאָוואָגרודעק — האָט געאַרבעט ווי אַ שטעפּער, געווען געזעלשאַפטלעך אַקטיוו אין זיין היימשטעטל,ביים שאַפן אַ קינדער־קלוב און אַ ביבליאָטעק, און דערנאָך ביים אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט דער לאָקאַלער החלוץ־אָרגאַניזאַציע. אין 1929 געוואָרן אויסגעוויילט אין דער מועצה גלילית פון החלוץ. ער איז אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ מיט רעפעראַטן און לעקציעס אויף פּאָליטישע און ליטעראַרישע טעמעס. ער האָט רעדאַגירט וואַנט־צייטונגען, געשריבן לידער און אַר־טיקלען.

אין יאָר 1934 געווען מיטאַרבעטער פון „נאָוואָרעדאָקער לעבן" ווו ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע אַרטיקלען אויך אונטער דער אונטערשריפט א. גד.

אין יאָר 1936 האָט די קאָרעליטשער ביבליאָטעק אַרויסגעגעבן זיין לידער זאַמלונג „מיר איז גוט", קאָרעליטש, 32 ז'. גרינפעלד האָט אויך צוגעגרייט אַן אַרבעט אונטערן נאָמען „די יוגנט אויף דער פּראָווינץ", און אַ צווייט לידער־ביכל. און אין יאָר

1937 האָט ער אָנגעגעבן אַ בקשה אָנצוגעמען ווערן אין דער ווילנער ייוו"א־אַספּיראַנטור.

אין יאָר 1939, ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין קיין פּוילן, איז גרינפעלד אַריבער קיין רוסלאַנד. זיין ווייטערדיקער גורל איז אומבאַקאַנט.

„ליטעראַרישע־בלעטער", וואַרשע, 28סטן אויגוסט 1936 — ל. ר. (לייזער ראַן).

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, צוויטער באַנד, ניו־יאָרק, 1958.

לאה לובצ'נסקי־קורנפלד

יאסל דער זאלאמאנקער

ברצוני להציב ציון לרבים מבני קורליץ, אשר במחיצתם גדלתי, יחד אתם ברחו־בותיה טילתי, את שמחתם שמחתי ואת צערם כאבתי. מהן משפחות ענפות שלא נשאר מהן שריד ופליט. בחרתי בדמות אחת, שנחרתה בזכרוני יותר מהאחרות. שמו — יוסל דער זאַלאַמאַנקער, יוסל דער געלער. שם משפחתו? ספק אם ידעתי וספק אם אי־פעם השתמש בו, מחוץ לרשות כמובן. מדוע דוקא בו בחרתי? אולי שעדה הייתי בהתיעצות שהיתה לי בין דודי אליהו־חיים לבינו על יסוד חוג לומדי „עין יעקב" שבהווסדו דודי הרצה בו. ואולי משום שאהבתי להתבונן באנשים בשעת הליכתם לבית־המדרש. אינני יודעת אם מת האיש מיתה טבעית וזכה לקבר משלו ואנשי עיירתי ליווהו בכאב למנוחתו האחרונה, או מת באחת המיתות המשונות, יחד עם אלו אתם חי ומעל קברם הדהדו קולות צהלה פרועות.

חשוך בנים היה האיש וכל רכושו — טוב לבו וישרו. קומתו נמוכה, זקן צהוב עוטר פניו ועיניו התכולות מפיקות שלוה. מדדה בלכתו לבית־המדרש בנחת ופונה לצדדים אולי יזדמן לו מישהו בדרך להסיח לבו. לא כן היה ביום רביעי, יום השוק, אשר בו הוציא את מחייתו השבועית, ממסחר בביצים.

אחוז פחד פן יאחר את תפילת ,מנחה' נחפז היה, רץ ודרכו ישרה ואת אותם שפגש בדרך השאיר מאחוריו. חם לו במעילו, מקטרונו פתוח ופורם כפתוריו תוך ריצתו גם מחולצתו, נושף ונושם רץ. בהתקלו בקרבת בית־המדרש בעוד אנשים שיעודם־יעודו, בת צחוק משתפכת על פניו הלאים והוא כולו קורן. קורה היה גם אחרת, בא ובית־המדרש כבר ריק היה. אז היה יוצא החוצה ותר סביבו, אולי יתאסף מנין ומדי פעם מביט לשמים לבדוק באם אינה מאוחרת השעה לתפילה

יעקב אברמוביץ

א. פייוול ניסלביץ

פייוול איז געווען פון מיטעלער וווקס. שטענדיק ריין, ציכטיק אָנגעטאָן, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, אַ שמח בחלקו.

צו דעם, וואָס ער איז געווען אַ בעל־עגלה, געפאָרן פון קאָרעליטש קיין נאָוואָ־גרודעק, האָט ער אויך געפירט די פּאָטשט. די פּאַסאַזשירן האָבן ליב געהאַט מיט אים צו פאָרן. ער פלעגט זיך שטענדיק וויצלען און צוזינגען. די 21 ק"מ פון קאָרעליטש קיין נאָוואָגרודעק פלעגן אַריבערלויפן גיך. אונטערן שעלצער און פאלאני באַרג פלעגט פייוול בעטן די פּאַסאַזשירן אַראָפּגיין און גיין אַ ביסל צו פוס, בכדי פאָרן פערד זאָל זיין גרינגער.

אויף העלפט וועג, אין ראַדן, פלעגט פייוול אַריינפאָרן צום פויער, אויף וועמענס הויף איז געווען אַ ברונעם, בכדי צו אָנטרינקען דעם פערד. די קריסטן פלעגן פייוולען אויפנעמען פיין, רופן אים אין הויז אַריין און מכבד זיין מיט אַ גלאָז מילך, אָדער מיט בעראָזעווע סאָק, וואָס די פויערים פלעגן אַרויסציען פון די בעראָזעוועביימער. דערפאַר פלעגט פייוול אַ מאָל ברענגען די קריסטן אַ מתנה: אַ פּאַטשיילקע, אַ פּאָר זאָקן, אַ קעמעלע.

נעבן סוד, פאָרן אַריינפאָרן אין שטאָט נאָוואָגרודעק, איז געשטאַנען אַ פּאָליציי־פּאַטרול. אַלע, נישט נאָר יידן, האָבן געקענט דעם פריילעכן פייוול. ווען אַ פּאָליציאַנט האָט פון הינטן נישט דערקענט פייוולען און געבעטן אים זיך אָפּשטעלן, פלעגט פייוול פון ווייטן אַ געשריי טאָן:

— פייוול יעדזשיע! (פייוול פאָרט).

דער פּאָליציאַנט האָט אים געהייסן פאָרן ווייטער, נישט מאַכנדיק קיין קאָנטראָל ביי אים. אַזוי איז ער געווען באַליבט ביי אַלעמען.

און אַזוי טאָג־טעגלעך פון קאָרעליטש קיין נאָוואָגרודעק; פון נאָוואָגרודעק קיין קאָרעליטש. עס האָט פּאַסירט און זיין פערד האָט אָנגעהויבן צו הינקען. אַנשטאָט צו פאָרן 3 שעה קיין נאָוואָגרודעק, האָט מען באַדאַרפט פאָרן פיל מער. אָבער די פּאַסאַזשירן זענען געפאָרן מיט פייוולען ווייל ער איז געווען באַליבט.

מען פלעגט אים זאָגן: — פייוול בייט דעם פערד.

—צוליב וואָס? — האָט ער געענטפערט — דאָס פערד איז שוין איינגעהאָבערט. נעם הויב אָן אַ צווייטן איינצוהאָבערן. און ווער וויס, צי ער וועט זיין גוט. זאָל שוין זיין דאָס פערד!

אַזוי האָט ער געפירט זיין לעבן. די דייטשן האָבן אומגעבראַכט זיין פאַמיליע. בלויז איין טאָכטער זיינע, פייגל, געפינט זיך אין ישראל, אין קיבוץ תל־יוסף. זי איז אָפּגעפאָרן פון דער היים נאָך פאָרן קריג.

ב. דער פרוש קלמן דער מאראשינער

דעם פרוש קלמן דער מאראשינער (אַזוי האָט מען אים גערופן) געדענק איך נאָך, ווען איך האָב זיך געלערנט אין דער פאָלקס־שול. ער איז געווען פון נידעריקן וווקס, געהאַט אַ שיינע גרויע באָרד. שטענדיק אָנגעטאָן ריין. צו דער שול פלעגט ער קומען, ווען די שילער האָבן שוין באַדאַרפט אַ היים גיין, אָדער בעת ההפסקה. ער פלעגט צונויפקלייבן אַ ביסל קינדער, וועלכע ער פלעגט ברענגען אין שול, יעדן געגעבן אַ תהילים און געבעטן מען זאָל זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים. דערפאַר פלעגט ער יעדן איינעם געבן עפּעס אַנדערש: אַ בלייפעדער, אַ פעדער צום שרייבן, אַ טעטראַדקע (העפט), כדי צוציען די קינדער, זיי זאָלן קומען טאָג־טעגלעך זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים.

איך געדענק דעם גרויסן טיש פון ברעטער, וואָס איז געשטאַנען אין דער לינקער זייט פון דער בימה אין דער אַלטער שול, מיט די 2 גרויסע בענק פוןביידע זייטן. מיר קינדער פלעגן זיצן ביים טיש בעתן תהילים־זאָגן. קלמן אַליין איז געזעסן ביים שטענדער, פאַרטיפט אין דער גמרא, דערביי צוגעבאָמקעט אַ ניגון. פון דער מיזרח־זייט האָט זיך געהערט דער ניגון פון למדן רב שמאי קלאצקא, וועלכער איז געווען פאַרטיפט אין דער גמרא. פון דער צווייטער זייט רעכטס, אויבן־אָן, זענען געזעסן ישיבה־בחורים ביי גמראות. ס'האָבן זיך געהערט האַרציקע נגונים.

רב קלמנס פרוי, מלכה, אַ נידעריקע, פלעגט ברענגען אין בית־המדרש עסן פאַר איר מאַן, ווייל ער האָט זיך געפונען כסדר אין שול, האָט נישט געטאָרט מפסיק זיין. אָפּרוען פלעגט ער זיך אויף דער האַרטער באַנק, ווו ער פלעגט כאַפּן אַ דרימל, אַפילו ווען די קינדער האָבן געשטערט, אָבער אים האָט עס נישט געשאַדט צום שלאָפן.

אַזוי זענען פאַרגאַנגען יאָרן. ער און זיין פרוי האָבן עמיגרירט קיין ישראל, ווו זייערע קינדער האָבן זיך געפונען. אַהרן, זיין זון, וועלכער געפינט זיך אין כפר מעש, האָט גענומען די עלטערן צו זיך. קלמן מאראשינער פירט ווייטער זיין לעבן, ווי פריער אין בית־המדרש, אין אַ צריף אין כפר מעש... נאָכער אין גת־רימון. אין בית־הכנסת לערנט ער ווייטער ווי פריער. ער באַזוכט אויך זיין טאָכטער שפרה, אין גבעתיים, ווו זי וווינט מיט איר משפחה. (שפרה איז אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, איבערלאָזנדיק איר מאַן שמעון שמולעוויטש מיט די קינדער).

אין יאָר 1947 האָב איך זיך געטראָפן מיט קלמנען און זיין פרוי מלכה אין כפר מעש (פתח תקוה). זיי פלעגן גאַנץ אָפט באַזוכן מיין שוועסטער, מנוחה, מיט איר מאַן חיים איצקאָוויטש און פאַמיליע.

כ״ח בתשרי, תשי״ג שטאַרבט זיין פרוי מלכה. ער אַליין איז געשטאָרבן י׳ באָב תשי״א (1951).

חורבן וגבורה
חורבן און גבורה



פרומע גולקאוויטש־בערגער

די לעצטע בין איך

די לעצטע צו געדענקען, געבליבן בין איך,
די געדאַנקען ביי דער נאַכט, עס מאַטערן מיך.
עס גליען די פייערן פון דעם גרויסן ציפער,
דער ווייטאָג אין האַרצן, עס ווערט אַלץ טיפער.

אָט שוועבן אויף פאַר מיר, ווי פריש די גריבער,
דער שוידער פון די אומגעבראַכטע שוועסטערס, ברידער.
די ערד האָט געראויכערט, דער אַרום האָט געשוויגן,
און די קליינע קינדערלעך, — אַ ציפער נאָר געבליבן.

איך קוק אויף צוריק, איך זע יענעם טאָג, יענע שעה,
אַזוי הערלעך שיין, נאָר פלוצלינג, — מלחמה איז דאָ!
באַלד מאַכט זיך אין שטעטל אַ רעש,
איינער לויפט, דער צווייטער וויינט, און מען פאַקט באַגאַזש.

קוים דורכגעלעבט די פינצטערע און שרעקנדיקע נאַכט,
ס׳קומט שוין אָן דער טאָג, דער טריבער, מיט אַ נייע מאַכט.
אַ מאַכט פון רשעים, אַ מאַכט פון גזלנים,
און דאָס גאַנצע שטעטל האָט שוין אַן אַנדער פנים.

די יידן מען טרייבט זיי פון זייערע היימען אַרויס,
די גוים, אונדזערע שכנים, זיי טאַנצן פאַרויס.
זיי נעמען פון אונדז אַוועק גוטס און האָב,
און שפייען אין פנים און באַליידיקן גראָב.

און אָט זיינען שוין דאָ די געסטאַפּאָ, מיט אַ באַפעל,
די יידן מוזן אָנטאָן אַ לאַטע, זאָל זיין געל.
יעדער טאָג, אַ נייע גזירה פון די עס־עסן,
קאָן מען דען דעם „ספּעקטאַקל" פאַרגעסן?

ווען מען האָט אַלטער סרעברעניק אויף אַ שטריק געפירט,
ווי אַ הונט געטריבן, דורך אַלע גאַסן „מאַרשירט“.
איך קאָן ניט פאַרגעסן דעם שרעקלעכן מאָמענט,
ווען עס האָבן זיך דערהערט קולות — „עס ברענט“!

די הייליקע ספרים, — די ספרי־תורות, — אין פלאַמען,
צוויי בעזשענצעס, אין אָרון קודש, געשאָסן צוזאַמען.
אָט שטייען שוין אַלע אויפן מאַרק אין רייען,
פאַרטריבן פון שטעטל — צום לעצטן „מאַרש“ — מיר גייען.

די לעצטע בין איך צו געדענקען, ווו עס איז געוועזן מיין הויז,
די מענטשן צו ווען מען מיין ליבשאַפט איז גרויס.
ווו זיינען די שוועסטער, די ברידער, די פריינט?
ווו זיינען מיין מאַמע און טאַטע היינט?..

יידישע פארטיזאנער

סאַמע אין דער צייט, פון שוואַרצער יאוש־שטאַנד,
האָט אַ ליכטיקער רעיון אויפגעשטראַלט: „ווידערשטאַנד“!
די וועלדער, די געדיכטע, וועלן אונדזערע קאַזאַרמעס ווערן,
צו די הויכע ביימער וועלן מיר טרייהייט שווערן.

די נאַכט די פינצטערע, זי וועט אונדז באַשיצן,
ניט קיין קאַמף פון גלייכע צדדים, וועלן מיר באַנוצן,
ניט קיין קריגער מעסטן אונדזער כוח אויס,
נאָר אַ טויט מיט ווירדע איז אויך נצחון גרויס!

דאָס האַרץ איז פאַרוויסט, נאָר דער גוף, פול איז מיט נחמה,
ווייל דאָס איז דער טאָג פון דערפילונג, — צו דער שעה פון נקמה,
אָבער אויך די שעה פון דעם גורל, וואָס איז ניט זיכער,
וווהין עס וועט פאַרטראָגן דער בייזער וויכער,

ווייל עס איז ניט קיין קאַמף פון גלייכע און ניט פון יושר אויכעט,
נאָר אַ קאַמף פון לעמל, וואָס האָט זיך געשטעלט קעגן שוחט,
נאָר לעמל איז פלוצלונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לייבן,
מיט געווער אין די הענט — אין אַ בעסערן מאָרגן, מיר גלויבן!

מלכה פומרצ׳יק — כפר סבא

א וועג פון יסורים

נאָכן אויסברוך פון דער פויליש־דייטשער מלחמה זענען צו אונדז אַריין די רוסן. זיי האָבן גלייך איינגעפירט זייער נייע שיטה. גלייך האָט מען צוגענומען די גרעסערע הייזער, ד.ה. נאַציאָנאַליזירט. ס׳איז געוואָרן אַן ענגשאַפט, ווייל די, ביי וועלכע מען האָט צוגענומען די הייזער, זענען געוואָרן שכנים ביי אַנדערע. ס׳איז כדאי צו באַצייכענען, אַז ס׳איז געווען גרויס פאַרשטענדעניש פאַר די געליטענע. ס׳איז נישט געווען קיין גרויסע ויכוחים, אַז איין שכן זאָל אַריינעמען דעם צווייטן, הגם דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן.

ביסלעכווייז זענען פאַרמאַכט געוואָרן די קראָמען און ס׳איז געוואָרן איין גרויסע קראָם, אַן „אוניווערמאַג״. ס׳איז געוואָרן אַ מאַנגל אין סחורה, ס׳זענען אַנטשטאַנען אָטשערעדן (רייען). מיר האָבן גלייך געפילט דעם טעם פון דעם סאָוויעטישן רעזשים.

ס׳זענען געוואָרן קאָאָפּעראַטיוון און אַרטעלן. די יוגנט האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן, יעדער איינער האָט געקריגן אַן אַרבעט־פּלאַץ.

איך פּערזענלעך בין געווען אַ לערערין אין דער רוסישער שולע, כ׳האָב געלערנט דייטש אין אַלע קלאַסן און געווען דערציערין אין פערטן קלאַס.

אין דער צייט פון די סאָוויעטן בין איך אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פאַרשטייערין פון ראַיאָן. צוליב דעם בין איך געוואָרן אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט צווישן די סאָוויע־טישע מענטשן. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה, בין איך געווען אין גרויס שרעק, אַז די ערשטע נקמה אויף יידן, וועט זיין געווענדעט קעגן מיר. כ׳בין פעסט געווען אין מיין באַשלוס, אַז כ׳מוז אַנטלויפן גלייך ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווייל איך בין געווען פון די בולטסטע יידן אין שטעטל. דעם צווייטן טאָג פון דער מלחמה בין איך אַנטלאָפן. די מלחמה האָב איך אַדורכגעלעבט אין רוסלאַנד. מיט זיך האָב איך געהאַט מיטגענומען מיין מאַן, מיין שוועסטער מיטן שוואָגער און מיין ברודער.

אין רוסלאַנד האָב איך פריער, אַ קורצע צייט געלעבט אין טאַמבאָווער אָבלאַסט. אונטער וועגס האָב איך פאַרלוירן מיין מאַן, דער שוועסטער מיטן שוואָגער און ברודער. נאָך דריי וואָכן צייט זוכן האָט זיך מיר איינגעגעבן זיי צו געפינען. ווען מיר האָבן זיך צוריק געטראָפן, זענען מיר אַוועקגעפאָרן אין טאַשקענטער אָבלאַסט. אין נאַמאַנגאַן האָבן מיר אַדורכגעלעבט די מלחמה.

נאָך דער מלחמה בין איך פון רוסלאַנד געקומען צוריק צו אונדז אין שטעטל.

— ווען כ׳בין געקומען צוריק אין שטעטל, האָב איך געטראָפן כמעט אַלע הייזער שטיין אויפן זעלבן פלאַץ, נאָר קיין יידן האָב איך נישט געזען, חוץ דריי אַלטע יידן, וועלכע זענען נאָך דער פאַרטיזאַנקע געקומען און זיך צוריק באַזעצט אין זייערע הייזער.

זיי זענען געווען אַזוי פאַרמאַטערט פון דעם, וואָס זיי האָבן אַדורכגעלעבט, אַז זיי האָבן גאָרנישט געקלערט צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל. איך בין געקומען מיט דער גאַנצער משפחה אינעם שטעטל, כ׳האָב געוואָלט אויף זיי משפיע זיין, אַז זיי זאָלן אויך אַוועקפאָרן.

צווישן די יידן זענען געווען — סאַדיע דער רימער, מאָטל מיטן זון, זעלדע מיטן מאַן און מיכאל, אַן אַכט יידן. זיי האָבן נישט געוואָלט אַוועקפאָרן און איך האָב זיי נישט געקענט איבעררעדן. איך בין אַוועקגעפאָרן קיין טורעץ צו מיינע פעטערס, וועלכע זענען געבליבן לעבן פון דער פאַרטיזאַנקע. דאָרטן זענען מיר געווען ביז איך האָב געבוירן דאָס קינד. 2 וואָכן נאָכן געבורט זענען מיר אַוועקגעפאָרן קיין פוילן, כדי אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל. די פעטערס האָט זיך מיר יאָ איינגעגעבן צו איבערצייגן און זיי זענען מיט אונדז געפאָרן.

אין לאַנד זענען מיר אָנגעקומען דעם 31סטן מאַי 1949. אונטערוועגס זענען מיר געווען אין עסטרייך. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן קענען אויף אַן אומלעגאַלן אופן אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל פריער, נאָר ווייל מיין קינד איז נאָך געווען קליין, האָבן מיר נישט געהאַט די מעגלעכקייט אומלעגאַל צו פאָרן. האָבן מיר געמוזט וואַרטן ביז נאָך דער מלחמת השחרור, דאַן האָבן זיך פריי געעפנט די גרענעצן און מיר זענען אַלע אָנגעקומען קיין ישראל. מיר האָבן זיך באַזעצט אין כפר־סבא.



בית־הספר העממי בקורליץ —
פאָלקס־שול אין קאָרעליטש.

דב כהן (ברל קגן)

בשלום ובימי המלחמה

למרות שאינני איש קורליץ אלא בן נובוגרודק — קשור הייתי בקורליץ קשר משפחתי אמיץ, כי בית סבתי (מצד אמא) היה שם. ביתה של סבתי חנה־גיטל גורביץ, עמד על שפת הנחל, מרוחק קצת ממרכז העיירה, בדרך המובילה למיר. אמי, שושקה קגן מבית גורביץ מוצאה, איפוא מקורליץ ורבים מבני משפחתה חיו שם וביניהם חרותים בזכרוני: דודי יושקה גורביץ עם אשתו ברינה פייגל מבית לונדין; דודתי מלכה קפושצ׳בסקי. את סבי דב גורביץ לא הכרתי, הוא נפטר לפני שנולדתי. תמונתו הגדולה היתה תלויה בביתנו תמיד ובעיני הצטיירה תמיד דמותו דוגמת ד״ר הרצל, בעל הדרת פנים וכבוד.

בימי נעורי הייתי נוסע הרבה לסבתי בקירליץ וכל נסיעה כזו היתה חוויה בעיני, אשר השאירה בלבי רשמים נעימים, רשמי נעורים — לימים רבים.

נסיעה מנובוגרודק לקורליץ בוצעה תמיד עם הלל העגלון, בעגלתו המוצעת בקפדנות בתבן טרי וריחני. לעגלה היתה רתומה תמיד הסוסה האפור־לבנה, אף היא מסודרת וממורקת ומבריקה תמיד, סוסה נבונה שידעה והבינה את נפש בעליה. מלה אחת של הלל, הספיקה כדי להריץ את הסוסה או להעמידה או כל תנועה אחרת. וכך יושב אני בעגלה העושה את דרכה דרך הכפרים הגויים המוכרים כל כך לעגלון המגוון את נסיעתו בדברי הלצה והתחכמות, כדי להראות לי „מיהו הלל העגלון״: האכרים העובדים בשדות זוכים לברכתו של הלל „פומהי־בוך״ (אלהים בעזרתך) היוצאים משובשים מפיו (בכוונה ביידיש) „איין בראָך״ (מגפה על ראשך) והאכר עונה „ספסיבו״ (תודה) והלל צוחק בכל פה. בית סבתי היה בית ישן ומראו מבחוץ עלוב למדי, בית נמוך וכפוף עם גג תבן שהוחלף בסוף ימיו לגג של רעפים. אך בבית מבפנים היתה חמימות ונקיון. חלק מהבית היה אַפילו ללא רצפה. מסביב לבית היה גן ירק בגודל של כחמשה דונמים. מגן זה הוציאה סבתי את מחיתה.

בבית של סבתא היתה עלית גג שהעליה אליה היתה לא במדרגות רגילות, אלא על ידי סולם ישן ורעוע שעמד שם. בזכרוני עולה הסיפור הקשור בעלית גג זו עם הדוד יושקה. סיפור שהיה נפוץ בבית סבתא על אומץ לבו של דודי יושקה: הדבר היה בימי מלחמת העולם הראשונה. הדוד יושקה שהיה אז עלם צעיר הסתתר בעליית הגג מפחד הגיוס לעבודה על ידי הקוזאַקים שהיו בעיר. והנה אירע, שקוזאק הגיע לחיפוש אחרי אנשים לעבודה ובחיפושיו הגיע לעלית הגג בנסותו לעלות בשלבים הרעועים של הסולם אל העליה. יושקה שישב למעלה בראותו כי כלו הקיצין, החליט החלטה נועזת: בהגיע

ה„קוזאק״ לקצה הסולם, דחף את הסולם והפילו עם ה„קוזאק״. ההוא נבהל ולא תפס פשר הדבר. האנשים בבית אמרו לו כי מאז ומתמיד היו בעליה זו שדים ורוחות ואיש אינו מהין לעלות לשם. הדבר השפיע והאיש הסתלק. וכך ניצל יושקה מגיוס לעבודה ומידיו של ה„קוזאַק״.

כשגדלתי קצת, ניסתי לתהות על קנקנו של דודי יושקה, על פרטי הסיפור היפה ועל אמיתותו, אך הוא פטרני תמיד בתנועת ביטול, כאילו אינו מייחס חשיבות לדברים כאלה.

סיפורים מסוג זה שקלטתי אותם בקורליץ בביקורי שם, הוסיפו בעיני משנה חן לאהבתי את קורליץ והסיפורים נשארו אתי כמשהוא מיוחד מהשובבי ורוח הנעורים מהמקום הזה.

ליד סבתי גרה משפחת הפיבליביצים. בגלל יחסי השכנות הטובה היו אלה בעיני כחלק מהמשפחה. לנו היה ידוע רק שם הכינוי של ראש משפחה זו „מיקה״; בעל זקנקן קטן ובעל אשה נמוכה וזריזה אשר פחד מפניה. למיקה זה היו שני בנים, האחר — עזרא — שהיה בחור גדול, היה מלעיט אותי בסיפורים משונים ואף מכניס אותי בסוד סיפורי האהבה שלו, אך אני קטן הייתי עדיין ולא הבנתי הרבה בענינים אלה.

**
*

התקופה השניה בחיי הקשורה עם קורליץ, היתה תקופת האימים של מלחמת העולם השניה, תקופת החורבן אשר עם פרוץ המלחמה לא הבינו ולא שיערו את מימדיה. אני גדלתי והייתי לאיש ובפרוץ המלחמה החל כל איש וכל משפחה יהודית לעשות את חשבונה: לאן לברוח?; היכן להסתתר „עד יעבור זעם״. אך הזעם הזה לא עבר עד שכילה כמעט את הכול. במשפחתנו בנובוגרודק החלו לטכס עצה ולחשוב: באיזה מקום יכולים להיות בטוחים יותר? במקום קטן או בעיירה גדולה יותר וכך הוחלט במשפחתנו לשגר משלחת לקורליץ: יצאנו דודי יאַנקל קאַגאַן, דודני אידל קאַגאַן ואני בדרכים עקלקלות וברגל לקורליץ. הגענו לבית סבתי אחרי ליל אימים של הליכה והתחמקות ממשמרות הגרמנים, והנה כעבור יום הוצאנו על ידי הגרמנים ביחד עם כל יהודי המקום אל ככר השוק. הככר המתה מקלגסי הגרמנים אנשי הגסטפו והס.ס. ועוזריהם — אנשי המשטרה המקומית, אשר במכות ובגידופים העמידו את היהודים בשורות צפופות, בני נוער, נשים וזקנים כשפני כולם אומרים פחד וחוסר אונים. והנה מוליכים הגרמנים גם את הרב המקומי. פני הרב הפקחיים קורנים מול פני הקהל הרב. הוא כאילו רצה להפיח בהם תקווה, אמונה ואומץ לב. בהסתכלי כך בפני הרב הגאה ובעל הדרת הפנים, הבנתי את מבטו, כאילו היה משמיע נאום חוצב להבות בפני הקהל האובד והאומלל: פניו הזכירו את שנות ההיסטוריה הרבות של העם היהודי, שנים זרועות עינויים ורדיפות ו...תקווה. את מחשבותי הפסיקה קריאה שהשמיע אחד מנכבדי העיירה לפי צוו הגרמנים. הוא קרא רשימה מוכנה של נכבדי העיר אשר נצטוו לעזוב את השורות ולעבור למקום מיוחד שסומן למענם

ואין איש יודע היכן המקום הבטוח יותר: בין השורות שנפקדו והוצאו לפינה מיוחדת או בשורות הצפופות שנשארו על עמדם. הקלגסים הנאציים אינם מסתפקים בזאת: לאחר קריאת הרשימה, הם עוברים בין השורות הצפופות ובבעיטות וגידופים מוציאים אנשים נוספים ודוחפים אותם לעבר האנשים אשר נפקדו זה עתה וגם הרב צורף אליהם. לאחר שנגמר המחזה השטני הזה, מפזרים הגרמנים את הקהל הנותר במכות ובצעקות.

כל האנשים האלה שהוצאו לפי רשימה מהשורות, הועברו למשך הלילה למעצר במרתף בית הכנסת של העיירה ולמחרת הועברו לנובוגרודק, שם הוצאו להורג באותו יום ביריות ליד היער.

עזבנו את קורליץ למחרת היום וחזרנו לנובוגרודק ולא שבתי לראות את קורליץ יותר.

נפגשתי עוד במשך שנות המלחמה עם בני קורליץ ביערות הפרטיזנים במאבקנו נגד הגרמנים וכולם הצטיינו בעוז רוחם במלחמה העקובה מדם עם הנאצים ובהחלטתם הנחושה לנקום את נקמת דם אחיהם ומשפחותיהם.

בן־עיר

אויפן ראנד פון חורבן

— ווען די סאָוויעטן זענען אַריין אין שטעטל האָבן זיי אַרויסגעפירט די סוחרים. אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט אַ מאַנופאַקטור קראָם, ווו איך האָב געאַרבעט, האָב איך זיך איבערגעוואָרפן אויף מאָלעריי־אַרבעט. אַרויסגעפירט האָט מען די רייכערע סוחרים.

אין קאָרעליטש זענען געווען וויניק שטובמאָלער און אַזוי ווי איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַלס מאָלער, האָט מען מיך געדאַרפט האָבן, האָט מען מיך פאַרהאַלטן ביז דער לעצטער מינוט. אַזוי אַרום בין איך ניצול געוואָרן און מען האָט מיך נישט אַרויסגעפירט קיין רוסלאַנד.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די סאָוויעטיש־דייטשע מלחמה, זענען די סאָוויעטן אַנטלאָפן. אין שטעטל איז געוואָרן אַן איבערקערעניש, ווי אין צייט פון קריג.

מען האָט געהערט, אַז די דייטשן דערנענטערן זיך צו אונדזערע געגנטן. ס׳איז געוואָרן אַ פּאַניק. יעדער האָט געטראַכט, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. פיל מענטשן זענען געלאָפן קיין רוסלאַנד, און צווישן זיי אויך איך מיט מיין ברודערקע גבריאל אויפן וועג צווישן מיר און סטאָלפּצי האָבן מיר געטראָפן פיל מענטשן אויף מאַשינען און פוסגייער. ס׳זענען געווען פאַרווונדעטע און געהרגעטע. די דייטשן האָבן אונדז נאָכגע־יאָגט מען האָט געזאָגט, אַז זיי פאַרברענען די בריקן און צעשטערן די וועגן, אַזוי אַז מיר

װעלן נישט קענען קומען צוריק קיין קאַרעליטש און אויך קיין רוסלאַנד װעלן מיר נישט אָנקומען. מיר האָבן באַשלאָסן זיך אומקערן צוריק.

סוף יוני 1941 זענען אַריין קיין קאַרעליטש די דייטשן. אַ פּאָר טעג איז געװען הפקר. די קריסטן פלעגן קומען מיט זעק און מיט פורן, פלעגן ראַבירן און שלאָגן יידן. װאָס מען האָט זיי געגעבן האָט נישט געהאָלפן. זיי האָבן ראַבירט יידיש גוטס און האַרעװאַניע.

אין יוסף בערנשטיינס הויז האָט זיך איינגעשטעלט אַ קאָמענדאַנטור. דער אָנפירער פון פּאָסטערונעק איז געװען קאַספּעראָװיטש, אַ קריסט פון קאַרעליטש. נאָכער האָט אים פאַרביטן סטראַשקע און נאָך סטראַשקען איז געװאָרן דרוטשקע. זיי האָבן אונטערליגן דער דייטשער װערמאַכט. די נעמען פון די דייטשן זענען געװען: בירקהאָף און ערהאַרד.

אין אַ צװייטן מויער גיטלין זענען געװען ס.ס.־לייט מיטן אָנפירער הענצ׳יקע. ער איז געװען אַ בלוטזויגער, פון די איבעריקע געדענק איך נישט זייערע נעמען. מען האָט געשלאָגן יידן מכות־רצח.

גלייך האָט מען געהייסן די יידן שאַפן אַ יודנראַט. דער יודנראַט איז געװען אין רבס הויז. דעם רב װערניק האָט מען געצװאונגען צו זיין ראש פון יודנראַט. צו זיך האָט ער צוקאָאָפּטירט: שמעון זעלאַװיאַנסקי, משהקע קיװעלעװיטש און ברוך שימשעלעװיטש. דער סעקרעטאַר איז געװען ליפּקאַ, אַ בעזשעניעץ.

דער יודנראַט האָט געקריגן באַפעלן. דאָס ערשטע — אַ קאָנטריבוציע, גאָלד, װערט־זאַכן זאָל מען זיי צושטעלן. אין פאַל, װען מען זאָל זיי נישט צושטעלן — װערן אַלע געהרגעט. יידן האָבן געטראָגן װאָס מען האָט נאָר געהאַט. אַזוי האָט זיך איבער־געחזרט עטלעכע מאָל. װען דער ס.ס.־מאַן פלעגט קומען נאָך די קאָנטריבוציעס, האָט דער רב געקריגן קלעפּ.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז איינגעשטעלט געװאָרן אַ געטאָ. די יידן פון קאַרעליטש, װאָס זענען געבליבן, האָט מען קאָנצענטרירט אין אַ צװיי שטאָקיק הויז, װאָס האָט געהערט צו ליפשיצן. ביי דעם הויז זענען געװען נאָך עטלעכע הייזער. די ענגשאַפט איז געװען גרויס. מען איז געשלאָפן אויף דער ערד, און נאַרעס איינע איבער דער צװייטער.

צו אונדז אין געטאָ האָט מען געבראַכט פון דער אַרומיקער געגנט איינציקע פאַמיליעס, װעלכע האָבן געלעבט אין די אַרומיקע דערפער, װי פון פּאַלוזשע, מייצעט, פּאַלינוי, שעפּעטניצע און מאַנדזין.

קיין עסן האָט מען זיי נישט געלאָזן מיטנעמען. מען האָט געהונגערט, זיך געטיילט איינער מיטן צװייטן, װאָס מען האָט געהאַט. מען האָט זיך אָנגעהויבן צוגע־װוינען צום לעבן.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז געקומען דער באַפעל, אַז אַלע מענער מוזן זיך שטעלן אין מאַרק. פיל מענער זענען אַנטלאָפן פון די קלעפּ פון די דייטשן אין די נאָענטע ערטער אַרבעטן, ווי אין פריזשנעוויטש, אָדער אַרבעטן אין די הייפן אַן געלט, אַבי נישט צו קריגן קיין קלעפּ.

יענעם טאָג, ווען די מענער האָבן זיך געדאַרפט צושטעלן אויפן מאַרק (אין יולי, אָדער אויגוסט מאָנאַט), האָב איך זיך געפונען אין פריצ׳עניעוויטש, אַ הויף 3 ק״מ פון קאָרעליטש, כ׳האָב געאַרבעט, פּלוצלינג האָב איך דערהערט, אַז אַ פרוי איז געקומען צולויפן און געפאַלן. געווען איז דאָס דוואָשקע גאַנצעוויטש. זי האָט אונדז געזאָגט:

— קינדערלעך, מענער, לויפט גיך אין שטעטל, אין מאַרק, ווייל טאָמער עס וועט פעלן איין מאַן, וועלן אַלע מענער געשאָסן ווערן. אירע קינדער משה־דוד און איצע־בערל האָבן אויך געאַרבעט. מיר די אַלע וועלכע האָבן זיך געפונען אין פריצ׳עניעוויטש, זענען גיך געלאָפן און אָנגעקומען אינעם שטעטל. אַלע מענער זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אַנטקעגן די קראָמען. דייטשן און פאָליציי מיט געווער און מאַשינען זענען געשטאַנען אַרום און אַרום. אויך מיר זענען געוואָרן איינגעשלאָסן אין די רייען.

אין אַ 10—15 מינוט אַרום האָט אַ דייטש, אַן ס.ס.־מאַן, אָנגעהויבן צו לייענען פון אַ צעטל, וואָס די שקצים האָבן אים צוגעשטעלט. ער האָט געזאָגט, אַז די מענטשן, וועלכע ער וועט איצט אויסרופן, זענען נוצלעכע יודן, וועלכע מען דאַרף האָבן און זיי וועלן בלייבן לעבן. די אַלע יידן, וועלכע מען האָט אויסגערופן האָט מען אַרויפגעזעצט אויף די מאַשינען.

איך געדענק מיכל שוסטער, וועמענס זון ראובן איז געווען אַ יונגער יונגל, געאַרבעט אַלס פאַריקמאַכער, האָט מען אין דער ליסטע נישט אַריינגעשטעלט און אַזוי ווי די 105 מענטשן וועלכע מען האָט אויסגערופן וועלן בלייבן לעבן, האָט זיך דער טאַטע געבעטן ביים דייטש, ער זאָל רחמנות האָבן און אויך נעמען זיין זון, ווייל ער איז אַ פעיקער און נוצלעכער. דער דייטש האָט אים געענטפערט, אַז ער דאַרף אים נישט, ווייל ער איז נאָך יונג.

די 105 מענטשן האָט מען אַוועקגעפירט אין בית־המדרש. די איבעריקע, וועלכע זענען געבליבן שטיין אויפן מאַרק, האָט מען געגעבן קלעפּ און צוטריבן.

פון בית־המדרש האָט מען די 105 יידן אַוועקגעפירט קיין נאָוואָגרודעק, וווּ מען האָט זיי געהרגעט.

ווען די 105 האָבן זיך געפונען אין בית־המדרש, האָט די טאָכטער פון וועלוועלען, העניע, געוואָלט אַ קוק טאָן דורכן פענצטער אויף איר מאַן משקה און זיך שיידן מיט אים צום לעצטן מאָל, האָט מען צו איר געשאָסן און פאַרוווּנדעט. אויך רבקה סלוצקי איז געוואָרן פאַרוווּנדעט.

צו די יידן קיין קאָרעליטש פלעגן קומען קריסטן און איבערגעגעבן גרוסן פון די

יידן, וועלכע מען האָט אַרויסגעפירט. זיי האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן נישט וואָס צו עסן און בעטן אויך מען זאָל זיי שיקן זאַכן. די יידן האָבן צונויפגעקליבן דאָס לעצטע און געשיקט צו זייערע מענער, און קינדער. אָבער געווען איז דאָס אַ ליגן. די קריסטן פלעגן צונעמען די זאַכן און דאָס עסן פאַר זיך. ווייל ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט, האָט מען די 105 מענער גלייך געשאָסן אין די קאַשאַרן.

— אויסער דעם, וואָס זיי האָבן געמאַכט פיל שוועריקייטן און געשלאָגן, האָט מען אויך אַרויסגעשיקט עטלעכע טראַנספּאָרטן. 3 טראַנספּאָרטן האָט מען אַרויסגעפירט קיין דוואָרעץ אין לאַגער. דאָס איז געווען אַ לאַגער פון „ט.א.ד.ט". אין לאַגער האָט מען געאַרבעט.

אויסער דעם האָט מען אַרויסגעפירט אין געטאָ נאָוואָגרודעק.

— געגנוי וויפל יידן האָבן געלעבט אין געטאָ קען איך נישט זאָגן. כ׳גלויב, אַז בערך איז אין געטאָ געווען ביי אַ 300 מאַן. דער געטאָ איז געווען אַרומגעצאַמט אַרום און אַרום מיט דראָטן. פּאָליציי, אונטער דער אָנפירונג פון דייטשן, האָט געהיט. דאָס איז געווען ווייסרוסישע פּאָליציי, אָנגעטאָן אין דייטשע מונדירן.

איך געדענק אַ פאַל: 2 בעזשענצעס, וועלכע זענען געקומען קיין קאָרעליטש, האָבן געפרעגט די דייטשן, צי מען קאָן פאָרן אין דריטן רייך, ד.ה. קיין ביאַליסטאָק. האָט מען זיי אָנגענומען פאַר שפּיאָנען און זיי געבראַכט אין בית־המדרש. מען האָט גערופן דעם רב אַהין און די 2 האָט מען אין בית־המדרש געשאָסן. דאַן האָט מען זיי אַריינגעלייגט אין אַ ליילעך און צוזאַמען באַגראַבן. דער רב האָט זיך געבעטן, אַז דעם מאַן זאָל מען לייגן באַזונדער און דער פרוי באַזונדער, אָבער דווקא ווייל דער רב האָט אַזוי געוואָלט האָט מען זיי געלייגט צוזאַמען. געווען איז דאָס, אָדער ענדע 1941, אָדער אָנהויב 1942.

אין נאָוועמבער, אָדער דעצעמבער 1942 האָט מען פון קאָרעליטש אַרויסגעפירט דעם לעצטן טראַנספּאָרט יידן און קאָרעליטש איז געוואָרן יידן־ריין. אויך דער לעצטער טראַנספּאָרט איז געגאַנגען אין געטאָ נאָוואָגרודעק.

כ׳וויל נאָך צוגעבן וועגן דעם באַרבאַריזם פון די דייטשן. ווען מען האָט געשאָסן די 2 יידן אין בית־המדרש און דער רב איז געווען דערביי, האָט מען אַרויסגעטראָגן די ספרי־תורות אויפן גאַס, אויף די בענק און טישן. דעם רב האָבן זיי אַריינגענומען אין מיטן, געצופּט זיין באָרד, אים געשלאָגן און אַלץ האָט מען פאַרברענט. נאָכער האָט מען דעם רב געבראַכט אויפן שול־הויף. אויף דעם שול־הויף איז געווען אַ ברונעם, דאָס וואַסער האָט מען געצויגן מיט אַ קייט. דעם רב האָט מען אָנגעשטעלט ביים ברונעם און אים געהייסן ציען דאָס וואַסער מיטן עמער. דערביי האָבן זיי זיך איבער אים איזדיקעוועט ביז דער רב איז געפאַלן.

צום סוף האָט מען דעם רב געמאַכט פאַר אַ קאָמוניסט און אים אַרויסגעפירט מיט

דער גרופּע „קאָמוניסטן״ קיין נאָוואָגרודעק און אים געשאָסן צוזאַמען מיט דער גרופּע נעבן די קאַשאַרן.

וויניק איז געבליבן פון האָב און גוטס ביי די יידן. איינצלנע, באַקאַנטע קריסטן, פלעגן קומען צו די דראָטן און ברענגען אַ לעבל ברויט, אַן איי און ביי די יידן צונעמען דאָס לעצטע. איך האָב געאַרבעט אַלס מאָלער־מייסטער אויסערן געטאָ. וואָס כ׳האָב פאַרדינט, האָב איך אַריינגעפירט אין געטאָ, און איינער האָט זיך געטיילט מיטן אַנדערן, מיטן שפּייז וואָס ער האָט געקענט קריגן דורך זייטיקע וועגן.

איך בין אַנטלאָפן פון קאָרעליטש קיין דוואָרעץ אין לאַגער, מיט עטלעכע טעג פריער, איידער קאָרעליטש איז געוואָרן יידן־ריין. ווייל כ׳האָב געהערט, אַז פון דוואָרעצער לאַגער קאָן מען אַנטלויפן אין פּאַרטיזאַנקע.

מיר איז נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען זיך אַריינצוקריגן אין דוואָרעצער לאַגער. בייטאָג בין איך אָנגעקומען אין אַ וואַלד. דער לאַגער איז געווען געהיט פון פּאָליציי און בייטאָג האָב איך נישט געקענט אַריינגיין אין לאַגער. צו מיין גליק האָב איך געזען פון וויטן אַ פּאָר ייִנגלעך. כ׳האָב דערקענט איינעם: יצחק סטאָלערס אַ זון, וועלכער איז געווען אַ טשעשלער און געאַרבעט אין דוואָרעץ. כ׳האָב די ייִנגלעך צוגערופן מיטן האַנט. זיי האָבן זיך דערנענטערט און כ׳האָב געבעטן מיין באַקאַנטן ייִנגל, ער זאָל איבערגעבן זיין טאַטן אַ פּאָר ווערטער פון מיר. דאָס ייִנגל איז גלייך אַנטלאָפן. איך האָב געוואַרט און געקוקט צווישן דיביימער. פון דער וויטן האָב איך באַמערקט יצחק סטאָלער גייט מיט אַ האַק און מיט אַ זעג. ווען ער איז צוגעקומען צו מיר, האָבן מיר זיך ביידע צעוויינט. איך האָב אים דערציילט וואָס פאַראַ צרות כ׳בין דורכגעגאַנגען און ווי אַזוי כ׳בין אָנגעקומען אַהער.

מיר האָבן ביידע אויסגעשניטן אַ בוים און צוזאַמען אַריינגעטראָגן אויף אונדזערע אַקסלען דעם בוים אין לאַגער. דאָס איז געווען אַ באַווייז אַז מיר גייען ביידע פון דער אַרבעט. ער איז געווען באַקאַנט אין דוואָרעצער לאַגער. גלייך ווי איך בין אַריין אין לאַגער בין איך געוואָרן איינגעשלאָסן צווישן אַלע אַרבעטער. יצחק סטאָלער האָט מיר אַריינגענומען און צוגעשריבן אין זיין גרופּע טשעשליאַרעס, כדי איך זאָל קריגן אַ ביסל מער גרויפּן און אַ שטיקל ברויט.

אין דוואָרעצער לאַגער בין איך געווען עטלעכע מאָנאַטן.

גענוי וויפל יידן זענען געווען, קען איך נישט זאָגן, ווייל כ׳בין דאָרט געווען אַ קורצע צייט און אַנטלאָפן קיין נאָוואָגרודעק, זומער 1942.

אין נאָוואָגרודעק האָב איך געאַרבעט אַלס מאָלער־מייסטער. צו דער אַרבעט האָט מען מיך געפירט אינטער אַ וואַך. כ׳געדענק, אַז כ׳האָב געאַרבעט אין אַ קלויסטער ביי אַ גלח, וועלכער פלעגט אונדז נאָך דער אַרבעט געבן אַ שטיקל ברויט, אויך אַ מאָל

אַ פּאָר אייער, אַ הינדל. מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט האָט ער אונדז געהאָלפן. מיט דעם האָבן מיר זיך דערנערט: איך, מיין ברודער גבריאל און די מאַמע.

אַפזייענדיק אַ שטיקל צייט אין נאָוואָגרודעק, האָט די מאַמע צו אונדז געזאָגט: קינדערלעך אַנטלויפט, אפשר וועט ווער פון אייך בלייבן לעבן, ס׳זאָל בלייבן אַן אָנדענק פון אונדזער משפחה. איך בין קראַנק און קען מיט אייך צוזאַמען נישט גיין.

איך מיט מיין ברודער האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפן, אפשר וועלן מיר זיך ראַטעווען פון געטאָ, ווו מיר זענען געווען, האָט מען נישט געקענט אַנטלויפן, האָבן מיר אָנגעהויבן צו קלערן, וואָס צו טאָן.

מיר זענען אַנטלאָפן קיין פערעשקער געטאָ, פון פערעשקע זענען מיר מיט אַ גרופּע אַרויס נאָך וואַסער. קומענדיק צום וואַסער, האָבן מיר זיך באַהאַלטן צווישן די קוסטעס. אַלע זענען אַוועק און מיר זענען געבליבן זיצן. מיר האָבן געטראַכט, ווי אַזוי אַנטלויפט מען פון דאַנען.

מיר זענען אַנטלאָפן און אָנגעקומען צו קריסטן אַרום נאָוואָרגרודעק. מיר האָבן געבלאָנקעט איבער דערפער, געבעטן אַ שטיקל ברויט. אין צווישן בין איך פאַרוווּנדעט געוואָרן פון אַ דייטשן עראָפּלאַן און אויך פון פּאָליציי.

אַזוי בלאָנקענדיק האָב איך געטראָפן קאָרעליטשער ייִנגלעך, פּאַרטיזאַנער פון בעלסקיס אָטריאַד, בענטשע גולקאָוויטש און חיים אַבראַמאָוויטש דערזעענדיק זיי, האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ נייע וועלט. זיי האָבן מיר מיטגענומען צו ביעלסקין. ביי ביעלס־קין האָט מיר ד״ר איסלער געגעבן די ערשטע הילף און איך בין ביסלעכווייז געקומען צו זיך.

כ׳בין איינגעשלאָסן געוואָרן אין די רייען פון דער ראַזוויעדקע (אויסשפּירער). צום סוף האָב איך באַקומען אַ באַפעל צו ווערן קאָמאַנדיר פון דער ראַזווועדקע. איך אַליין בין נישט געווען מסוגל צו געבן יענעם באַפעלן כדי יענער זאָל אויספירן. כ׳פלעג שטענדיק אַליין גיין אויספירן די אויפגאַבעס.

בעלסקי האָט מיר גערופן צו זיך און געזאָגט, אַז ער האָט מיר נישט געהייסן פאָרן אַליין, אָבער איך האָב געבעטן בעלסקין, אַז כ׳וויל נישט זיין קיין קאָמאַנדיר. כ׳האָב זיך אָפּגעזאָגט. אָבער אין דער ראַזווועדקע בין איך פאַרבליבן.

מיר האָבן אויסגעפירט אַלערליי אויפגאַבעס. מיר זענען אַפילו איין מאָל געפאָרן אַרום קאָרעליטש.

דער אָטריאַד האָט געציילט אַ טויזנט צוויי הונדערט מאַן, אַלע יידן. עסן איז געווען זייער ווייניק, אויך באַוואָפנטע מענטשן זענען געווען זייער ווייניק, ווייל מערסטן באַוואָפנטע האָט מען צוגענומען אין אָטריאַד אָרדזשעניקידזע. מערסטן טייל זענען געווען פרויען, עלטערע מענער. סך־הכל זענען געווען אַ 120—150 פּאַרטיזאַנער מיט געווער. מיר האָבן זיך געפונען אין דער נאַליבאָקער פּושטשע. אין דער פּושטשע

זענען געשטאַנען אַ סך אַטריאַדן. עסן איז געווען זייער שווער צו קריגן. אויך האָט מען אַרום דער געגנט נישט געטאָרט גאָרנישט נעמען. מען האָט געמוזט פאָרן אין די ווייטע־רע ערטער, וואָס זענען געווען נאָענט צו די דייטשן.

מיר זענען אַריינגעפאָרן אין אַגראַדניק (אַ דאָרף), איין ק״מ אָדער אַנדערטהאַלבן פון קאָרעליטש. (מיר האָבן גלייך דערקענט דעם גלח און דעם וועטערינאַר). די חברה, וואָס איז געווען אין דרויסן, האָט גאָרנישט געקלערט, גענומען פורן און אַרויפגעלייגט אויף זיי, וואָס נאָר זיי האָבן געקענט. ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן מיט אַ 10 פורן, האָט די פּאָליציי, וואָס איז געשטאַנען אין הויף, גענומען אונדז באַשיסן. מיר זענען קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן און אַלץ איבערגעלאָזן.

צוריקפאָרנדיק זענען מיר אַריינגעפאָרן אין דערפער, ווייל מיר האָבן זיך געשעמט צו קומען אין אַטריאַד מיט גאָרנישט. אין אַטריאַד זענען מיר געקומען מיט אַ גרויסן רכוש.

צוריק קומענדיק האָבן מיר דערציילט בעלסקין און ער האָט באַוווּנדערט אונדזער העלדישקייט און איז געווען צופרידן, וואָס מיר האָבן זיך געראַטעוועט.

— אין דער נאַליבאָקער פּושטשע זענען אויסער פּאַרטיזאַנער אויך געווען ווייסע פּאָליאַקן.

די דייטשן האָבן געמאַכט אַ בלאָקאַדע און איך האָב באַקומען אַ באַפעל פון ביעלסקין, פאָרן אַ קוק טאָן, ווער ס׳איז דאָ אַרום. שטענדיק האָבן מיר געהאַט קאָנטאַקטן מיט קריסטן, וואָס פלעגן אונדז איבערגעבן ידיעות. איך בין אַרויסגעפאָרן מיט חיים קראַוועץ און באַרקע רוביזשעווסקי. מיר זענען געפאָרן פאַמעלעך און אָנגעקומען צו אַ קריסט. איידער מיר פלעגן אַריינפאָרן אין דאָרף, פלעגן מיר זיך אָפּשטעלן ביי דער ערשטער שטוב, זיך דערוויסן צי ס׳זענען נישטאָ קיין דייטשן אין דאָרף. דער קריסט האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז אין דאָרף איז שטיל און קיינער איז נישטאָ. מיר זענען געפאָרן ווייטער און מען האָט אויף אונדז געעפנט אַ הוראַגאַן־פייער. דאָס האָבן געשאָסן די ווייסע פּאָליאַקן.

איך געדענק אַ פאַל, ווען בעלסקי האָט פאַרופן דער גרופּע ראַזוועדטשיקעס מיט מיר בראש און האָט געזאָגט, אַז אין דאָרף איזווע געפינט זיך אַ פויער, וועלכער גיט איבער די דייטשן, ווו יידן און פּאַרטיזאַנער געפינען זיך. אונדזער אויפגאַבע איז געווען אויסהרגענען דער גאַנצער פאַמיליע.

מיר זענען אַוועקגעפאָרן אַהין. אונדזער גרופּע איז באַשטאַנען: די ברידער לובאַוויטש, בן־ציון גולקאָוויטש און ישראל סאלאנטער (אַזוי האָט מען אים גערופן אין דער פּאַרטיזאַנקע). ביים קריסט האָב איך אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. די קריסטן האָט אונדז געעפנט. די פערד האָבן מיר איבערגעלאָזן אין וואַלד. אין שטוב איז געווען בלויז די קריסטן מיט 2 קינדער. דער עיקר איז אונדז געגאַנגען אין איר מאַן. זי האָט געזאָגט,

אַז דער מאַן געפינט זיך נישט אין שטוב. מיר האָבן איר געזאָגט, אַז מיר זענען אירע גוטע פריינט, אפשר דאַרף זי עפּעס האָבן, ס׳איז דאָך קריג און מען קאָן נישט באַקומען וועלן מיר איר אַלץ ברענגען. זי האָט געענטפערט, אַז זיי ווילן זיך בויען. אַז מיר וועלן איר ברענגען אַ זעג, וועט זי אונדז אַלץ געבן, וואָס מיר וועלן נאָר וועלן. ווען מיר וועלן ברענגען די זעג, וועט אויך זיין דער מאַן און מען וועט מאַכן אַ גוטן שנאַפּס.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט איר און צוגעזאָגט צו ברענגען, וואָס זי דאַרף. מיר האָבן זיך געזעצט אין וואַלד אויף די פערד און אַוועקגעפאָרן קיין סטאַנקעוויטש צו אַ קריסט. מיר האָבן אים געבעטן אַ זעג און צוגעזאָגט אָפּצוברענגען. ער האָט אונדז אַ זעג געגעבן. ווידער זיך געזעצט אויף די פערד און אַוועקגעפאָרן.

געקומען צוריק צו דער גויע. איך האָב ווידער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. מיט דער זעג האָב איך אַ קלאַפּ געטאָן אָן שוועל. אַז מען גיט אַ קלאַפּ מיט אַ זעג, גיט זי אַ קלונג. אַז די גויע האָט דערהערט דעם קלונג פון דער זעג, האָט זי אונדז גלייך געעפנט. אין שטוב איז ווידער נאָר געווען די פרוי מיט די 2 קינדער.

צוויי חברה פון די פּאַרטיזאַנער זענען שטיין געבליבן אויף דער גאַס, כדי צו היטן, אַז דייטשן זאָלן נישט באַפאַלן. אין שטוב זענען אַריין 4 חברה: די 2 ברידער לובאָוויטש, ישראל סאַלאַנטער און איך. מיר האָבן איר געגעבן די זעג. זי האָט אונדז געפרעגט, וואָס זי זאָל מאַכן צום עסן. מיר האָבן איר געזאָגט, אַז אַלץ איז גוט און פיין, אָבער מיר ווילן רעדן מיטן מאַן. זי, זעענדיק, אַז אַלץ איז ריכטיק, אַז מיר האָבן צוגעזאָגט צו ברענגען אַ זעג, האָבן מיר געבראַכט, האָט געעפנט דעם פענצטער און אַ רוף געטאָן דעם מאַן.

פאַרויס האָבן מיר צווישן זיך יעדן איינעם צוגעטיילט זיין אויפגאַבע, וואָס ער דאַרף טאָן: ישראל סאַלאַנטער דאַרף הרגענען איר מאַן; מיכל לובאָוויטש דאַרף הרגע־נען דער פרוי; איך — איין טאָכטער און זלמן לובאָוויטש דער צווייטער טאָכטער.

דער מאַן איז אַריין. ישראל סאַלאַנטער האָט זיך גענומען צום געווער. דער גוי איז געווען זייער אַ געזונטער און האָט זיך גענומען ראַנגלען מיט ישראלן און זיי זענען געפאַלן אין מיטן שטוב. דאָס זעענדיק האָב איך געוואָלט אים שיסן מיט מיין ביקס, אָבער כ׳האָב מורא געהאַט, אַז שיסנדיק אים, וועל איך אויך הרגענען ישראלן. כ׳האָב איבערגעדרייט די ביקס און אים דערלאַנגט מיטן האַלץ איבערן קאָפּ. דאָס האָלץ האָט זיך צעבראָכן. ער האָט אָפּגעלאָזן ישראלן. דאַן האָט ישראל אַרויסגענומען זיין פּיסטאָלעט און אים געשאָסן.

די פרוי האָט זיך געבעטן, מען זאָל זי נישט שיסן, זי וועט געבן אַלץ וואָס זי האָט. אָבער געלט האָט ביי אונדז נישט געשפּילט קיין ראָל. מיכל האָט זי געשאָסן. איך האָב געשאָסן איין טאָכטער, וועלכע האָט זיך באַהאַלטן אין בעט און זלמן לובאָוויטש האָט געשאָסן דער צווייטער טאָכטער.

ווען מיר זענען אַרויס פון שטוב, האָבן מיר אַרויסגעלאָזן די פערד און בהמות פון

שטאָל. דאָס הויז און דעם שטאָל האָבן מיר אונטערגעצונדן. מיר האָבן געלאָזן אַ צעטל: „אַ מענטש, וועלכער אַרבעט מיט די דייטשן, קומט אַזאַ טויט". מיר האָבן זיך געזעצט אויף די פערד און אַוועקגעפאָרן אין אָטריאַד. אונדזער אַקט קעגן דער משפחה האָט אין די דערפער אָנגעמאַכט אַ גרויסע פּאַניק. קריסטן האָבן מורא געהאַט איבערצוגעבן די דייטשן, ווו די פּאַרטיזאַנער דרייען זיך. ס'איז אונדז געוואָרן אַ ביסל בעסער, ס'איז געווען לייכטער זיך צו געפינען אין וואַלד.

בעלסקי האָט אַרויסגעשיקט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער מיט גוטן געווער, כדי זיי זאָלן דורכפירן אַן אָפּעראַציע. די חברה האָבן דורכגעפירט, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. געווען איז דאָס בייטאָג און בייטאָג האָט מען נישט געקענט קומען צוריק צו דער באַזע, ווייל דייטשן האָבן זיך געדרייט אויף די וועגן. זיי זענען אָנגעקומען צו אַ כוטאָר פון אַ קריסט, ביעלארוס Bielorus, וועלכער איז געווען אַ באַקאַנטער פון דער חברה. געווען איז דאָס אַ גרופּע פון די בעסטע אין אָטריאַד. די פורן האָבן זיי אָפּגעשטעלט אויפן הויף. דער קריסט האָט זיי זייער פיין אויפגענומען. די חברה זענען געווען פאַרמאַטערט, האָבן זיי זיך געלייגט אָפּרוען.

דעם קריסטס טאָכטער האָט געבעטן אַרויסגיין, ווייל זי דאַרף מעלקן די בהמות. מען האָט איר דערלויבט גיין. דער קריסט איז דאָך אַ באַקאַנטער, זי איז אַרויס. נאָוואָ־גרודעק איז געווען נישט ווייט און זי האָט איבערגעגעבן די דייטשן.

ס'זענען אָנגעקומען דייטשן, האָבן אַרומגערינגלט דעם גאַנצן כוטאָר און אַלעמען אויסגעהרגעט. איין נס איז געשען, וואָס פאלאנסקי האָט זיך באַהאַלטן אין קאַטוך (ביי קריסטן זענען געווען גרויסע אויוונס און אונטן איז געווען דער אַזוי גערופענער קאַטוך). זעענדיק אַז ס'איז געוואָרן שטיל, איז ער אַרויסגעקראָכן פון קאַטוך און זיך אָפּגערופן צו ביעלאָרוסן, וועלכער איז געשטאַנען צעטומלט, זעענדיק אַלעמען ליגן דערהרגעט.

— וואָס קלערסטו, מיר וועלן דיר שווייגן דערפאַר?

ווי נאָר ער האָט דאָס געזאָגט, האָט דער גוי גענומען אַ האַק און אים אויך געהרגעט, דעם לעצטן יידישן פּאַרטיזאַן.

נישט ווייט האָט זיך געפונען ווישניעווסקיס גרופּע, וואָס האָט געוווּסט דערפון. בעלסקי האָט פאַרופן דעם אָטריאַד און אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך נישט דרייען אין די ערטער.

ס'איז געקומען איינער פון ווישניעווסקיס גרופּע און אָנגעזאָגט, אַז ער ווייסט, ווו די חברה איז אומגעקומען. דאָס זענען 2 ברידער ביעלאָרוס, וועלכע האָבן איבערגע־געבן די דייטשן, און צוליב זיי האָט מען געהרגעט דער גרופּע פּאַרטיזאַנער.

די פאַמיליע ביעלאָרוס האָט געוווּסט, אַז מיר וועלן נישט שווייגן, איז זי אַריבערגעפאָרן קיין נאָוואָגרודעק און דער כוטאָר איז געבליבן פּוסט. ביעלאָרוס, זעענדיק אַז די פּאַרטיזאַנער קומען נישט אין דער געגנט (און געווען איז דאָס לויטן

באַפעל פון ביעלסקין), דאָס הייסט זיי האָבן מורא, ס׳איז געוואָרן זומער און מען דאַרף באַאַרבעטן די פעלדער, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין כוטאָר.

ווישניעווסקיס גרופּע האָט זיך דערוווּסט, ווען ער איז געקומען צוריק און האָט אונדז אָנגעזאָגט. מען האָט אויסגעקליבן אַ גרופּע פון 25 מאַן און איך בתוכם. אין דער גרופּע איז געווען פּסח פרידבערג און אונדזער קאָמיסאַר. בראש פון דער גרופּע איז געשטאַנען בעלסקיס ברודער עשואל. די גרופּע האָט געדאַרפט נקמה נעמען.

גייענדיק צו ביעלאָרוסן, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דורך אַ מסירה מצד אַ קריסט, איז געהרגעט געוואָרן אַ קאַרעליטשער יינגל. דאָס יינגל איז געלאָפן איבער די דערפער און האָט צוגעגנבעט ביים קריסט אַן עמער. דער גוי איז געקומען אין געטאָ נאָוואָגרודעק. מען האָט אויסגעשטעלט די יידן און דער גוי האָט געדאַרפט אָנווייזן אויפן יינגל. ער האָט אים טאַקע דערקענט (כ׳געדענק נישט זיין פאַמיליע, געשטאַמט פון קאַרעליטש). און די דייטשן האָבן אים געשאָסן. מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל פון עשואל, אַז מיר מוזן די שטוב אונטערצינדן און די גויים אויסהרגענען. איידער מיר זענען אָנגעקומען צו ביעלאָרוסן האָבן מיר אויסגעפירט די אויפגאַבע.

ווען מיר זענען אָנגעקומען צו ביעלאָרוסן, האָט ביעלסקי געגעבן אַ באַפעל, ווער ס׳דאַרף אַריין אין שטוב, ווער ס׳דאַרף היטן, מען זאָל אונדז נישט באַפאַלן.

איך בין געווען צווישן די, וואָס האָבן געדאַרפט היטן אויף דער גאַס. ווען מען האָט אָנגעקלאַפּט אין שטוב, האָבן די קריסטן נישט געעפנט. מען האָט די טיר געעפנט מיט געוואַלד און מען האָט ביעלאָרוסן געטראָפן. אין זיינעם אַ בגד האָט מען געפונען אַן אויסצייכנונג, אַז פאַר דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן די יידן, באַקומט ער פון געביטס־קאָמיסאַר פון נאָוואָגרודעק אַ געוויסן סכום געלט. מען האָט דאָס צוגענומען און אויפ־געשריבן אַ פּראָטאָקאָל פאַרוואָס מען איז געקומען און מען פירט אויס דעם אורטייל. מען האָט געשאָסן דער גאַנצער פאַמיליע, אַרויסגעלאָזן די בהמות און פערד פון שטאַל, און פאַרברענט דאָס הויז.

אויפן וועג האָבן מיר אויף אַלע סלופּעס איבערגעלאָזן צעטלען, פאַרוואָס מען האָט אויסגעפירט דעם נקמה אַקט קעגן די 2 ברידער ביעלאָרוס און זייערע משפחות. זיי האָבן געקריגן באַצאָלט דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן די גרופּע פאַרטיזאַנער צו די דייטשן. דאַן האָבן די קריסטן פון די אַרומיקע ערטער מורא געקריגן. מיר האָבן אָנגעמאַכט אַ פּחד.

ווען די דייטשן האָבן גענומען אַנטלויפן פון די וועגן באַראַנאָוויטש—לידע, האָט בעלסקי אַרויסגעשיקט אַ גרופּע פון 12 ראַזוועדטשיקעס, וואָס האָבן באַדאַרפט אויפ־רייסן די שאָסייען. צו דער גרופּע האָט געהערט יודל לעווין, איך, אַלעק פּשעניצע, בענטשע גולקאָוויטש, די 2 ברידער לובאָוויטש, ניאמע בערקאָוויטש א.אַ. יודל לעווין איז געווען דער מינעראָוושטשיק.

מיר האָבן אָפּגעטאָן אונדזער אַרבעט און געוואָלט צוריק אָנקומען אין אונדזער באַזע. מיר זענען געפאָרן אין אַ ריי, איינער נאָכן צווייטן; איך דער ערשטער. שוין זעענדיק דעם כביש האָבן מיר פּלוצעם דערהערט: סטאָי! קטאָ יעדזשיע? (שטיין בלייבן! ווער פאָרט?) פּאַראָל! מיר האָבן קיין פּאַראָל נישט געהאַט. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס זענען קריסטן פּאַרטיזאַנער. אָבער געווען זענען דאָס וולאַסאָווצעס, וועלכע האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט די דייטשן. מיר האָבן נישט באַוויזן אַפילו זיך אויסדרייען און אויף אונדז האָט זיך געעפנט אַ הוראַגאַן־פייער.

יהושע איז גלייך אַראָפּגעפאַלן פון זיין פערד, אויך איך בין אַראָפּגעפאַלן. די איבעריקע, וועלכע זענען געפאָרן הינטער אונדז האָבן נאָך באַוויזן אויסצודרייען די פערד און זענען אָפּגעפאָרן.

איך האָב נישט געזען, ווו איך געפין זיך, האָב איך אָנגעהויבן פּאַמעלעך זיך צוען אויף דער ערד, און ווי דערשטוינט און דערפרייט בין איך געוואָרן, ווען כ׳האָב דערזען דער חברה, וואָס איז אָפּגעפאָרן בערך אַ האַלבן ק״מ פאָרויס. דערזעענדיק, אַז איך פעל, האָבן זיי געוואַרט אויף מיר. מען האָט מיך אַרויפגענומען אויף אַ פערד און מיר זענען געפאָרן ווייטער.

מיר זענען אָנגעקומען אין וויקטאָר פּאַנטשענקאָס אָטריאַד. דאָס איז געווען אַ גרופּע, וואָס האָט די ערשטע צייטן, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן בעלסקיס אָטריאַד, מיטגעאַרבעט צוזאַמען. מיר זענען ביי זיי געזעסן. זיי פלעגן ביי אונדז נעמען די פערד און פלעגן אַרומפאָרן. זיי האָבן אונדז איבערגעגעבן, אַז ס׳דערנענטערט זיך שוין די באַפרייונג.

זיצן ביי זיי, איז פאַר אונדז נישט קיין פּלאַן. יודל לעווין האָט מיר געזאָגט, ס׳איז דאָ נאָר איין אויסוועג: פאָרן נאָענט אַרום נאָוואָגרודעק.

אין נאָוואָגרודעק, זענען מיר אַרויף אויפן בית־הקברות. ער אַליין איז אַ נאָוואָגרודקער פון פאַך אַ פאָטאָגראַף. ער האָט זיך אָפּגערופן צו מיר:

— איך ווייס נישט צו מיר וועט נאָך אַמאָל אויסקומען, איך וויל אַ קוק טאָן מיין הויז און ווער איז אין מיין הויז. מיר זענען אַריינגעפאָרן אין הויף, אַוועקגעשטעלט די פערד און אַריין אין שטוב. אין שטוב האָט זיך געפונען אַ קריסט, אויך אַ פאָטאָגראַף. יודל האָט אים געפרעגט, צי ווייסט ער ווער ער איז. יודל האָט זיך פאַר אים פאָר־געשטעלט, אַז ער איז דער באַלעבאָס.

— ווייסט וואָס, פאָטאָגראַפיר אונדז! דער גוי האָט אַרויסגענומען דעם אַפּאַראַט און האָט אונדז פאָטאָגראַפירט אויפן הויף. דאָס בילד האָב איך. דאַן האָט אונדז דער קריסט געבעטן אַריינגיין אין שטוב, געפרעגט צי מיר ווילן עסן. ער האָט אונדז געזאָגט: — קינדערלעך, אַנטלויפט, ווייל דייטשן דרייען זיך אַרום אין די גאַסן, אויב אירווילט לעבן.



קאַרעליטשער אין איטאַליע.

מיר האָבן אים געגלויבט, זיך געזעצט אויף די פערד און זענען אַוועקגעפאָרן. מיר זענען אָנגעקומען אין פושטשע. דאָ האָבן מיר געהערט פון די פאַרטיזאַנער, אַז ס׳זענען שוין די לעצטע מינוטן. מיר וועלן בקרוב באַפרייט ווערן. מיר זענען געפאָרן ווייטער צו אונדזער אָטריאַד. איך בין געפאָרן דער ערשטער און יודל לעווין נאָך מיר. איך האָב געהאַט אַ רוסישע ביקס, וואָס כ׳האָב געטראָגן אויפן האַרץ. מיין פערדל איז געווען אַ קליינס. געווען איז דאָס אַ זומער־טאָג. מיר זענען געפאָרן מיט די זאַמדן אין וואַלד. פון דער ווייטן האָב איך באַמערקט, אַז ס׳גייט אַ ריי מיט דייטשן. אָבער יודל האָט נישט געוואָלט גלויבן און האָט געזאָגט, אַז דאָ אין דער פושטשע זענען נישטאָ קיין דייטשן.

געווען איז דאָס טאַקע אַ גרופּע דייטשן, וועלכע זענען געגאַנגען איינער נאָכן אַנדערן, אָפּגערוקט אַ 5—3 מעטער. ווען איך בין צוגעקומען נענטער צו די דייטשן, האָט איין דייטש אויסגעשטעלט אויף מיר זיין ביקס און מיך געוואָלט שיסן. פון גרויס שרעק האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט אויף די „סטרומיאַנעס״, וואָס מען פאָרט אויפן פערד און

מיט אַ באַוועגונג פון אַ פינגער האָב איך אַ זאָג געטאָן אין רוסיש: — וואָג נישט צו שיסן!

כ'ווייס נישט, וואָס דאָס איז געווען, אפשר מיין מזל, דער דייטש האָט אַראָפּגעלאָזן דעם ביקס. איך און יודל זענען גלייך אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערד. דער דייטש איז געבליבן און די איבעריקע זענען אַוועק פאַרויס. איך האָב געשאָסן צום דייטש, אָבער מיין ביקס האָט זיך פאַרהאַקט און נישט געשאָסן. דער דייטש זעענדיק דאָס, איז אַנטלאָפן אין וואַלד.

מיר, יודל און איך, זענען שטיין געבליבן און באַטראַכט, וואָס צו טאָן: פאַרויס גיין האָב איך נישט געוואָלט. כ'האָב נישט געוואָלט איצט פאַלן פון אַ דייטשע קויל, מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק. פאַרנדיק האָבן מיר באַגעגנט אַ סך קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן זיי אָפּגעהאַלטן און דערציילט, אַז דאָ דרייען זיך דייטשן, זאָלן זיי נישט פאָרן ווייטער. אַזוי האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן אַ גרופּע פון 50—40 מאַן. מיר האָבן באַשלאָסן איצט צו פאָרן און זיי כאַפּן, ווייל איצט זענען מיר אַ כוח. אָבער קיינעם האָבן מיר שוין נישט געטראָפן.

צופרידענע זענען מיר אָנגעקומען אין אָטריאַד. אָבער אין אָטריאַד איז געשען אַ אומגליק. ווען די דייטשן זענען אַנטלאָפן דורך דער פּושטשע איז געקומען אַ באַפעל, אַז די פּאַרטיזאַנער זאָלן אַרויס יאָגן די דייטשן. ס'איז פאָרגעקומען אַ קאַמף און דאַן זענען געפאַלן 10 פּאַרטיזאַנער.

— מיר זענען באַפרייט געוואָרן אין יוני 1944 יאָר. מיר האָבן זיך צונויפגעזאַמלט און בעלסקי האָט פאַר אונדז גערעדט. אונדזער פרייד איז נישט צום באַשרייבן. רוסישע זעלנער זענען שוין געווען אין וואַלד.

ווי געזאָגט האָט אונדזער אָטריאַד (בעלסקיס) געציילט 1200 מאַן. און טאַקע אַדאַנק טוביה בעלסקין און זיינע ברידער זענען די מענטש געבליבן לעבן. יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון אַ געטאָ, פון אַ לאַגער, האָבן געהאַט אַן אַדרעס, אַן אָרט, ווו צו קומען. דאַן איז דאָס געווען זייער וויכטיק. קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער פלעגן כאַפּן אַן אַנטלאָפענעם ייד און אים שיסן. אָבער ווען ס'איז אַנטשטאַנען בעלסקיס אָטריאַד איז געוואָרן אַנדערש, מען האָט זיך גערעכנט מיט אים.

מיר זענען אָנגעקומען אין נאָוואָגרודעק. בעלסקי האָט אויפגעקליבן אַלע פּאַרטיזאַנער און געזאָגט, אַז מיר קאָנען פאָרן ווו מען וויל. אַלע קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געבליבן לעבן האָט מען ווייטער געשיקט אויפן פראָנט. ווען מען האָט בעלסקין געפרעגט, ווו זענען די פּאַרטיזאַנער פון זיין אָטריאַד, האָט ער געענטפערט, אַז מען האָט אים געדאַרפט זאָגן פריער, ער האָט פונאַנדערגעלאָזן דעם אָטריאַד און יעדער איז זיך צופאָרן און ער ווייסט נישט ווו מען איז.

נאָך דער באַפרייונג האָב איך אָנגעהויבן צו טראַכטן, וואָס זאָל איך טאָן ווייטער.

כ'בין געקומען קיין קאַרעליטש, כדי צו געבן אַ קוק אויפן אָרט, ווו כ'בין געבוירן און ווו מיין פאַמיליע האָט געלעבט. ביי אונדז אין שטוב האָב איך געטראָפן קריסטן, וועלכע זענען געקומען פון רוסלאַנד. כ'האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז כ'בין דער באַלעבאָס פון דעם הויז. זיי האָבן מיר אויפגעקלערט, אַז זיי זענען נישט שולדיק. מען האָט זיי דאָ אַריינגעזעצט. געוועז בין איך צוזאַמען מיט גולקאָוויטשן.

לאַנג האָב איך אין דעם הויז נישט געקענט זיין. אין דעם הויז האָט דאָך געלעבט מיין מוטער און מיין ברודערקע. כ'האָב קיינעם נישט געטראָפן. כ'האָב דאָס הויז פאַרלאָזן. די קריסטן האָבן אונדז געגעבן אויפן וועג אַ לעבל ברויט און נאָך שפייז. אין קאַרעליטש האָב איך געטראָפן אַ קריסטן, וועלכע האָט אונדז דערקענט. איך האָב איר געפרעגט, אפשר זענען דאָ אין שטעטל נאָך קאַרעליטשער. זי האָט מיר געזאָגט, אַז ס'זענען דאָ אַ פּאָר: זעלדע סטאָלער, סאַדיע גערצאָווסקי (דער רימער), מאָטל אושעכאָווסקי, און מיכאל קאָגאָן (דער פעלצן־מאַכער) דאָס זענען אַלע, וועלכע זענען פאַרבליבן אין קאַרעליטש. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט זיי. זיך גוט דורכגעוויינט, און באַדויערט וואָס פון אַזאַ באַפעלקערונג אינעם שטעטל קאַרעליטש, זענען קוים געבליבן עטלעכע, געציילטע, יידן.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט קאַרעליטש. מיר זענען צוריק געפאָרן קיין נאָוואָגרודעק. דאָ האָב איך געזוכט וועגן, ווי אַזוי צו אַנטלויפן.

כ'בין אָנגעקומען קיין לאָדז. ס'האָט געדויערט צייט, אָבער כ'האָב געזוכט וועגן ווי אַזוי צו קומען קיין ארץ־ישראל. פון לאָדז דורך דייטשלאַנד און עסטרייך, בין איך אָנגעקומען קיין איטאַליע.

אין איטאַליע האָב איך זיך געטראָפן מיט געוועזענע פאַרטיזאַנער. כ'האָב זיך געטראָפן מיט קאַווענסקי, וועלכער האָט מיר געוואָלט איבערגעבן זיין אַרבעטס־פּלאַץ. כ'האָב געשאַפן דעם ערשטן קיבוץ אין אַקווה סנטה — נאָכער אַנציאָ נאָטונאָ פון פאַרטיזאַנער. איך האָב געאַרבעט אין ועד. כ'בין געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן „דזשאינט", באַזאָרגט עסן פאַר דער גרופּע.

אין יאָר 1947 בין איך געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. געפאָרן בין איך צוזאַמען מיט יאַשקע מאַזאָוויעצקי און דוד פּליטניק. מיר האָבן געדאַרפט אין דייטשלאַנד אָרגאַניזירן גרופּעס, וואָס זאָלן פאָרן קיין ישראל, ווו ס'האָט זיך געפירט דאַן די מלחמה. איך האָב געאַרבעט אין דער בריחה.

ווען איך בין געקומען צוריק אין מיין קיבוץ אין איטאַליע, האָב איך שוין די חברה נישט געטראָפן. אין אָקטאָבער 1947 בין איך געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל.

אין ישראל בין איך אָנגעקומען צו מיין שוועסטער. כ'האָב גלייך אָנגעהויבן זוכן ביי וואָס צו אַרבעטן.

פרומע גולקאָוויטש־בערגער

די געטאָ

היטלער־נאַצי האָט פאַרכאַפּט אונדזערע געביטן
און גלייך געגומען הערשן מיט גרויזאַמע זיטן
געבויט פאַר יידן געטאָס מיט הויכע ווענט
געפייניקט, געמאָרדעט, אין אויוונס געברענט.

אַ הויכע וואַנט, מיט שטעכיקע דראָטן
ווי פון אַ תפיסה איז אַרויסגיין פאַרבאָטן
אַ וואַך פון אויבן, אַ וואַך פון אַרום
און די וואָס אינמיטן — זיינען צום אומקום...

געטריבן האָט דער נאַצי הינטער געטאָ־וואַנט אַלע
אַלטע, יונגע, אויך פאַרליבטע חתן־כלה.
שרעקלעך זיינען די ליידן הינטערן וואַנט
אָן רחמנות די הערשער פון היטלער־לאַנד.

וואָס איז די אַרבעט, וואָס איז דער שיין?
מען האָט אונדז פאַרפירט אין „חדר" אַריין,
יידן שטאַרבן פון הונגער, פון פיין און שמוץ
אַלע טאָג טויטע — ביי דעם טוץ.

ברויט אין געטאָ

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, זאָג מיר. וועלט —
אַז אַ שטיקל ברויט זאָל זיין טייערער פון געלט?
אַ פענעצל ברויט צו שטילן דעם הונגער
אַ לעבעלע ברויט וואָס מען קוקט ווי אויף וווּנדער.

ברויט, ברויט, עס הונגערט מיר אַזוי — ביים האַרצן, עס נאָגט,
הער איך ווי דאָס קליין מיידעלע, צו איר מאַמען זאָגט:
„אוי מיין קינד, אין געטאָ איז ניטאָ קיין ברויט צום עסן,
מאָרגן אפשר וועט זיין בעסער — דערווייל איז צו פאַרגעסן".

אָ, ברויט! היינט ביסטו מיין טרוים, און דער ציל פון לעבן,
אַ שטיקל ברויט צו זאַט עסן, דאָס איז מיין שטרעבן.
און איינמאָל, ווען דער טאָג איז געווען ניט אַזוי העל,
האָט מיך באַגליקט צו קריגן אַ ביסל מעל.

אָבער דורכטראַגן דעם זעקל, אַז דער פּאָליציאַנט זאָל ניט זען,
איז דאָס ניט צו באַגרייפן, וואָס פאַראַ מסירת־נפש דאָס איז געווען.
ווייל פאַר אַ קאַרטאָפל האָט שוין ניט איינער באַצאָלט מיטן לעבן,
איז וואָס פאַראַ שטראָף וואָלטן די רוצחים פאַר ברויט געגעבן?

עס איז מיין טאָג געווען — דער זשאַנדאַרם האָט פאַרקוקט,
מיין טאַטע, ביי דער נאַרע, נאָך אַ קאַפּיטל תהילים, ער זאָגט.
די שוועסטער זיי האָבן שוין צוגעגרייט דאָס דייזשע,
ווער האָט גאָר געטראַכט, אַז עס קומט שוין אָן די שעה, די בייזע?

אַ אויוון מען הייצט, די מעל איז שוין פאַרשאָטן,
אין דייזשע, עס וואַקסט, דער ברויט איז פאַרקנאָטן.
אָבער פלוצלינג דערהערט זיך פון דרויסן אַ יאָמעריי, אַ געשריי,
דער געטאָ איז שוין אַרומגערינגלט, מיט מערדער אוי, וויי!

די פלאַמען אין אויוון, זיי לעשן שוין אויס,
די טייג שפּאַרט פון דייזשע, פון אויבן אַרויס,
ניטאָ שוין קיין הענט צו באַקן דעם ברויט,
עס ליגן שוין אַלע אין פערעסיקער גריבער, טויט!..

און פאַריתומט איז די דייזשע ברויט אויפן נאַרע געבליבן,
פונקט ווי עס האָט געפילט, אַז אויך איר האָט מען באַטריבן.
טאָ זאָג מיר וועלט, ווי קענסטו מיין צער זען?
חרוב געמאַכט מיין פאָלק! זאָג וואָס איז מיט דיר געשען?

פרומע גולקאָוויטש־בערגער



זכרונות פון געטאָ

געווען איז דאָס אין יידישן שטעטל קאַרעליטש, צווישן נאָוואָגרודעק און מיר. געלעבט האָבן דאָרט האַרציקע, טייערע יידן, וועלכע האָבן געצויגן אַ לאַנגן און גרויסן יחוס.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, אין סעפּטעמבער 1939, איז קאַרע־ליטש אָקופּירט געוואָרן פון דער סאָוויעטישער מאַכט. אַלץ אין דעם יידישן לעבן האָט זיך מיט אַמאָל געענדערט, נישט געווען מער דאָס זעלבע ווי פריער. אָבער יידן האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען, מען האָט ווייטער געלעבט מיט האָפענונג און בטחון.

פּלוצלונג איז אויך דאָס צעשטערט געוואָרן. געווען איז עס אין טאָג פון 22־סטן יוני 1941, ווען היטלער איז אומגעריכט אָנגעפאַלן אויף סאָוויעט־רוסלאַנד. פאַר די יידן אין קאַרעליטש, אַזוי ווי דאָס איז געווען אין אַנדערע ערטער, האָט זיך אָנגעהויבן אַן ערדישער גיהנום.

פון אָנהויב זענען מיר פאַרטריבן געוואָרן אין געטאָ אין קאַרעליטש. איך בין דאָרטן געווען מיט מיין מאַמע, טאַטע און מיינע דריי שוועסטערס און אַ ברודער. די צרות זענען געווען גרויס, צו די ליידן און פּיין איז נישט געווען קיין גרענעץ. אין דעצעמבער פון דעם זעלבן יאָר 1941, האָבן אָרטיקע נאַצי־אַרויסהעלפער, בראש מיט בריטשקאָווסקין, צעשלאָגן מיין מאַמען און זי איז געשטאָרבן פון די וווּנדן. איך וועל דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן...

*

אין מאַי 1942, ווען איבער גאָטס וועלט איז אויפגעגאַנגען אַ ליכטיקער פרילינגס־טאָג, זענען אַלע יידן צונויפגעטריבן געוואָרן אויף דעם מאַרק־פּלאַץ אין קאַרעליטש. איך שטיי אין דער ערשטער ריי מיט מיינע דריי שוועסטער: גרוניע, פייגל און ברײנע. לעבן זיי איז געשטאַנען דער טאַטע, שלמה. ער האָט זיך קוים געקענט האַלטן אויף זיינע געשוואָלענע פיס.

מיט אַמאָל האָבן די נאַצישע רוצחים, מיט זייערע אָרטיקע אַרויסהעלפערס גענומען

טרייבן די יידן אין וועג אַריין. דער „מאַרש" איז געווען באַגלייט מיט קלעפּ, זידלערייען און אַרום מיט אָנגעשטעלטע ביקסן גלייך צום שיסן. יענער טאָג האָט זיך פאַר די יידן געצויגן ווי אַן אייביקייט.

„ענדלעך פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין נאָוואָגרודעק. אייסגעפייניקטע, פאַרמאַטערטע, הונגעריקע און דורשטיקע האָט מען אונדז, ווי חיות, אַריינגעטריבן אין די שטאַלן פון פערעשיקער געטאָ. דאָרטן זענען אויך געווען די יידן פון נאָוואָגרודעק און פון די אַרומיקע שטעטלעך: לובטש, איוועניץ, נאַליבאָק, שעליב און פון אַנדערע. דאָ האָט זיך פאַר אונדז אָנגעהויבן אַ לאַנגע קייט פון גרענעצלאָזע ליידן און פיין פאַר אַלעמען"...

דאָנערשטיק פרי, דעם 6־טן אויגוסט 1942, שפּאַרן מיר זיך צום טויער, גיין צו דער אַרבעט, (מען האָט שוין געפּילט, אַז די טעג וועט מען אַרומרינגלען דעם געטאָ). מיין שוועסטערקינד, אַ 6־יאָריק מיידל, בעט זיך מען זאָל איר מיטנעמען. עס האָט מיר געלונגען, דער פּאָליציאַנט האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק. עפּעס איז דעם טאָג ביי דער אַרבעט, געווען פרייער אַ ביסל. נאָר פריי זיך נישט נאַרישער מענטש, אַ מינוט פאַרן טויט ווערט גרינגער...

מיט אַמאָל ווערט אַ טומל. מען האָט אָנגעהויבן צו לויפן. מען ווייס ניט וווהין מען לויפט. עס איז דערגאַנגען די ידיעה אַז דער געטאָ איז שוין אַרומגערינגלט. איך און מיין ברודערס ווייב, האָבן זיך געלאָזט לויפן צו די קאָשאַרן (קאַזאַרמעס), ווייל נאָך פיל זיינען אַהין געלאָפן. מיינע שוועסטער האָב איך שוין מער נישט געזען. דאָ האָבן מיר דורכגעלעבט אַ סאָרטירונג — ווער רעכטס און ווער לינקס — צום לעבן און צום טויט.

די אָפּגעקליבענע צום טויט האָט מען צוריק געטריבן אין דעם פערעשיקער געטאָ. עס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן טונקל און דער געטאָ איז שוין געווען אָנגעפילט מיט נאַציס. איך בין אַריין אין „אונדזער" שטאַל. מיין פאָטער איז געשטאַנען לעבן זיין נאַרע, איינגעהילט אין טלית און געזאָגט תהילים, געוואַלד! ווי איז צו אַזאַ אָרענטלעכן און פרומען ייד אַ קויל צוגעשטאַנען? זיין בליק אויף מיר, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

מיינע שוועסטער זיינען שוין געווען באַהאַלטן ערגעץ־ווו אויף אַ בוידעם. יהודית מיין שוועגערין האָט מיר פאַר דער האַנט אַ שלעפּ געטאָן — קום, לאָמיר גיין זוכן ערגעץ אַ באַהעלטעניש. איך אַליין בין געווען מאָדנע פאַרשטיינערט. מיר זיינען אַרויס פון שטאַל. — ווו געפינט מען אַ לאָך זיך צו פאַרשטעקן? מיר זיינען דאָך דאָ פרעמדע. די ערד וויל זיך פאַר אונדז ניט עפענען און אונדז אויסבאַהאַלטן! מיר גייען פאַרביי אַ פּאָר געהרגעטע. איינע האָב איך דערקענט, אַ קאָרעליטשער מיידל, מערקע יעלין. זי האָט געהאַט דעם מוט אַ דייטש אָנצושפּייען אין פּרצוף.

מיר זיינען פאַרביי דעם גרויסן בית־כסא וואָס איז געשטאַנען אין מיטן געטאָ. אָן אַ מינוט צו טראַכטן זענען מיר אַהין אַריין און דאָס איז געוואָרן אונדזער

באַהעלטעניש. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם שמוץ, וואָס איז געווען די טיף ביז צום האַרצן. דאָרט זענען שוין געלעגן צוויי פרויען: אסתר מענאַקער און מאַשע ראַבינאָוויטש. מיר האָבן זיך געזעצט אין אַלע פיר ווינקלען, ווייל אין פאַל מען וועט דערהערן אונדזער אָטעמען, זאָל מען אונדז ניט דערזען אַלע גלייך...

די נאַכט איז אַריבער שטיל. אויף מאָרגן גאָר פרי, פרייטיק, דעם 7־טן אויגוסט, (24 טעג אין חודש אָב) האָבן מ־יר דערהערט אַ געוויש פון אויטאָמאָבילן. די מערדערישע חיות זיינען געקומען נאָך זייערע קרבנות. די געשרייען פון די קליינע קינדער קלינגען נאָך מיר היינט אין מיינע אויערן.

— טאַטעניו, — מאַמעניו, ווו זייט איר? פאַרוואָס האָט איר אונדז איבערגעלאָזט? די קינדער זיינען גלייך פאַרשלאָסן געוואָרן אין די אויטאָס. דער געוויש פון די אויטאָ־מאָבילן האָט זיך דערווייטערט. באַלד האָט זיך דערהערט די שיסעריי און דערנאָך איז געוואָרן שטיל. פאַרשניטן 4 טויזנט לעבנס...

אין געטאָ האָט זי דערהערט מוזיק. אַ הילכיקע נאַצישע שטים האָט גערעדט — אַז זיי האָבן אויסגעפירט אַ הייליקע אַרבעט, און זיי מוזן זי פאַרענדיקן, אויסזוכנדיק פון די באַהעלטענישן די רעשטלעך יידן.

מיט אַמאָל האָבן מיר דערהערט טריט פון מענטשן־חיות און פון הינט.

די הינט האָבן אָנגעהויבן בילן, און דאָס איז פאַר זיי קלאָר געוואָרן אַז דאָ געפינען זיך יידן. זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן אויף אונדז. די ערשטע קויל האָט געטראָפן אין אסתר מענאַקער, זי האָט אַפילו קיין קרעכץ ניט געגעבן. מיר האָט אַ קויל אָפּגעריסן אַ שטיק פון מיין קלייד און אויך אָנגערירט מיין רעכטע האַנט, נאָר לייכט. די אַנדערע צוויי, פון צווייטן זייט, האָבן זיי, ווייזט אויס, ניט דערזען. איך האָב דערהערט ווי זיי ריידן די מערדער, איינער צום צווייטן, אַז אויב זיי לעבן נאָך דאָרט, וועלן זיי אַלץ איינס אויסגיין. און זיי זענען געגאַנגען ווייטער זוכן באַהעלטענישן.

מיר זיינען אין בית־הכסא געלעגן 6 טעג, אָן עסן און אָן טרינקען. ווערים האָבן געפרעסן אונדזערע קערפּערס און יעדעס מאָל, ווען עמעץ פלעגט אַריינקומען, פלעגט דאָס האַרץ אויפהערן צו קלאַפּן פון שרעק. ביז היינט צוטאָג איז ביי מיר פאַרבליבן דאָס האַרץ אָפּגעשוואַכט.

אויפן זיבעטן טאָג האָט מען צוריקגעבראַכט פון די קאַשאַרן די לעבנגעבליבענע יידן, און צווישן זיי איז אויך געווען מיין ברודער בן־ציון. דער געטאָ איז פאַרקלענערט געוואָרן און אין דעם פאַל זיינען מיר איצט געווען אויסערן געטאָ.

ווען מיין ברודער האָט זיך דערוווּסט וועגן אונדז, האָט ער אונדז פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט. דאָ האָבן מיר ערשט דערזען אונדזער גרויסן חורבן. מיר זיינען געבליבן נאָר געציילטע אויף די פינגער.

מיר האָבן אָנגעהויבן אין גרופּעס אַנטלויפן פון געטאָ. דער ערשטער איז אַוועק

מיין ברודער מיט אַ גרופּע. ער איז אין גיכן געקומען און אונדז צוגענומען פון געטאָ מיט נאָך 25 מענטשן. מיר זיינען געוואָרן פּאַרטיזאַנער. צוויי און אַ האַלב יאָר, האָבן מיר געקעמפט קעגן די נאַציס, און דערלעבט די באַפרייונג ווי שטאָלצע יידן.

בן־ציון גולקאָוויטש

אונטערן יאָך פון די נאַציס

יעדער ייד וועלכער האָט איבערגעלעבט די דייטשע אָקופּאַציע האָט זייער פיל צו דערציילן וועגן די יסורים און גרויליקע טעג, ווען דאָס לעבן איז יעדע מינוט געווען אין סכנה. ביזן היינטיקן טאָג קען איך נישט פאַרשטיין דעם נס, ווי אַזוי איך בין געבליבן לעבן.

גלייך נאָך דעם ווי די דייטשן זיינען אַריין אין קאָרעליטש, זומער 1941, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן די גזירות: זיי האָבן קאָנפיסקירט דאָס יידישע פאַרמעגן, אַרויס־געטריבן די יידן פון זייערע הייזער און געשיקט אויף שקלאַפן־אַרבעט. קיינער פון אונדז האָט ניט געקענט גלויבן אַז אונדזערע שטעטלעך וועלן ווערן יודן־ריין. ווער האָט זיך דאָס געקענט פאַרשטעלן, אַז די יידן וועלכע האָבן הונדערטער יאָרן געלעבט אין די שטעט און שטעטלעך וועלן אויסגעוואָרצלט ווערן פון זייערע היימען און וועלן אויף אַן אַכזריותדיקן אופן אומגעבראַכט ווערן.

די ערשטע גזירה האָט זיך אָנגעהויבן, ווען די דייטשן האָבן באַפוילן אַלע מענער זיך אויסשטעלן אויפן מאַרק. זיי האָב לויט אַ רשימה וועלכע די קריסטן האָבן צונויפ־געשטעלט, אָפּגעקליבן 105 מענער, איבערהויפּט יוגנטלעכע, געזאָגט האָט מען אַז מ׳פירט זיי אויף אַרבעט, אָבער שפּעטער האָבן גויים דערציילט אַז מען האָט זיי אַלע דערשאָסן ניט ווייט פון נאָוואָרעדאָק. אויף דער ליסטע פון די 105 מאַן האָב איך זיך אויך געפונען, אָבער איך בין באַצייטנס אַנטלאָפן פון שטעטל, איידער די פּאָליציי איז געקומען מיר נעמען. זיי האָבן געזוכט אין אַלע ווינקעלעך פון שטוב און דערביי צוגענומען אַלץ וואָס איז זיי געפעלן געוואָרן. איך האָב זיך דאַן געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

צווישן די 105 קרבנות איז אויך געווען מיין שוועך אַברהם קאָרעליצער — דער ערשטער קרבן פון אונדזער משפחה. יעדעס מאָל ווען די ס.ס.־לייט פלעגן זוכן יידישע קרבנות פלעגן די היגע באַנדיטן אָנווייזן אויף מיר, אָבער יעדעס מאָל איז מיר געלונגען זיך אַרויסדרייען פון זייערע הענט.

אָנהייב זומער 1942, האָבן די דייטשן אַלע קאָרעליטשער יידן פאַרטריבן קיין

נאָוואָרעדאָק אין פערעשיקער געטאָ. מיר האָבן דאַן פאַרשטאַנען אַז דאָס וועט שוין זיין דער סוף פון אונדזערעליידן און מאַטערנישן. דער יאוש איז געווען גרויס. פאַר־צווייפלטע האָבן מיר געוואַרט אויפן סוף, אָבער דער דראַנג צו לעבן איז געווען גרויס און ביי יעדערן פון אונדז איז געווען גרויס דער געפיל צו נקמה נעמען אָן דעם שונא פון יידישן פאָלק. מיט דעם געדאַנק האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין געטאָ אַ סך יונגע בחורים. איך האָב זיך דאַן צונויפגערעדט מיט אַ גרופּע חברה צו אַנטלויפן אין וואַלד אַרום נאַליבאָק, ווייל צו אונדז זיינען דערגאַנגען ידיעות אַז אין יענער געגנט געפינען זיך רוסישע פּאַרטיזאַנער. איך געדענק שוין ניט די נעמען פון יעדן איינעם פון דער גרופּע, אָבער צווישן זיי איז געווען דוד ליפשיץ פון קאָרעליטש און בענטשע מאָור־שאָוויטש.

כ׳ווייס ניט ווער ס׳האָט דערטראָגן צום יודנראַט אַז איך אָרגאַניזיר מענטשן צו אַנטלויפן פון געטאָ, און אַז איך בין דער גרופּן־פירער. מ׳האָט מיך געהיט אויף יעדן טריט און שריט. ביינאַכט האָט מען ביי מיר צוגענומען די שטיוול, אַזוי אַז איך האָב ניט געקענט אַרויסגיין מיט דער גרופּע, און זיי זענען אַנטלאָפן פון געטאָ אָן מיר. די גרופּע האָט טאַקע דערגרייכט צו דער נאַליבאָקער פּושטשע און זיך געטראָפן מיט די פּאַרטי־זאַנער פון סטאַלינס אָטריאַד — די סטאַלינצעס האָט מען זיי גערופן. ביי דעם אָטריאַד האָט זיך אָרגאַניזירט אַ יידישער זוואָד אונטער דער אָנפירונג פון אַ יידישן לייטענאַנט סמאָלענסקי. דער קאָמאַנדיר פון די סטאַלינצעס האָט זיי צוגעזאָגט, אַז אויב די יידישע פּאַרטיזאַנער וועלן זיך אויסצייכענען אין קאַמף, וועלן זיי אָנגענומען ווערן אין זיין אָטריאַד.

דערווייל זענען אָנגעקומען קיין נאַליבאָק אַ סך דייטשן מיט זייערע מיטהעלפער און געמאַכט אַן אַבלאַווע אויף די פּאַרטיזאַנער. דער קאָמאַנדיר פון סטאַלינסקן אָטריאַד האָט באַפוילן, אַז דער יידישער זוואָד וואָס האָט געציילט אַ 20 פּאַרטיזאַנער זאָלן גיין אין קלויסטער מאַכן אַ זאַסאַדע און שטעלן אַ ווידערשטאַנד די דייטשן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטער קאַמף, די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן העלדיש געקעמפט ביזן לעצטן קויל. אָבער די צוגעזאָגטע הילף האָבן זיי ניט באַקומען. זיי אַלע זיינען געפאַלן אין דעם ניט גלייכן קאַמף ווי העלדן. צווישן די העלדן איז אויך דאַן געפאַלן דוד ליפשיץ פון קאָרעליטש. ע ר ע ז י י ע ר א נ ד ע נ ק. (שפּעטער, ווען איך האָב אַלס פּאַרטיזאַן זיך געפונען אַרום נאַליבאָק, האָבן מיר דאָס די סטאַלינצעס דערציילט). די טרויעריקע נייעס איז דערגאַנגען צו די יידן פון נאָווערעדקער געטאָ, די וואָך איז פאַרשטאַרקט געוואָרן. אין גיכן איז פאָרגעקומען די צווייטע שחיטה אין נאָוואָרעדאָק — דעם 1טן אויגוסט 1942 — פאַר די קאָרעליטשער יידן איז דאָס געווען די ערשטע און לעצטע שחיטה, ווייל כמעט אַלע קאָרעליטשער יידן זיינען דאַן אומגעקומען.

אויפן זעקסטן טאָג נאָך דער שחיטה, ווען מ׳האָט מיך צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידן

געבראַכט פון סוד צוריק אין פערעשעקער געטאָ האָב איך ערשט דערזען דעם גרויסן חורבן. ווען איך האָב זיך דערוווּסט אַז אין געטאָ זיינען פאַראַן ניט קיין געעפנטע סכראָנעס, בין איך געלאָפן זוכן, אפשר איז ווער פון מיין משפחה געראַטעוועט. ס'איז מיר שווער צו איבערגעבן וויפל דערשטיקטע מתים איך האָב דאָן אַרויסגעשלעפט פון די סכראָנעס, אָבער קיינעם פון מיין משפחה האָב איך דאָן ניט געפונען. איך האָב פּלוצלונג דערהערט אַז אימעצער האָט געפרעגט אויף בן־ציון גולקאָוויטש, דאָס איז געווען אַ ליובטשער ייד, וועלכער האָט מיך דערציילט אַז אין דעם בית הכסא ליגן אין דער שמוץ מיין פרוי יהודית און מיין שוועסטער פרומע. איך בין גלייך אַריבערגעשפרונ־גען דעם פּלויט פון געטאָ און געלאָפן זיי אַרויסראַטעווען, איידער די פּאָליציי האָט זיי געפונען. מיט גרויס מי האָב איך זיי פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט, די לעבעדיקע סקעלעטן — און דאָס זיינען מיר די שארית פון אונדזער גרויסער משפחה. איך האָב אַ דרייפאַכיקן צער: דער צער פון אַ טאַטן וואָס האָט פאַרלוירן אַ קינד חיה'לע, מיין טייער טעכטערל, דריי יאָר קוים אַלט געווען. דער צער פון אַ זון און ברודער וואָס האָט פאַרלוירן עלטערן און שוועסטער און דער גרויסער צער פון אַ יידן, ביי וועמעס פאָלק מ'האָט אויסגעמאָרדעט טויזנטער נפשות. אין יענער שחיטה זיינען אומגעקומען טויזנטער יידן.

זעענדיק וואָס עס דערוואַרט אונדז, די דערווייל געבליבענע, האָב איך ווידער אָנגעהויבן זוכן אַ וועג ווי אַזוי צו אַנטלויפן פון געטאָ און נקמה נעמען אָן דעם שונא פון יידישן פאָלק.

עס איז דאָן אַרויס פון געטאָ אַ גרופּע פון 8 מענטשן און אָנגעקומען אין די וועלדער פון אַרום מאָקרעץ. אין אַ פּאָר טאָג שפּעטער איז אַרויס אַ צווייטע גרופּע, מיט דער גרופּע בין אויך איך מיטגעגאַנגען. יהודית מיט פרומען זיינען דערווייל געבליבן אין געטאָ. ווען איך בין אָנגעקומען אין וואַלד, האָב איך דאָרט געטראָפן אַ גרופּע יידן פון בערך 40 מאַן, דאָס איז פּאַקטיש געווען דער אָנהייב פון יידישן פּאַרטיזאַנער אָטריאַד וועלכער איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אין אַ צאָל פון 1200. דאָרט זיינען געווען איבערהויפּט יידן, אַנטלאָפענע פון די געטאָס: נאָוואָרעדאָק, לידע, דוואָרעץ און אַנדערע. דאָס איז געווען דער יידישער אָטריאַד פון דעם העלדישן קאָמאַנדיר טוביה ביעלסקי.

אָפּזייענדיק אין דעם אָטריאַד אַ פּאָר וואָכן, האָב איך געקראָגן געוואָר, ווען מיר האָבן געמאַכט אַ זאַסאַדע אויף די דייטשן אויפן שאָסיי. שפּעטער בין איך געגאַנגען אין נאָוואָרעדאָק אַרויספירן פון געטאָ מיין ווייב און שוועסטער און נאָך אייניקע יידן, וועלכע האָבן געוואָלט מיטגיין. מיט מיר איז געגאַנגען יצחק רעזניק — אַ נאָוואָרעדקער, וועלכער האָט געקענט גוט די וועגן. איך האָב פון געטאָ אַרויסגעפירט אַ גרופּע פון 25 מענטשן. ס'איז לייכט זיך פאָרצושטעלן וואָס פאַראַ שוועריקייטן האָבן מיר געהאַט ביים אַריינגיין אין געטאָ און שפּעטער ביים אַרויסגיין. ניט איינער איז געבליבן הייגען

אויף די עלעקטרישע דראָטן, אָדער געבליבן ליגן טויט ביים פּלויט בעת דער שיסעריי פון די נאַציס.

איך דערמאָן זיך אַז ס'איז מיר דאַן געווען שווער צו איינריידן יואל מייעראָוויטשן אַז ער זאָל מיטגיין מיט אונדז. ממש מיט כח האָבן מיר אים אַרויסגעשלעפּט פון געטאָ, אַזוי אַפּאַטיש און אָפּהענטיק איז ער דאַן געווען.

אין אָטריאַד בין איך געווען אַן אויסשפּירער (אַ ראַזוויעדטשיק), מיין אויפגאַבע איז געווען צו אויסגעפינען דעם שונא ווו ער געפינט זיך, און מיטטיילן וועגן דעם דער קאָמאַנדשאַפט. אַלע קאָרעליטשער פּאַרטיזאַנער האָבן אַקטיוו אָנטייל גענומען אין אַלע אויפגאַבעס. פיל פּרויען פלעגן שטיין אויף די פּאָסטנס. ניט איינמאָל איז אויסגעקומען צו פירן שווערע קאַמפן מיט די דייטשן און דער ווייסרוסישער פּאָליציי. מיר האָבן אויף יעדן שריט און טריט נקמה גענומען פאַר די פאַרגאָסענע אומשולדיקע בלוט פון אונדזערע אומגעקומענע משפחות. ווו געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט, די יונגע פּאַרטיזאַנער וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער קעמפנדער גרופּע, האָבן אויך געדאַרפט באַזאָרגן דעם אָטריאַד מיט עסנוואַרג, מיט געווער און מלבושים. איך וועל זיך ברייטער ניט אָפּשטעלן אויף דער צייט ווען איך בין געווען אין ביעלסקיס אָטריאַד, ווייל די זאַכן זיינען שוין באַוווּסט, און וועגן דעם איז שוין פיל געשריבן געוואָרן פון אַנדערע חברים.

מרדכי מאיראוויטש

מײנע איבערלעבונגען אין דער צײט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך פיל יאָרן געלעבט אינעם שטעטעלע רוזשאַנקע. בעת ס׳איז אויסגעבראָכן דער קריג צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד, דעם 21סטן יוני 1941, איז געוואָרן אַ גרויסע פּאַניק אינעם שטעטל. אַ סך יידן זענען אַנטלאָפן פון שטעטל, בכדי צו לויפן ווייטער אויף מזרח. איך בין דאַן אַוועק צוזאַמען מיט מיינע צוויי עלטערע זין. אויפן וועג האָט אונדז אַ רוסישער שאָפער דערלויבט זיך אַרויפזעצן אויף דער מאַשין אָבער שפּעטער ווען דער בענזין האָט זיך געענדיקט זענען מיינע זין אַוועק צוריק צו פוס אַ היים און איך בין אַוועק אין דער ריכטונג פון שטעטל מיר. מיין דריטער זון, וועלכער האָט זיך דאַן געלערנט אין פאַך־שול, האָט זיך אויך צוריקגע־קערט אַ היים.

דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה האָבן די סאָוויעטן געכאַפּט אַ דייטשן דעסאַנט פון 7 פּאַראַשוטיסטן. מ׳האָט זיי דערשאָסן און שפּעטער אויפגעהאַנגען. אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען די דייטשן זענען אַריין קיין רוזשאַנקע, האָבן די אָרטיקע גוים דערציילט די דייטשן, אַז דאָס האָבן די יידן אָנגעוויזן די רוסן אויפן דייטשן דעסאַנט און איינע אַ פּאָלקע, אַ גרויסע אַנטיסעמיטקע, האָט פאַרמסרט פאַר די דייטשן, אַז אין שטעטל לעבן פיל יידישע קאָמוניסטן, און די יידישע קאָמוניסטן האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו דער־מאָרדן דעם דייטשן דעסאַנט. די דייטשן האָבן אויסגעקליבן 72 יידן, אַלטע און יונגע, מ׳האָט זיי אַוועקגעפירט הינטער דער שטאָט, זייער שטאַרק געפּייניקט און שפּעטער דערשאָסן. דאַן האָבן די דייטשן דערשאָסן מיינע ביידע זין, איינער 20 יאָר אַלט און דער צווייטער — 18 יאָר.

מיין שווער (דער פרויס פאָטער) יונה דער שניידער, אַ ייד פון 85 יאָר, וועלכער האָט שוין ניט געקענט גיין, האָבן אים די דייטשן אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק און געצויגן איבער דער ערד צום גרוב. דאַן, אין דער צייט פון דער שחיטה, האָבן די דייטשן צונויפגעטריבן אַלע יידן פון שטעטל רוזשאַנקע אויפן מאַרק. זיי זענען אַריין אין די יידישע הייזער און אַלץ, וואָס ס׳איז זיי געפעלן, האָבן זיי צוגענומען. אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן די דייטשן ווידער דערשאָסן עטלעכע יידן, אויף וועלכע די גוים האָבן אָנגעוויזן, אַז זיי זענען געווען אַקטיוו פאַר די סאָוויעטן.

אין האַרבסט 1941 האָבן די דייטשן אַרויסגעטריבן דאָס גאַנצע שטעטל יידן קיין שטשוטשין און דעם 6טן מאַי 1942 איז פאָרגעקומען אין שטשוטשין אַ גרויסע שחיטה ווו מ׳האָט אַלע יידן דערהרגעט. אין דער שחיטה איז אומגעקומען מיין פרוי מיט מיין יינגסטן זון.

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָב איך זיך דאַן אויף אייביק צעשיידט מיט מיינע 2 זין און מיט גרויסע שוועריקייטן האָב איך זיך דערשלעפּט קיין מיר דעם 26סטן יוני 1941. די וועגן זענען געווען פול מיט יידן, וועלכע האָבן געטראָגן פּעק און קליינע קינדער אויף די הענט. די דייטשע עראָפּלאַנען זענען געפלויגן נידעריק איבער די קעפּ און האָבן באַשאָסן מיט מאַשין־געווער. ס׳זענען געווען אַ סך קרבנות און פאַרוואונדעטע. מענטשן האָבן זיך אָפּגעריבן פיס פונעם גיין און מ׳איז געבליבן שטעקן אין וועג. מ׳איז געווען הונגעריק און דורשטיק. קיין ברויט האָט מען נישט געקענט קריגן, פון גרויס היץ פלעגט מען זיך קוים דערשלעפּן צו אַ ברונעם און זיך אָנטרינקען מיט קאַלטע וואַסער, מען פלעגט פאַלן אויף דער ערד אָן כוחות און מ׳האָט ווייטער נישט געקענט גיין. די דייטשן זענען שנעל אָנגעקומען און האָבן די ליגנדיקע יידן דערשאָסן אויפן אָרט.

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין מיר איז נאָך אין שטעטל געשטאַנען רוסיש מיליטער. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי פון ביידע זייטן. די דייטשן האָבן געוואָרפן צינד־באָמבעס און אַ גרויסער טייל פון די הילצערנע הייזער האָבן זיך אָנגעצונדן. די מענטשן זענען אין גרויס פּאַניק אַנטלאָפן אין פעלד הויל און נאַקעט. אַ גרויסער טייל פון די מירער יידן איז פאַרבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ביים אָפּטרעטן זענען אַ סך סאָוועטישע זעלנער דערהרגעט געוואָרן, און אַ גרויסער טייל איז אַריינגעפאַלן צו די דייטשן אין געפאַנגענשאַפט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, נאָך דעם ווי די דייטשן זענען אָנגעקומען קיין מיר, האָט זיך אָרגאַניזירט אַן אָרטיקע פּאָליציי און די גויים האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּרעכענען מיט די יידן. איך האָב געזען, אַז קיין גוטס דערוואַרט מיר נישט אין מיר, האָב איך זיך געלאָזט גיין קיין קאַרעליטש, דאָרט ווו איך בין געבוירן געוואָרן. אויפן וועג האָבן מיך די דייטשן געכאַפּט און אַוועקגעפירט אין אַ לאַגער, ווו ס׳האָבן זיך געפונען אַ סך סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע. באַלד האָט מען דערקענט, אַז כ׳בין אַ ייד און די גויים האָבן זיך אָנגעהויבן איזדיקעווען איבער מיר, מ׳האָט מיר אָנגעהויבן שלאָגן איבערן קאָפּ און פון ווייטיק בין איך אַוועקגעפאַלן אין חלשות. האָט מען מיר באַגאָסן מיט קאַלט וואַסער. זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן מיר און געלאַכט. איך האָב פון זיי זייער אַ סך געליטן. שפּעטער האָט מען דעם לאַגער ליקווידירט און איך האָב זיך מיט גרויס צרות דערקליבן קיין קאַרעליטש.

אין קאַרעליטש האָבן שוין געבושעוועט די כוליגאַנעס. יעדע נאַכט פלעגן די אָרטיקע גויים אַריינגיין אין יידישע הייזער און פלעגן צורייבן דאָס יידישע האָב און

גוטס. ס׳האָבן זיך געפונען עטלעכע יידישע געזונטע יינגלעך אין קאַרעליטש, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט און זיך אַנטקעגנגעשטעלט. מ׳האָט זיך שטאַרק געשלאָגן. שפּעטער, ווען די שטעטלדיקע שקצים זענען געוואָרן פּאָליציאַנטן האָבן זיי שוין געטאָן מיט די יידן, וואָס זיי האָבן געוואָלט. פלעגן שלאָגן און רויבן.

איין מאָל זענען זיי אַריין צום שניידער דוד ניסעלעוויטש, אים שטאַרק צושלאָגן, אַוועקגעוואָרפן אים אויף דער ערד און אַרויסגעריסן מיט כח זיינע גאָלדענע ציין. פון גרויס ווייטיק האָט ער געחלשט, האָבן זיי אים אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער און פון שטוב אַרויסגעטראָגן אַלע ווערט־זאַכן. נאָכער זענען זיי אַריין צו יואל מייעראָוויטש אויף זיעמליאַנקער גאַס אין מיטן דער נאַכט. זיי האָבן אים זייער שטאַרק צושלאָגן, אַז ער האָט אַ לאַנגע צייט געקרענקט נאָך דעם. נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז געווען פיזיש זייער אַ שטאַרקער מענטש, האָט ער דאָס אויסגעהאַלטן. יואל מייעראָוויטש איז שפּעטער אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער, האָט אַדורכגעלעבט דעם קריג און איצט געפינט ער זיך אין אַמעריקע.

יעדן טאָג פלעגן די דייטשן טרייבן די יידן צו דער אַרבעט. מ׳האָט געדאַרפט צונויפקלייבן אויף איין פּלאַץ אַלע צעבראָכענע מאַשינעס, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אויף די וועגן. און ווען מ׳פלעגט אַ היים קומען פאַרמאַטערטע פון דער שווערער אַרבעט, פלעגן אַריינקומען פאַרשיידענע כוליגאַנעס אין די הייזער. זיי פלעגן שלאָגן און ראַבירן. באַזונדערס האָט געבושעוועט אין קאַרעליטש איינער בראטשקאָווסקי. פון אים האָבן די יידן געליטן גרויסע צרות.

סוף יולי 1941 זענען אָנגעקומען דייטשן פון נאָוואָרעדאָק און גערופן דעם רב מיט נאָך עטלעכע יידן, זיי באַפוילן צו אָרגאַניזירן אַ יודנראַט. שפּעטער האָבן זיי באַפוילן צו אָנטאָן אויף דער ברוסט און אויף דער פּלייצע געלע לאַטעס. פאַר נישט אויספילן דעם באַפעל האָט מען געדראָט מיט דערשיסן. דער יודנראַט איז געווען געצוווּנגען צו אויספירן אַלע באַפעלן פון דער דייטשער מאַכט. יעדן טאָג זענען געווען נייע צרות: די דייטשן האָבן באַפוילן אָפּגעבן אַלע גאָלד־זאַכן, וואָס די יידן פאַרמאָגן. פאַר נישט אויספילן דעם באַפעל האָט געדראָט טויט־שטראָף. אַלץ וואָס די יידן האָבן אָפּגעגעבן, האָבן די דייטשן צוגענומען און אָפּגעפירט קיין נאָוואָרעדאָק.

עטלעכע טעג שפּעטער זענען געקומען ס.ס.־לייט און באַפוילן, אַז אַלע מענער, אַלט און יונג, זאָלן זיך צונויפקלייבן אויפן מאַרק. פון דער צאָל צונויפגעקליבענע מענער האָבן די דייטשן אָפּגעקליבן הונדערט מאַן, אַלטע און קראַנקע, מ׳האָט זיי פאַרשפּאַרט אין בית־מדרש. אַ גרויסע וואַך פון פּאָליציי האָט זיי געהיט און מ׳האָט אַפילו נישט צוגעלאָזן צו איבערגעבן די פאַרשפּאַרטע עפּעס צו עסן. ווען איין פרוי האָט זיך דערנענטערט מיט אַ פּעקל עסן צו אַ באַקאַנטן פּאָליציאַנט, האָט ער איר אַדורכגעשאָסן די פיס און זי איז פאַרבליבן אַ קאַליקע.

אויך צו מאָרגנס זענען געקומען מאַשינען און מ׳האָט די הונדערט יידן אַוועקגע־פירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. שפּעטער זענען געקומען באַקאַנטע גויים קיין קאָרעליטש און האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געזען, ווי די יידן אַרבעטן און אַז די יידן האָבן געבעטן די גויים, זיי זאָלן איבערגעבן די קרובים, אַז מ׳זאָל זיי צושיקן געלט און קאָלדרעס, ווייל זיי שטאַרבן פון הונגער און שלאָפן אויף דער גאַס. אַלע, פאַרשטייט זיך, האָבן געשיקט דורך די גויים אַלץ וואָס מ׳האָט נאָר געקענט. אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. די גויים פלעגן קומען און אויסנאַרן ביי די יידן דאָס געלט און זאַכן. ווען די קאָרעליטשער יידן האָבן געבעטן די גויים, זיי זאָלן ברענגען עפּעס אַ בריוול פון די יידן, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי האָבן מורא צו שרייבן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסער ליגן. דער אמת איז געווען, אַז מ׳האָט באַלד די הונדערט יידן דערשאָסן און מ׳האָט אַפילו נישט געוווּסט דעם אָרט, ווו זיי ליגן באַגראָבן.

צו די יידן פון קאָרעליטש פלעגן אָפט קומען באַקאַנטע פויערים פון דער געגנט און האָבן פאָרגעלייגט, אַז די יידן זאָלן ביי זיי באַהאַלטן פאַרשיידענע ווערט־זאַכן, געלט, גאָלד, סחורות און שטוב־זאַכן. אַלץ איינס, האָבן די גויים געטענהט, וועט מען אייך אויסהרגענען, איז איידער אייער גוטס זאָל פאַרבלייבן ביי די דייטשן, גיט אונדז בעסער אָפּ. דערביי האָבן די גויים צוגעזאָגט, אַז אויב ס׳וועט וועמען געלינגען צו איבערלעבן די מלחמה, וועט דער ייד, פאַרשטייט זיך, קענען אָפּנעמען צוריק זיין האָב און גוטס.

דעם 15טן אויגוסט 1941, זענען דורכגעפאָרן דורך קאָרעליטש אַ סך דייטשן און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין שטעטל. זיי זענען באַלד אַוועק אין די יידישע הייזער כלומרשט זוכן געווער. אָבער זיי האָבן צוגענומען די בעסערע זאַכן בעת די רעוויזיעס. אונטער דעם אויסרייד, אַז זיי זוכן געווער, האָבן זיי גערויבט יידיש האָב און גוטס. איינע אַ פרוי פון שטעטל, לאַץ חנקה — האָט מען איר גערופן, איז צוגעגאַנגען צו די דייטשן און האָט געפרעגט צי מען קאָן פאָרן קיין לאַץ. זי איז געווען מיט אַ מאַן און אַ יינגעלע פון 8 יאָר. די דייטשן האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ קעלער און מ׳האָט זיי דאָרט געהאַלטן אַ האַלבן טאָג, און נאָכער האָט מען זיי דערשאָסן. די זעלבע דייטשן האָבן באַפוילן דעם יודנראַט, אַז זיי זאָלן צושטעלן דעם רב ר׳ ישראל וויערניק צוזאַמען מיט נאָך 10 מענטשן. ווען דער רב מיט די 10 יידן זענען געקומען, האָבן די דייטשן באַפוילן אַרויסטראָגן אויפן גאַס אַלע ספרי־תורות, טליתים, סידורים, תפילין און די מעבל פון שול. די דייטשן האָבן דאָס אַלץ אונטערגעצונדן און פאַרברענט. זיי האָבן אויך געוואָלט דעם רב אַרויפלייגן אויפן שייטערהויפן און פאַרברענען. אָבער ס׳האָט זיך זיי געדוכט, אַז דאָס וועט לאַנג דויערן. נישט ווייט פון דעם פּלאַץ האָט זיך געפונען אַ ברונעם, האָבן זיי געוואָלט דעם רב אַריינוואַרפן אין ברונעם. אָבער היות ווי דער ברונעם איז געווען נישט קיין טיפער און דער רב איז געווען אַ הויכער, האָבן זיי אים

נישט אַריינגעוואָרפן. דערפאַר האָבן זיי זיך שטאַרק איזדיקעוועט איבער אים. די דייטשן האָבן ביים רב אַרויסגעריסן די באָרד מיטן פלייש צוזאַמען. ער איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. דערביי האָבן זיי געמאַכט אַ שפּיל: זיין באָרד האָבן זיי געוואָרפן אויפן פייער. זיי האָבן געזאָגט, אַז אויב די באָרד וועט בלייבן ליגן אויפן שייטערהויפן, וועלן זיי אויך דעם רב אַוועקלייגן און פאַרברענען, און אויב די באָרד וועט דער ווינט אַוועקבלאָזן, וועלן זיי דעם רב באַפרייען. דער ווינט האָט דעם רבס באָרד אַוועקגעבלאָזן פון דעם פייער און די דייטשן האָבן דעם רב באַפרייט.

אינגאַנצן אַ פאַרגאָסענעם מיט בלוט האָבן די יידן אַוועקגעפירט דעם רב אַהיים. נאָכער האָבן די דייטשן געפירט צום פייער אַ טייל יידן, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן פאַרשפאַרט אין אַ קעלער און האָבן זיי געוואָלט פאַרברענען, אָבער פירנדיק זיי אויפן וועג צום פייער, איז געלונגען די יידן צו אַריינלויפן אין שול. די דייטשן האָבן זיי געכאַפּט און אין שול אויפן אָרט דערשאָסן. אויף צו מאָרגנס האָבן די דייטשן צוגענומען דעם רב, אַוועקגעפירט אים קיין נאָוואָרעדאָק, געמאַטערט אים אַ פּאָר טעג אין טורמע און דערנאָך דערשאָסן.

קיין שולן זענען שוין אין קאַרעליטש נישט פאַראַן. די ספרי־תורות און ספרים פאַרברענט. פלעגן זיך די יידן צונויפקלייבן געהיים אין פּריוואַטע הייזער און מ׳פלעגט דאַוונען.

איך האָב געזען, אַז אין קאַרעליטש דערוואַרט מיר נישט קיין גוטס און דאָס שטעטל גוססט, האָב איך באַשלאָסן אַוועקגיין קיין נאָוואָרעדאָק, אין דער גרעסטער שטאָט, וווּ ס׳האָבן געלעבט מערערע יידן. איך בין געגאַנגען נאָר ביינאַכט, ווייל ביי טאָג האָב איך מורא געהאַט און אַחוץ דעם איז די יידן געווען פאַרבאָטן צו איבער־גיין פון איין פלאַץ צום צווייטן און אין פאַל, ווען מען פלעגט כאַפּן אַ ייד אין וועג, פלעגט מען אים באַלד דערשיסן. מיט גרויסער שרעק בין איך אָנגעקומען קיין נאָוואָ־רעדאָק. דאָס איז געווען אַ פרייטיק, דעם 29סטן אויגוסט. די שטאָט איז געווען פאַר־ברענט. איך בין אַריין צו אַ ייד, שלמה גלעזער, ער האָט מיר דערלויבט זיין ביי אים שבת. גראָד דעם שבת אין דער פרי איז געוואָרן אַ טומל אין שטאָט. מ׳האָט באַפוילן אַלע מענער זיך צושטעלן אויפן מאַרק. די דייטשן האָבן אויסגעקליבן אַריבער 50 מאַן, געהייסן זיי טאַנצן און טאַנצנדיק האָבן די דייטשן זיי דערשאָסן. דערביי זענען געשטאַנען די געסטאַפּאָ־לייט און געשפּילט אויף האַרמאָשקעס און געלאַכט, צוקוקנדיק זיך צו דעם טויטן־טאַנץ פון די יידן.

איך האָב געזען, אַז אויך אין נאָוואָרעדאָק וועל איך זיך נישט קענען איינאָרדנען און אַז איך האָב דאָ נישט קיין פלאַץ, בין איך אַוועק צוריק קיין קאַרעליטש. אַזוי גייענדיק, אויפן וועג, האָט מיר באַגעגנט אַ גוי און האָט מיר געפרעגט צי כ׳בין אַ ייד? איך האָב אים דערציילט אין וואָס פאַראַ לאַגע כ׳געפין זיך. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט.

אַז ער איז אַ רוסישער מאַיאָר, הייסט קוזניעצאָוו מיכאיל מיכאַילאָוויטש. ער איז פאַר־בליבן צוזאַמען מיט פיל רוסישע קריגס־געפאַנגענע אין די דערפער. זיי אַרבעטן ביי פויערים און אַז זיי אָרגאַניזירן אַ פאַרטיזאַנישן אָטריאַד. ער האָט מיר אַוועקגעפירט אין אַ דאָרף קריניאַק, האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ פאַלשן דאָקומענט, אַז איך בין אַ רוס, אויפן נאָמען אַלעשקעוויטש אַלעקסיי וואַסילעוויטש, געבוירן אין וויטעבסק, אַ שטומער, פון פאַך אַ שניידער. ער האָט מיר איינגעאָרדנט אַרבעטן ביי דעם סאָלטיס פּרוי, וועלכע איז אויך געווען אַ שניידערין און זי האָט אויך געשטאַמט פון וויטעבסק, יעדן האָט זי געזאָגט, אַז איך בין איר ברודער, אַ שטומער. אַלץ וואָס איך האָב געהערט און געזען וועגן די דייטשן האָב איך איבערגעגעבן דעם מאַיאָר, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ צווייטן דאָרף, סלאָבאָדאַ, אין פאַרטיזאַנישן שטאַב. דער מאַיאָר פלעגט אָפט צו מיר קומען און איך פלעג אים איבערגעבן די אינפאָרמאַציעס. אַזוי האָב איך סימולירט אַ שטומען גוי, אַ שניידער.

איין מאָל האָט מען מיר אַרויסגערופן אין פאַרטיזאַנישן שטאַב. דאָרט זענען זיי געווען גרויסע אַנטיסעמיטן. זיי האָבן ביי מיר צוגענומען מיין פאַלשן דאָקומענט און האָבן געזאָגט, אַז ווייטער קען איך נישט פאַרבלייבן אין דאָרף און איך מוז גיין צוריק קיין קאָרעליטש, ווו ס׳געפינען זיך יידן. כ׳זאָל דאָרטן שאַפן געווער און אָרגאַניזירן אַ גרופּע יידן, וועלכע וועט זיין גרייט אַוועקגיין צו די פאַרטיזאַנער.

איך בין אָנגעקומען צוריק קיין קאָרעליטש, אַריין צום פּרעזעס פון יודנראַט, שמעון זאַליוואַנסקי. ער איז געווען זייער אַ גוטער מענטש, האָט מיר געוואָלט איינמעלדן. אָבער דער שרייבער ליפּקאַן האָט בשום אופן נישט געוואָלט. איך האָב אַלץ דערציילט דעם פּרעזעס, מיט וואָס פאַראַ ציל איך קום קיין קאָרעליטש און אַז אין פאַל פון אַ שחיטה, וועל איך קענען אַ סך העלפן אַ דאַנק די פאַרטיזאַנער. דער פּרעזעס האָט אַוועקגעטראָגן אַ גאָלדענעם זייגער איינעם אַ שרייבער פון דער געמינע און צום סוף האָט מען מיר איינגעמאָלדן און אַרויסגעגעבן אַ דאָקומענט. איך האָב זיך איינגעאָרדנט אַרבעטן אַלס שניידער ביי וועלווועלע קאָזאַק. איך האָב געהאַט, פאַרשטייט זיך, אַ קאָנטאַקט מיט די פאַרטיזאַנער. זיי פלעגן קומען צו מיר און איך פלעג זיי איבערגעבן וויכטיקע אינ־פאָרמאַציעס.

אין קאָרעליטש האָבן מיר זיך אָרגאַניזירט אַ קליינע גרופּע און געוואָלט אַוועקגיין צו די פאַרטיזאַנער. מיר האָבן געמאַכט אַלע באַמיִונגען צו שאַפן געווער. אַוועקגיין איז נישט געווען אַזוי שווער, אָבער מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז נאָך דעם ווי מיר וועלן פאַרלאָזן דעם געטאָ, וועלן די דייטשן אויסהרגענען אַלע יידן, ווייל די דייטשן האָבן אָנגעווענדעט לגבי די יידן אַ געזעץ פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט. צו דער גרופּע האָבן געהערט, אַ חוץ מיר, משה שילינג, דוד ליפשיץ, בענטשע

גולקאָוויטש, איטשקע הילערט, אַ פרוי העלענע קאַליטאַ, דוד ליפשיץ אויך דער פרייער דוד. צו אים פלעגן קומען פּאַרטיזאַנער און מיר האָבן געהאַט מיט זיי אַ קאָנטאַקט.

אין קאַרעליטש האָבן זיך געפונען בלויז 2 דייטשן — דער קאָמענדאַנט און נאָך אַ דייטש. אָבער די פּאָליציי האָט אָנגעטאָן די יידן גרויסע צרות. אין שטעטל האָט זיך געפונען אַ לאָדזשער ייד, אַ פּליט, געהייסן ליבהאָבער. ער האָט געקענט רעדן זייער גוט דייטש, איז געווען ביים קאָמענדאַנט אַ דאָלמעטשער און האָט אויפן קאָמענדאַנט געהאַט אַ גרויסע השפעה. דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט נישט דערלויבט, אַז די קאַרעליטשער פּאָליציי, וואָס איז באַשטאַנען דורכויס פון אָרטיקע קריסטן, זאָל אַזוי בושעווען. די פּאָליציאַנטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער יידישער דאָלמעטשער פאַרמסרט זיי פאַרן קאָמענדאַנט. איין מאָל, אין נאָוועמבער 1941, האָט אַ פּאָליציאַנט אויפגעוועקט אים פון שלאָף און געזאָגט, אַז דער קאָמענדאַנט רופט אים. ווען ליבהאָבער האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַוועק צום קאָמענדאַנט, האָט אים דער פּאָליציאַנט אויפן וועג דערשאָסן. דער פּאָליציאַנט האָט געהייסן בריצקאָווסקי.

ביי דעם שוסטער אַברהמל באַליטניצקי האָט געאַרבעט אַ שגץ יוזשיק. ער איז געווען אַ פּאָליציאַנט. איין מאָל איז ער געקומען און האָט אַרעסטירט דעם שוסטערס טאָכטער און אַוועקגעפירט זי אין דער פּאָליציי. דאָרט האָט מען איר שטאַרק געמאַטערט און געשענדעט. שפּעטער איז זי דערשאָסן געוואָרן אין נאָוואָרעדאָק.

אין קאַרעליטש איז געווען אַ מילנער, אַלטער סערעברעניק. ער האָט זיך אויס־באַהאַלטן אין אַ דאָרף ביי אַ גוי. די פּאָליציי האָט אים געזוכט און געפונען. מ׳האָט אים צוגעבונדן מיט אַ שטריק צום עק פון פערד און מ׳האָט דעם פערד געטריבן איבערן שטעטל און אַלטער האָט זיך געשלעפּט איבער דער ערד. דאָס איז געווען אין דעצעמבער 1941. מ׳האָט אים צוגעפירט צום טייך און אויסגעהאַקט אַ לאָך אין דעם אייז און מ׳האָט אים מיט אַ שטריק אַריינגעלאָזן אין וואַסער. אַזוי עטלעכע מאָל אים געטונקט אין קאַלטן וואַסער. שפּעטער אים ווידער געשלעפּט אַ צעבלוטיקטן איבער די גאַסן. מ׳האָט אים אַריינגעוואָרפן צו די פערד אין שטאַל, וווּ ער איז געלעגן אַן באַוווּסטזיין אַ גאַנצע נאַכט ביז ער איז כמעט פאַרפרוירן געוואָרן. אויף צו מאָרגנס איז געקומען די געסטאַפּאָ און זיך געפרייט, וואָס די פּאָליציאַנטן האָבן געטאָן מיט אַלטער סערעבריאַניק.

ביי אונדז האָט זיך געפונען אַ בחור פון אַ יאָר 20, מרדכי דושקין. ער איז געווען זייער אַ געזונטער, אַ קצבס אַ זון. אין דער צייט, ווען די גוים פלעגן גיין ראַבירן, האָט ער זיך אַנטקעגנגעשטעלט און זיי האָבן פאַר אים מורא געהאַט. איצט האָבן די גוים אויסגעניצט די געלעגנהייט און מ׳האָט אים צוזאַמען מיט אַלטער סערעבריאַניק אַוועק־געפירט הינטער דער שטאָט און זיי ביידן דערשאָסן. אַלטער איז שוין סיי ווי געווען כמעט אַ פאַרפרוירענער, ווי אַ שטיק האָלץ. זיי האָבן גענומען אַ בחור, יוסף חאליבּ, ער זאָל אויסגראָבן אַ גרוב, אים באַפוילן ער זאָל אַריינוואַרפן אַלטערן סערעבריאַניקן און

דושקינען אין גרוב און זיי פאַרשיטן. דער בחור האָט זיך אָפּגעזאָגט, האָט אים אַ פּאָליציאַנט געגעבן אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ. דאַן האָט יוסף חרלוף דערלאַנגט דעם פּאָליציאַנט מיטן רידל איבערן קאָפּ און האָט אויסגעשריען: אייער סוף וועט זיין דער זעלבער ווי אונדזער סוף. דאַן האָבן די פּאָליציאַנטן אים דערשאָסן.

די דייטשן האָבן אונדז געטריבן אויף די שווערסטע אַרבעטן, זיי האָבן אונדז באַפוילן צו אָנלאָדן אַ גרויסע מאַשין היי אין משך פון אַ האַלבער שעה, אויב נישט, האָבן זיי געדראָט אונדז צו דערשיסן. מיר זענען געווען 10 מאַן. מיר האָבן אָנגעלאָדן די מאַשין און נאָכער האָבן זיי אונדז באַפוילן, אַז מיר זאָלן אַליין שלעפּן די מאַשין. מיר האָבן זי בשום אופן נישט געקענט רירן פון אָרט. דערביי האָבן די דייטשן מיט די גויים מיט שטעקנס אונדז געשלאָגן און געטריבן. אָבער מיר האָבן אַלץ איינס נישט געקענט רירן די מאַשין פון אָרט. אַזוי האָבן זיי אונדז די גאַנצע צייט געמאַטערט און געשלאָגן.

אין אָנפאַנג דעצעמבער 1941 האָט מען שוין די אַרומיקע שטעטלעך אָנגעהויבן מאַכן יודנריין. אין טורעץ, צום ביישפּיל, האָט מען אַ העלפט יידן אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם, באַפוילן אויסגראָבן אַליין גריבער און מ׳האָט זיי דערשאָסן. איין פרוי איז געלונגען פון דאָרט אַנטלויפן, איז זי געקומען צו אונדז און האָט דאָס אונדז דערציילט.

סוף יאָר 1941 זענען די דייטשן מיט דער פּאָליציי אַוועקגעפאָרן אויף אַ פּאָר טעג. קיינער האָט נישט געוווּסט וווּהין זיי זענען געפאָרן. דערנאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט פון די גויים, אַז אין נאָוואָגרודעק האָט מען אויסגעהרגעט זייער אַ סך יידן. אַ סך קאָרעליטשער יידן האָבן דאָרט געהאַט קרובים און באַקאַנטע, האָבן מיר געוואָלט וויסן, וואָס איז געווען אין נאָוואָגרודעק. מיר האָבן באַצאָלט אַ גוי און אים געבעטן ער זאָל פאָרן קיין נאָוואָגרודעק זיך דערוויסן די אמתע לאַגע, ווייל יידן האָבן דאָך נישט געטאָרט פאָרן פון איין שטאָט אין דער צווייטער. דער גוי איז צוריק געקומען און האָט געבראַכט אַ בריוו פון אַ יידן, אין וועלכן ער האָט געשריבן דעם אמת, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין נאָוואָגרודעק. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז מ׳האָט די יידן אַרויסגעטריבן פון די הייזער אויפן גאַס, געמאַכט אַ סעלעקציע. די פאַכלייט אַריבערגעפירט אין דעם בנין פון געוועזענעם פּוילישן געריכט און די איבעריקע דערשאָסן הינטער דער שטאָט. ביי דער סעלעקציע האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדע סצענעס. מ׳האָט אָפּגעטיילט קינדער פון עלטערן, פרויען פון מענער; איינע צום לעבן, די צווייטע צום טויט.

אין קאָרעליטש האָבן די דייטשן באַפוילן צו שאַפן אַ געטאָ. דאָס איז געווען אין פעברואַר 1942. מ׳האָט געמוזט פאַרלאָזן די הויפּט־גאַסן און אַריבערגיין אין אַ פּאָר הייזער. אין יעדן הויז האָבן זיך צונויפגעשטיקט אַ סך משפחות מ׳האָט בלויז דערלויבט מיטנעמען אַזוי פיל זאַכן, וויפל מ׳האָט געקאָנט טראָגן. אין יעדן הויז האָבן געוווינט

צו 50 מאַן, געמאַכט 3 שטאָקיקע בעטן מיט אַ שמאָלן דורכגאַנג פון אַ 40 סענטימעטער. מ׳האָט געלעבט אין ענגשאַפט און אין הונגער. קינדער פלעגן פרעגן פאַרוואָס גייען אַרום די גוייאישע קינדער פראַנק און פריי און אונדז האָט מען פאַרשפּאַרט? די גוייאישע קינדער פלעגן פאַרבייגיין דעם געטאָ און זיך רייצן מיט די יידישע קינדער. זיי פלעגן זאָגן, אַז אַלץ איינס וועט מען די יידן דערשיסן. די ערשטע צייט האָט מען געוויינט, אָבער ביסלעכווייז האָט מען זיך צוגעוווינט צו די צרות.

פאַר אַלע פאַכלייט האָט מען איינגעאָרדנט אויסערן געטאָ וואַרשטאַטן. גויים פלעגן ברענגען פון גמינע אַ צעטל און מ׳פלעגט זיי אַלץ מוזן מאַכן אַן געלט. ס׳האָבן זיך געפונען אויך אַזעלכע גויים, וועלכע פלעגן פאַר דער אַרבעט צוואַרפן אַ שטיקל ברויט, קאַרטאָפל, אָדער עפּעס אַנדערש. מיר האָבן געליטן גרויסע צרות. מ׳האָט אונדז אין די גרויסע פרעסט געטריבן אַרויסשלעפּן די מאַשינעס, וואָס זענען געבליבן שטעקן אויף די וועגן. דערביי האָט מען אונדז מיט שטעקנס געשלאָגן. אַז מ׳האָט שוין אַרויסגעשלעפּט די מאַשינעס, האָט אונדז די פּאָליציי געהייסן ברענגען וואַסער אין היטלען און אַרומוואַשן די רעדער. דערנאָך האָבן מיר געמוזט אַרומלעקן מיט די צינגער די רעדער; נאָכער האָבן מיר געמוזט מיט די צינגער אַרומלעקן זייערע שטיוול. אויף צוריק האָבן אונדז די דייטשן באַפוילן זיך אויסטאָן ביזן העמד און גייענדיק זינגען רוסישע לידער. אָבער מיר האָבן געזונגען: „ווען וועט שוין זיין די גאולה און אַז משיח זאָל שוין קומען, אַזוי זענען מיר געקומען צוריק, און ווידער געאַרבעט. נישט איינער האָט דאָס אַדורכגעקרענקט. איך אַליין בין 4 וואָכן געלעגן קראַנק מיט אַ לונגען־אַנצינדונג.

די ליקווידאַציע פון קאַרעליטשער געטאָ

אין מאי 1942, האָבן די דייטשן גערופן דעם יודנראַט און באַפוילן צונויפשטעלן אַ רשימה פון אַרבעטער, בכדי צו אַרויסשיקן אויף אַרבעט קיין נאַוואָגרודעק, אויך פרויען און קינדער. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל מען אונדז נישט שיקן אויף אַרבעט, נאָר אומברענגען. האָט מען זיך איינגעשפּאַרט און זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן. צו יענער צייט זענען מיר שוין געווען אָרגאַניזירט און געהאַט אַ ביסל געווער, און מ׳האָט זיך געקליבן אַוועקגיין צו די פּאַרטיזאַנער. אָבער יעדן אין דער פרי און פאַרנאַכט פלעגט מען ציילן די מענטשן און אויב איינער וואָלט געפעלט, האָט אַלעמען געדראָט דער טויט. מיר האָבן דעריבער זיך אָפּגעזאָגט צו אַנטלויפן צו די פּאַרטיזאַנער אויס מורא, אַז צוליב אונדז זאָלן ליידן אַלע יידן פון געטאָ. אין יודנראַט און אין דער יידישער פּאָליציי זענען געווען גוטע מענטשן און זיי האָבן דערוויל נישט צונויפגעשטעלט די רשימות.

ס׳זענען אַריבער עטלעכע וואָכן און די דייטשן האָבן ווידער גערופן דעם יודנראַט

און געגעבן אַ באַפעל, אַז אין דריי טעג מוז מען מאַכן קאָרעליטש יודן־ריין. און אויב די יידן וועלן מיט גוטן נישט אַרויספאָרן, וועט מען אַלע צושיסן. ס׳איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה און מ׳האָט געפאַקט די זאַכן און זיך געקליבן אין וועג אַריין. דערביי האָט מען אָנגעזאָגט די גויים פון די דערפער, אַז מ׳גייט אַרויספירן די קאָרעליטשער יידן קיין נאָוואָגרודעק. די גויים, ווי היישעריקן, זענען אָנגעלאָפן קיין קאָרעליטש און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַנדל, מ׳האָט געביטן זאַכן. די גויים האָבן אָנגעלאָדן פולע פורן מיט יידישן האָב און גוטס און אַוועקגעפירט צו זיך אַ היים.

דער זאַמל־פּלאַץ איז געווען אויפן מאַרק. מ׳האָט אַלעמען געהייסן זיך אויסשטעלן אין פירן, צוזאַמען מיט די פרויען און קינדער, יעדער לעבן זיין משפחה. די קינדער האָבן געפרעגט וווּהין פירט מען אונדז? דערביי געוויינט. אַ סך גויים זענען געשטאַנען און געלאַכט. זיי האָבן זיך געפרייט מיטן יידישן אומגליק. די יידן האָבן געפילט, אַז זיי געזעגענען זיך אויף אייביק מיט זייער ליב און טייער שטעטל קאָרעליטש. קיינער האָט נישט געהאַט קיין אילוזיעס. דאָס איז שוין די לעצטע שעה פון דער קאָרעליטשער קהילה.

די אַלטע און קראַנקע מענטשן, וועלכע זענען געלעגן אין די בעטן און נישט געקענט גיין צום מאַרק האָט מען דערשאָסן אויפן אָרט אין זייערע הייזער. מיר האָבן די מתים געדאַרפט טראָגן אויפן בית־הקברות און זיי באַערדיקן. נאָך דעם ווי מ׳האָט געבראַכט צו קבורה די פרישע קרבנות איז געקומען דער באַפעל פון פאַרלאָזן קאָרעליטש. עס האָט זיך געטאָן חושך: מ׳האָט געוויינט און אַ טייל האָט געחלשט. מענטשן האָבן זיך געזעגנט מיט זייער שטעטעלע, וווּ זיי זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן, מיטן שטעטל, וווּ מ׳האָט אַ גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט און איצט פאַרלאָזט מען עס אויף אייביק.

ווען די מענטשן מאַסע האָט גערירט, האָט זיך געפונען אַ טייל, וואָס האָט געוואָלט זיך צוריק קערן, אָבער די פּאָליציי האָט זיי געטריבן צוריק און געדראָט צו דערשיסן.

אַזוי זענען מיר געווען די לעבעדיקע עדות פון דעם חורבן און אונטערגאַנג פון דער רומפולער, אַלטער קאָרעליטשער קהילה. דאָס איז געווען סוף מאַי 1942.

אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געגאַנגען אין אַ גרויסער היץ 21 ק״מ קיין נאָוואָ־גרודעק. ווען מיר זענען אָנגעקומען איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין פערעשעקאַ, אין געטאָ. ס׳איז געוואָרן פינצטער. איינער דעם צווייטן האָט קוים געזען. ס׳האָט געגאָסן אַ גוס רעגן און מיר זענען אַלע אַדורכגענעצט געוואָרן ביזן ביין.

אַ לאַנגע צייט זענען מיר אַזוי געשטאַנען אויף דער גאַס. נאָכער האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין שטאַלן.

חיה ניעגניעוויצקי — אַטלאַנטאַ־געאָרגיאַ

זכרונות פון דער חורבן־תקופה

אונדזער פאַמיליע איז באַשטאַנען פון 8 פּערזאָן: די עלטערן און 6 קינדער. דער גורל האָט געוואָלט אַז איך זאָל אַליין בלויז איבערבלייבן פון מיין אומפאַרגעסלעכער משפחה.

מיינע עלטערן זיינען געווען ערליכע אַרבעטסזאַמע מענטשן און זיי האָבן געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו געבן די קינדער אַ גוטע דערציונג. מיר די יינגערע קינדער זיינען באַאיינפלוסט געווען פון דער עלטערער שוועסטער עשקת וועלכע איז געווען זייער אַ באַגאַבט און אינטעליגענט מיידל, און מיר האָבן שטענדיק געוואָלט נעמען אַ ביישפּיל פון איר. זי איז אומגעקומען צוזאַמען מיט איר מאַן און 2 קינדער אין שטעטל מיר.

ווען די דייטשן האָבן אין פרילינג 1942 אַרויסגעפירט די קאַרעליטשער יידן קיין נאָוואָגרודעק, בין איך געווען צוזאַמען מיט מיין משפחה. אין נאָוואָגרודקער געטאָ האָבן מיר שוין געפילט אַז די דייטשן ברענגען אַהין די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, בכדי זיי דאָרטן אומצוברענגען.

אין יוני 1942 ווען ס'איז פאַרגעקומען די אַקציע אין נאָוואָגרודעקער געטאָ, בין איך מיט מיין שוועסטער רבקה געווען אין שטאָט, און די איבעריקע פאַמיליע־מיטגלידערס זענען דאַן געווען אין די בנינים פון סוד, און אַזוי אַרום זיינען מיר לעבן געבליבן. איך מיט רבקהן צוזאַמען מיט אַנדערע יידן זיינען באַשטימט געוואָרן צו גיין אין די קאַשאַרן, און ווי מ'האָט דאַן געגלויבט, זענען די יידן אין די קאַשאַרן באַשטימט געוואָרן צום לעבן. אָבער ווען מיר זיינען אַהין אָנגעקומען, זיינען אונדזערע פּלעצער געווען פאַרנומען דורך אַנדערע יידן. דאָרט איז געווען אַ גרויסער כאַאָס, און די דייטשן האָבן אונדז געפירט צוריק אין פּערעשעקער געטאָ. איך האָב פאַרשטאַנען אַז דער געטאָ איז אַ פאַסטקע, אַז מען דאַרף אַנטלויפן. אויסנוצנדיק די געלעגנהייט וואָס מען האָט אונדז געפירט פאַרביי דער אַרבעטס־אַמט, אַנטקעגן דער טורמע, האָב איך מיט רבקהן אומבאַמערקטערהייט זיך אָפּגעזונדערט פון דער קאָלאָנע יידן און מיר זענען אַרויף אויפן בוידעם. איך האָב באַשלאָסן זיך דאָרט צו באַהאַלטן, ווייל איך האָב דאָרט געאַרבעט מיט די מולאַרעס און איך האָב דאָרט געקענט יעדן ווינקעלע.

איך האָב פאַרשטאַנען אַז די מולאַרעס אַלס פאַך־לייט, וועט מען דערווייל ניט אומברענגען, און זיי וועלן זיך אומקערן צוריק צו דער אַרבעט נאָך דער אַקציע און פון זיי וועלן מיר זיך דערוויסן ווי אַזוי די לאַגע, און צי מיר קענען אַרויסגיין פון דער באַהעלטעניש. מיר זיינען געלעגן לאַנג אינטער די גרוזן, צעבראָכענע ציגל און זאַמד — גאַנצע 5 טעג, אָן ברויט און אָן וואַסער. ווען די מולאַרעס האָבן זיך צוריקגעקערט, האָבן

מיר שוין פאַרשטאַנען אַז די טראַגעדיע איז גרויס. פיל יידן זיינען שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע.

לאַנג זיין אין דער באַהעלטעניש האָבן מיר ניט געקענט. ס'האָט געמאַטערט דער הונגער און דורשט. איך האָב געזאָגט צו מיין שוועסטער אַז איך וועל אַרויסגיין זוכן אַ רעטונג און אויב אין פאַל ווען איך וועל איר ניט קענען געבן קיין צייכן אַז איך לעב — הייסט דאָס אַז זי דאַרף אַליין זיך ראַטעווען ווי זי קען.


אסתר ניעגניעוויצקי


דאָבע ניעגניעוויצקי

ווען איך בין אַ האַלב פאַרחלשטע אַרויס אין גאַס, האָבן די קריסטלעכע קינדער גלייך מיר דערקענט אַז איך בין אַ יידישע. זיי האָבן געמסרט אַ פּאָליציאַנט און ער האָט מיך באַלד אַרעסטירט און געפירט צו דער פּאָליציי. איך האָב פאַרשטאַנען אַז דאָס איז דער וועג צום טויט. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און מיט טרערן אין די אויגן אים געבעטן ער זאָל מיך ניט פירן צו דער פּאָליציי, און ער זאָל מיר געבן אַ מעגלעכ־קייט זיך צו ראַטעווען. ווארשיינלעך האָבן מיינע טרערן און תנחומים אויף אים געווירקט, און אַנשטאָט מיך צו פירן צו דער פּאָליציי, האָט ער מיך אַוועקגעפירט צו די יידן וועלכע זיינען געבליבן לעבן נאָך דער אַקציע. ער האָט אַפילו מסכים געווען ברייגנען מיין שוועסטער רבקה פון דער באַהעלטעניש און איר געבראַכט צו מיר. שפּעטער אָבער איז זי טראַגיש אומגעקומען צוזאַמען מיט מיינע ליבע עלטערן און טייערן ברודער אַברהם.

איך בין איבערגעבליבן צוזאַמען מיט מיינע צוויי יינגערע שוועסטער דאָבע און גיטעלע אין פארעשעקער געטאָ, עלנט אין הונגער און נויט. מיר האָבן געפילט אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף פון אונדזער לעבן און מען דאַרף זען אַ וועג זיך צו ראַטעווען. אין יענער צייט זענען פיל יידן שוין געלאָפן פון נאָוואָגרודקער געטאָ אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן שוין געוווּסט אַז די אַנטלאָפענע געפונען זיך ביי ביעלסקין אין אָטריאַד.

דער טויט האָט געלויערט אויף יעדן שריט און טריט. מיר האָבן זייער געוואָלט אַז עס זאָל כאָטש איבערבלייבן אַ זכר פון אונדזער ברייט־פאַרצווייגטער משפחה; אַז מיר מוזן אַנטלויפן פון געטאָ. דעם 15־טן מערץ 1943, ווען די זון האָט אָנגעהויבן שוין אַ ביסל צו וואַרעמען און דער שניי האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צוגיין, איז שטאַרקער געוואָרן דער געפיל צו בלייבן לעבן. מיר האָבן באַשלאָסן אַנטלויפן פון געטאָ איינציק־ווייז. אונדזער ציל איז געווען צו טרעפן זיך אין אַ געוויסן פונקט לעבן קאַרעליטש.

גיך האָבן מיר זיך אַרויסבאַקומען דורך די געטאָ דראָטן, יעדע פון אונדז באַזונדער. מיר האָבן געהאָפט אַז באַקאַנטע קאַרעליטשער קריסטן וועלן אונדז העלפן, אָבער לײדער, האָט מען דאָבען און גיטעלען געכאַפּט אַרום קאַרעליטש און מ׳האָט זיי דערמאָרדעט; אַזוי האָב איך זיי פאַרלוירן אויף אייביק.

אַזוי אַז נאָכן אַנטלויפן פון נאָוואָגרוֹדקער געטאָ האָב איך שוין מיינע ליבע שוועסטער ניט געטראָפן אויף דעם אָפגערעדטן פונקט. צוויי וואָכן האָב איך זיך אַרומ־געשלעפּט אַרום די דערפער אויף די וועגן און אין די וועלדער. איך האָב מיט די לעצטע כוחות זיך דערשלאָגן צו אַ וואַלד ווי יידן געראַטעוועטע פון די געטאָס נאָך די שחיטות האָבן זיך געפונען אין אַ באַהעלטעניש. ביינאַכט פלעגן מיר אַרויסגיין פון דער באַהעלטעניש כדי צו זוכן עפּעס צום עסן. מיר פלעגן גיין בעטלען פון הויז צו הויז און ניט איינמאָל האָב איך באַדויערט וואָס איך בין געבליבן לעבן. ווו געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט. אַ טייל אויסבאַהאַלטענע יידן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן פון דייטשן, ווי אויך פון באַוואָפנטע פאַרטיזאַנער. מיט גרויסע ניסים איז מיר געלונגען זיך צו ראַטעווען פון זייערע מערדערישע הענט.

אין אָקטאָבער 1943 האָט זיך אונדזער גרופּע יידן פאַראייניקט מיט ביעלסקיס אָטריאַד אין נאַליבאָקער פּושטשע. אין דעם אָטריאַד זיינען מיר שוין ניט געווען עלנט און מיר זיינען געווען באַשיצט. איך האָב אויסגעפילט מיינע פּאַרטיזאַנישע פליכטן: געשטאַנען אויף דער וואַך און געטאָן אַנדערע אַרבעטן. אין ביעלסקיס אָטריאַד האָב איך חתונה געהאַט מיט מיין מאַן וועלכער איז געווען אַ גוטער פּאַרטיזאַן.

זומער 1944, ווען מיר זיינען באַפרייט געוואָרן און מיר זיינען אַרויס פון די וועלדער, האָב איך זיך צוריקגעקערט צו אונדזער פריער ליבער שטעטעלע קאַרעליטש. ס׳האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ צוקוקנדיק זיך ווי דאָס שטעטל איז פאַריתומט. ניטאָ קיין יידן, די הייזער פאַרנומען דורך אָרטיקע גויים, יעדעס יידיש הויז האָט דוכט זיך געוויינט און געטרויערט. ס׳האָט ניט געהאַט קיין צוועק צו פאַרבלייבן אין קאַרעליטש, און ווען איך האָב זיך דערוואַרט מיין מאַן וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט פון דער רויטער אַרמיי נאָך דער מלחמה, זיינען מיר אין סעפּטעמבער 1945 אַנטלאָפן פון דער פאַרשאָלטענער מיט יידיש בלוט אַדורכגעווייקטער ערד. 4 יאָר האָט געדויערט ביז מיר האָבן זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע, ווו מיר האָבן אין אַטלאַנטאַ — געאָרגיאַ געשאַפן אונדזער היים.

חיים־לייב דווארעצקי

אין שאָטן פון טויט

איך שטאַם פון איוויע און האָב חתונה געהאַט מיט טייבל טראַצקי פון קאַרעליטש. מיין שווער ר׳ משה־שמואל טראַצקי, איז געשטאָרבן נאָך אין די יונגע יאָרן. ער איז געווען באַקאַנט אין קאַרעליטש אַלס אַ האַרציקער, גוטער ייד, אַ בעל תורה, האָט ליב געהאַט צו טאָן אַ טובה. ער איז געווען אַ וואַלד־סוחר און האָט געהאַט אַ גוטן שם אין שטעטל און אין דער געגנט. אויך די שוויגערביילע מיט די קינדער מאָטקע און באַשע, האָבן געהאַט אין קאַרעליטש אַ שיינעם נאָמען, געגעבן צדקה פאַר נויטבאַדערפטיקע. זיי זיינען אומגעקומען אין נאָוואָגרודעק, אין דער צייט פון דער גרויסער שחיטה.

איך האָב זיך געפונען אין איוויער געטאָ צוזאַמען מיט מיין משפחה, וועלכע איז באַשטאַנען פון 23 פערזאָן. איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם טרויעריקן טאָג — תשעה באָב 1941 אין איוויע — דער אָנהויב פון אונדזערע גרויסע צרות. אין דעם טאָג האָבן די דייטשן צונויפגעקליבן מענער אויפן מאַרק פּלאַץ. 220 פון די טייערסטע און בעסטע יידן פון שטעטל, איבערהויפּט די אינטעליגענץ: רבנים, שוחטים, דיינים, לערער און אַנדערע פרייע פּראָפעסיעס. אויך מיין טייערער ברודער שמואל (מוליע) איז דאַן אַוועקגענומען געוואָרן פון אונדז אין יענעם טרויעריקן טאָג.

שפּעטער האָט מען אין איוויע צונויפגעקליבן די יידן פון אַלע קלענערע שטעטלעך פון דער געגנט: ליפּנישאָק, סובאָטניק, באַקשט, טראַב, באָריסעווקע ווי אויך די ישובניקעס פון די אַרומיקע דערפער, און דעם 12־טן מאַי 1942, האָבן די דייטשן אַדורכגעפירט די שרעקליכסטע גרויסע שחיטה.

בעת דער סעלעקציע, האָבן אַנדערע געגלויבט אַז כאָטש די פאַכמענער וועלן בלייבן לעבן. אַזוי האָט אַ משפחה פון איוויע איבערגעגעבן זייער איינציקן זון צו אַ שמיד פון טראַב, האָפנדיק אַז אים וועט כאָטש געלונגען צו בלייבן לעבן, עס זאָל איבערבלייבן כאָטש אַ זכר פון דער משפחה. דער גורל האָט אָבער געוואָלט אַז דאָס קינד מיטן שמיד זיינען אומגעקומען אין די עלטערן זיינען לעבן געבליבן און געפונען זיך איצט אין ישראל.

די איבערגעבליבענע יידן האָט מען פאַרשפּאַרט אין אַ קליינעם געטאָ, וועלכער איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט. מיר האָבן געלעבט אין ענגשאַפט, הונגער און קעלט, באַגלייט מיט קלעפּ.

אין יאַנואַר 1943, איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון לידער געביטס־קאָמיסאַר, אַז

איוויע דאַרף ווערן יודן־ריין. מען האָט געטריבן די יידן פון געטאָ צופוס, אין אַ שטאַרקן פראָסט צו דער סטאַנציע גאוויע. דאָרטן זיינען שוין געשטאַנען גרייט עשאַלאָנען מיט לאַסט־פלאַטפאָרמען. אַ טייל האָט מען געשיקט אין באַריסאָוו, אין אַ אַרבעטס־לאַגער, און די איבעריקע אין די לידער וואַרשטאַטן. אונדז האָט מען געשיקט קיין לידע.

אין יענער צייט, איז די לאַגע אין לידער געטאָ געווען זייער אַ שווערע. מיר האָבן אַלע געוווסט, אַז לאַנג וועלן מיר ניט בלייבן לעבן, אָבער מיר האָבן ניט געהאַט קיין אויסוועג. יונגע בחורים און מיידלעך, האָבן פּרובירט זיך פאַרבינדן מיט פּאַרטיזאַנער, אייניקע איז יאָ געלונגען צו אַנטלויפן פון געטאָ, און אייניקע זענען נאָכן אַנטלויפן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער. אַ סך שווערער איז דאָס אַנטלויפן פון געטאָ פאַר די משפחות מיט קינדער. מען האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, ווער וועט אונדז אויפנעמען מיט קינדער? מיר האָבן ממש שוין פאַרלוירן די האָפענונג אַז מיר וועלן זיך קענען ראַטעווען.

אַזוי וואַרטנדיק אויפן טויט, איז איין מאָל געקומען אין לידער געטאָ אַ שליח פון ביעלסקיס אָטריאַד, און האָט אונדז געבראַכט אַ בריוו פון יעקב. ער האָט אונדז אין בריוו געשריבן אַז מיר זאָלן ניט לאַנג וואַרטן און וואָס גיכער אַנטלויפן פון געטאָ און קומען צו זיי אין ביעלסקיס אָטריאַד. און אויב עס איז אויך מעגליך צו ברענגען מיט זיך אַ „קאָטשערע" ד.ה. אַ ביקס. אָבער אויב דאָס איז אוממעגלעך, זאָלן מיר קומען אָן דעם. יעקב האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין זאָרגן, אַז מ'זאָל אונדז אויפנעמען אין אָטריאַד.

איך מוז דאָ באַצייכענען, אַז אָט דער בריוו פון יעקב, האָט אונדז אַריינ־געבראַכט פיל האָפענונג און מוט, און מיר האָבן באַשלאָסן פּרובירן צו אַנטלויפן פון געטאָ. אַזוי האָט אונדזער משפחה צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידן אין אַ אָוונט זיך אַדורכגעריסן די שטעכל־דראָטן פון געטאָ און 2 טעג און 2 נעכט האָבן מיר געבראָדעט אין וועלדער, אַדורכמאַכנדיק אַ מרחק פון 40 קילאָמעטער. אַזוי זיינען מיר הונגעריקע, אָפּגעשוואַכטע אָן כוחות, זיך דערקליבן צו ביעלסקיס אָטריאַד. די ערשטע וואָס האָבן אונדז זייער פריינדלעך אויפגענומען זענען געווען יעקב און יואל מייעראָוויטש. אויך אַנדערע קאַרעליטשער יידן וואָס האָבן זיך געפינען אין אָטריאַד, האָבן צו אונדז אַרויסגעוויזן פיל פריינדשאַפט.

יעקב פלעגט גאַנץ אָפט קומען צו אונדזער פאַלאַטקע און ברענגען עסנוואַרג און אַפילו אַ שטיקל פוטער פאַר די קינדער. שטענדיק פלעגט ער צו אונדז קומען מיט אַ שמייכל און האָט אונדז געטרייסט מיט וואַרעמע ווערטער, אַז מיר וועלן איצט קענען נקמה נעמען פאַר די פאַרגאָסענע אומשולדיקע בלוט פון אונדזערע טראַגיש אומגע־קומענע משפּחות, און אַז מיר וועלן נאָך דערלעבן די באַפרייונג.

מיכאל ולצר־פאס — הוד־השרון

אידל קאגאן

ליל שבת סתוי, ישראלי טיפוסי במלון „הילטון" בתל־אביב. ראשית נובמבר 1970. בחברתו של יעקב אַברמוביץ, מהפעילים הבולטים של ועדת „ספר קורליץ" הסבתי ליד שולחן עם אידל קאַגאַן, אחד מבעלי העסקים הגדולים באנגליה, אשר הוזמן על ידי ממשלת ישראל במסגרת המפגשים עם יהודים עשירים מחו"ל — הקשורים קשר אמיץ עם מדינת ישראל, דואגים לגורלה ומוכנים להטות שכם כדי לעזור למדינה בהדרכה ובמעשים בשטח הכלכלי.

לא הכרתי את אידל קאגאן מקודם, רק את שמו שמעתי: נער יהודי מנובוגרודק, שבילה הרבה בקורליץ לפני המלחמה אצל דודיו וסבתו, עבר כנער את מדורי התופת בגיטו נובוגרודק—קורליץ, היה עם הפרטיזנים; ואחרי המלחמה עבר לאנגליה ועלה בהיראַרכיה הכלכלית גבוה גבוה. עלה ולא שכח את מוצאו, קשור קשר אמיץ עם חבריו הפרטיזנים ועם המדינה. המפגש זומן לי במסגרת הספר שאנשי קורליץ מוציאים לזכר עירם ובניה הטובים. זהו אותו אידל קאגאן הנער אשר באחת הבריחות אל הפרטיזנים קפאו רגליו במימיו הקרחיים של נהר, חזר אל הגיטו כבלתי ליגלי ו„נותח" בסכין ביתי ובניתוח פרימיטיווי; זהו אותו הנער שברח עם אנשי הגיטו דרך המנהרה ונשאר בחיים לאחר שהגרמנים הרגו חלק ארי מן הבורחים. אידל קאַגאַן מספר על אותם הימים, ימי ערב המלחמה, ימי אושר המעטים בחיק המשפחה והקרובים בנובוגרודק ובקורליץ; על הימים הראשונים של המלחמה והסלקציות, מות אביו, אמו, אחותו, דודו ומשפחתו; על ברל קאגאן בן דודו, הפרטיזאן הנמצא בארץ, שנשאר אף הוא יחידי ממשפחתו; על נסיונות השתקעותו בארץ, על ימי חייו הראשונים באנגליה, עלייתו בחיים, נשואיו ובניית קן משפחתו ועל החלטתו לבוא לכאן לתמיד...

הבטתי נוכחי על הפנים המאירים היהודיים של האיש היושב מולי ומספר. ידעתי כי האיש היושב מולי — ביקר בישראל לא פחות מארבע עשרה פעם וחשבתי לי, מהו הכוח והעצמה הטמונים באיש זה? מה החזיק אותו בימים מחרידים אלה בהביטו בעיני הנער שלו בפני המוות פעמים רבות, בעמדו מול כיתת יורים גרמנית ויכול לכל אלה? מהו הכוח שאיפשר לו להתגבר בראותו את היקרים לו נופלים לידו בזה אחר זה — אביו שנשאר אחרי סלקציות רבות בחיים ונהרג בשעת בריחה ממחנה קולדיצ'בה. אמו שנרצחה עם בתה באחת הסלקציות בגיטו כאשר אידל נכה הרגליים ניצל בנס בשכבו על מיטת קרשים מכוסה בגדים וכרים שהרוצחים השליכו עליו, מכיוון שלא הרגישו בו.

מה איפשר לו אחרי כל אלה להמשיך, לנדוד על פני גרמניה, רוסיה ופולין לנסות מזלו פה ושם ולהתחיל בחיים חדישים באנגליה, להצליח ולשמור אמונים ליעודו — לעם, לחבריו וליקיריו.

אימרה עממית אומרת שכאשר הגורל מזמן לו לאדם מפגש במקום מסויים־ יעבור האדם על כל מכשולי תבל ויגיע ליעד הקבוע ויפגש עם הגורל שלו. גורלו של אידל חיכה לו בלונדון — שם עלה לייעודו אך טרם הגיע ליעדו הסופי: כי מן הנדידות הרבות שלו לישראל — נראה, שעוד מצפה לאידל קאַגאַן עתיד ורוד במדינת ישראל.

כוס התה אשר על שולחני התקרר כבר מזמן, הזמן חולף וכאילו באורח אינסטנק־ טיבי אין בי הרצון להטות פני כלפי הכוס כדי ללגום ממנה — אלא לשמוע, עוד ועוד על מה שעבר על האיש הזה. ואידל קאַגאַן מספר כאילו צייר בפניך תמונה חיה מגיא ההריגה, מן הגיטו והסביבה, ומאידך — המאבק שלו לחיים אחרי המלחמה ממאבקו וראשית צעדיו באנגליה הגדולה. שמות של יקרים ואהובים שהוא מזכיר נראים כחרותים על לוח לבו לתמיד: ברל קאגאן הפרטיזאן, בן דודו הגדול ממנו במספר שנים ויושב אתנו כאן בבית המלון אליו חתר אז הנער אידל להגיע אל היערות אל הפרטיזנים.

אתה שומע כך עוד פעם על הזוועות האיומות של הנאצים, מעשיהם המפלצתיים נגד היהודים, מעשים שטרם קם האיש לתת להם פשר והסבר: מדוע? כיצד אירע כל זה?

בפולניה היו רגילים לראות ב„ליטוואַקעס" היהודים שישבו בערים ובעיירות סביב הגבול הרוסי — יהודים גאים, אמיצים ובעלי מחשבה צלולה ומעשית ואכן הוציאה מתוכה יהדות זו בעלי שם מפוארים בספרות, במחשבה, ברפואה, בטכניקה ובכלכלה בכל העולם. לפני ישב „ליטוואַק" מעשי כזה העושה תמיד את אשר צריך ללא התרגשות יתירה וללא קולניות מרובה.

***

אידל קאַגאַן גדל במשפחה אידיאלית בעיר נובוגרודק. אביו יעקב ודודו משה נישאו לשתי אחיות דבורה ושושנה גורביץ מקורליץ. לשתי המשפחות היו 2 ילדים והם חיו כולם תוך אחווה אמיתית ומסירות. לאביו של אידל היה מפעל ובית מסחר לנעלים וסנדלים. הנער אידל גדל איפוא באוירה משפחתית נעימה. לקורליץ היה בא אידל כדרך שבא בן דודו הגדול ממנו, ברל, לסבתא מצד אמא ולדודים. חבריו מקורליץ מספרים על הנער היפה והמצוחצח תמיד שהיה בא כל שנה לקורליץ אהב את אנשיה ושתה בצמאון את סיפורי המעשיות של הנערים והבוגרים, מעשיות שקורליץ היתה ברוכה בהן תמיד.

כאשר פרצה המלחמה והיהודים בעיירות וערי פולין ראו שחצי הגרמנים המורעלים מכוונים בעיקר אליהם להשמידם — החלו לחפש דרך לברוח, להסתתר: כל עיירה חשבה שמא אפשר יהיה להתקיים בעיירה אחרת וכאשר שוגרה משלחת ממשפחת קאגאן בנובוג־ רודק לקורליץ אל המשפחה כדי לבדוק שם את המצב, היה אידל קאגאן ביחד עם בן

דודו הגדול ממנו בשנים, ברל קאַגאַן, עם המשלחת אשר עברה ברגל את משמרות הגרמנים והגיעו תוך סכנת נפשות לקורליץ רק כדי לראות ולהיות בתוך הסלקציה שכבר נעשתה שם למחרת בבקר ולהינצל ממות על פי הנס. עד מהרה חוזרים הם שוב ברגל לנובוגרודק כדי לבשר את הבשורה הרעה שטבעת ההשמדה מקיפה את הכול, הכול.

בתקופה הראשונה של המלחמה והוא אז נער בן 12 בלבד, עובד אידל קאַגאַן באסוף אבנים של בניינים הרוסים וכל מיני עבודות המוטלות עליו. האבא ואחיו מתאימים עתה את מפעל הנעליים שלהם למשהו מותאם יותר — רצענות, ובין השאר מיצרים אוכפים לסוסים שהגרמנים נזקקים להם לסוסיהם. גם מקצוע זה אינו עוזר לזמן רב. הדוד משה קאַגאַן, אשתו שושקה ובנם אליעזר מוצאים להורג באחת הסלקציות הראשונות. מכל המשפחה נשאר בחיים רק ברל קאַגאַן, הודות לעבודתו כמסגר בקסרקטין של הצבא הגרמני, ולאחר הסלקציה הוא נשאר עם משפחת אידל קאַגאַן בגטו נובוגרודק.

מכות וגידופים הם המנגינה היחידה המתלווה אל העבודה ובכל רגע תלויים לו החיים מנגד. באחת הסלקציות הוא מובא בפני כיתת הוצאה להורג ועומד להירות. אידל מנסה להסב את גבו כדי לא להביט בפני המוות, אך הגרמני מפנה אותו בידו בעלת הכפפה הלבנה אל עבר לועי הרובים. שוב נס: ההוצאה להורג נדחית כי בעיני המבצעים זה נראה מוות רגיל מדי ומחליטים לצרפם לסלקציה העומדת להתבצע בימים הקרובים. בינתיים עומד הוא להיות מוצא להורג בסלקציה אחרת: סלקציה של ילדים ונערים. אידל לובש בגדי אבא כדי להיראות גדול, ואיך שהוא עובר את הסלקציה הזאת ונשאר בחיים.

אזור נובוגרודק—קורליץ ידוע היה בפולין ביערותיו הגדולים והעתיקים. ביערות אלה התארגנו בשנות המלחמה פרטיזנים יהודים וכן פרטיזנים פולנים ורוסיים וכנופיות שודדים התארגנו אף הם בלבוש מגוון כשמטרתם שוד וגזל ובפרט שדידת ורציחת יהודים. הפרטיזנים היהודיים בפולין כדי לשמור על חייהם היו חייבים לא אחת להלחם נגד מבקשי נפשם מבין קבוצות פרטיזנים פולניים ואחרים אשר ראו כמצווה וזכות להרוג יהודי או להלשין עליו ולמסרו לידי הגרמנים. פרטיזנים יהודיים היו נתונים לסכנת מוות בין הפרטיזנים הגויים השונים ועליהם היה להזהר בפני קבוצות השודדים או סתם גויים. אבל רבים מבני הנוער היהודי ראו מפלט בצרה הגדולה הזאת על ידי בריחה אל היערות העבותים לשם פחדו הגרמנים לחדור; עצם ההרגשה של אחיזת נשק ביד נסכה בפרטיזנים היהודים בטחון כי הנה לפחות כאשר יפלו — יפלו תוך קרב עם נשק ביד ולא יובלו כצאן לטבח. כאשר בשלה ההכרה הפרטיזנית הזאת אצל חלק מבני הנוער היהודי היה בן דודו מהראשונים אשר הצטרף אל הפרטיזנים ביערות. הנער אידל התחיל אף הוא לחפש לו דרך אל הפרטיזנים ואל בן דודו. סיפור הנסיון הזה של הצטרפות לפרטיזנים, נסיון שהסתיים בקפיאת הרגליים הרי כתוב הוא ב„ספר נובוגרודק" על ידי



אידל קאַגאַן ורעיתו ברברה (שטיינפלד) — תל־אביב, נובמבר 1970

אידל קאגאן עצמו. נסיון הבריחה שנכשל הביא לידי כך שאידל נשאר נכה בגיטו ואף „בלתי ליגלי" כי לא היה רשום יותר בגיטו.

בחזרו אל הגיטו אחרי הבריחה הראשונה התנחם אידל כי לפחות נמצא הוא בחברת משפחתו והקרובים לו אך הגרמנים לא נתנו לאשליה זו אחיזה לזמן רב. ה„סלקציות" באו בזו אחר זו ובכל אחת הוצאו להורג במיתות משונות חלקים שלמים של הגיטו. אחרי שהאמא והאחות נהרגו על ידי הגרמנים חשב אידל כי הנה ייאחז ליד האבא ויעבור אתו את שארית הדרך. בהמשך ימי היאוש תכנן אבא התאבדות ביחד עם הבן אך עד מהרה הוצא האבא ונשלח למחנה אחר, שם נהרג בשעת בריחה.

**
*

המנהרה *

המנהרה שחפרו אנשי הגיטו נובוגרודק — קורליץ ועוד בין נובגרודק וקורליץ היא אחד המבצעים הגדולים והנועזים שתוכנן בנוסח המודרני ביותר. כמה מאות אנשים התגברו

* ראה מחקרו של מר יצחק אלפרוביץ, יד־ושם.

בערמה על הגרמנים, על מלשינים משתפי פעולה ומצאו דרך להחזיק משמעת אצל חלושי אופי ופסימיסטים ובמשך חדשים חפרו מנהרה של כמה מאות מטרים ובסוף יצאו כולם דרכה אל החופש אשר לצער הגדול רק חלק ממנו זכה בסוף, כי הגרמנים הרגישו בבורחים בשעת היציאה והרגו בהם רבים ואחרים נהרגו במרוצת הבריחה. אידל שניסה כבר פעם לברוח בדרך זו לבדו ונכשל עשה קפנדריה ביחד עם חברו, בדרך הבריחה גילה את הפרטיזנים ואלה הביאוהו עד מהרה לבן דודו.

**
*

המלחמה נסתיימה כשאידל קאַגאַן היה בן 15, שבע תלאות אך במצב של בריאות משופר. עם גמר המלחמה עבר שורת ניתוחים על רגליו בגלל האצבעות הקפואות וכך התחיל לחזור לאיתנו. עיירת המולדת לא קיימת; פולין ארץ הדמים אינה מקום מתאים להשאר שם. אידל מחליט להגר לאנגליה לקרוב משפחה. לאחר זמן קצר של שהות באנגליה, מנסה לבוא משם אל הארץ. בארץ הוא מוצא את חבריו למאבק ולסבל ולתקוה, אך התקופה היא תקופת ה„צנע" אשר לא עודדה, כזכור, עליה של צעירים ואידל חוזר לאנגליה.

התחיל לעבוד כעצמאי, כעובד שכיר. התקופה היא תקופת ההתעוררות הכלכלית בעולם המערבי כולו; היזמה החפשית והשגשוג צמודים יד ביד ורבים רבים אשר היו בעלי כשרון והמזל האיר להם פנים הצליחו ועלו מעלה מעלה. מפעל גרר מפעל ואידל קאגאן גם התחיל לדאוג לביתו. הוא הקים את משפחת קאגאן מחדש. נשא לאשה את ברברה שטינפלד ונולדו להם שלושה ילדים: מייקל (על שם דודו משה) ג׳פרי (האבא— יעקב) ודבורה (האמא).

אך הדרך לא נסתיימה.

אידל קאגאן היושב לפנינו כאן במלון „הילטון" בתל אביב בליל סתיו — עיניו ולבו נתונים לזכרונות מהימים ההם ולימים העתידים לבוא. בקוריו הרבים בישראל רק מחזקים וקושרים אותו אל הידידים ואל הארץ. „אני אבוא" הוא אומר אבוא, לתמיד. ואני בטוח שכך גם יהיה.

בן־עיר

דער ערשטער פּאַרטיזאַן פון קאָרעליטש

ד ו ד ל י פ ש י ץ, דער זון פון אַהרן און שרה־רחל האָט געענדיקט די פּוילישע פּאָווּשעכנע שול. אַזוי ווי די פֿאַמיליע איז געווען אַ גרויסע און מען האָט קוים געמאַכט אַ לעבן, האָט זיך דוד אויפגעהערט צו לערנען און געאַרבעט מיט זיין ברודער בערל אין אַ פּריזער־אַנשטאַלט (פּאַריקמאַכערסקע). מיט דעם העלפט ער זיין פֿאַמיליע. געווען איז ער אַ מיטגליד אין „השומר הצעיר", געהערט צום אָרקעסטער. שטענדיק אַ פריילעכער, אַ לעבעדיקער.

ביסלעכווייז עמיגרירט די פֿאַמיליע קיין אויסלאַנד, דער גרעסטער טייל קיין ארץ־ישראל, אויך די עלטערן. דוד איז פאַרבליבן אין קאָרעליטש איינער אַליין, ווייל ער האָט געדאַרפט גיין אין פּוילישן מיליטער.

אין יאָר 1942, ווערט אין שטעטל קאָרעליטש איינגעשטעלט אַ געטאָ. זייער גרויסע הויז געהערט צום געטאָ. אונדזער פֿאַמיליע האָט מען אַריינגעזעצט אין זייער הויז. אויך די יידן פון די אַרומיקע ישובים און פונעם שטעטעלע צירן ווערן אַריינגע־זעצט ביי זיי אין הויז. מען האָט געמאַכט נאַרעס און אַפילו אויף דער פּאָדלאָגע האָט מען געשלאָפן.

די לאַגע איז געווען שלעכט און ביטער, און פון טאָג צו טאָג איז געוואָרן נאָך ערגער און ערגער. די ס.ס.־לייט און זייער אָנפירער הענציקע, פלעגן יעדן טאָג אַרויסגעבן כל מיני גזירות , שלאָגן אָן רחמנות. די דייטשן פון דער קאָמענדאַטור און ווערמאַכט בירקריץ, ערהאַרט און נאָך אַנדערע, האָבן אַרויפגעלייגט אויף די יידן כל מיני קאָנטריבוציעס. די יידן האָבן געטאָן אַלץ, וואָס נאָר ס'איז געווען מעגלעך, כדי זיך אויסקויפן און בלייבן לעבן. אויב מען האָט עס נישט אויסגעפירט, האָט מען געצאָלט מיטן לעבן.

דוד און איך (געווען דאָן זייער יונג), פלעגן גאַנץ אָפט אין די אָוונטן כאַפּן אַ שמועס. דער עיקר האָט זיך געשטעלט די פראַגע, וואָס טוט מען? דוד האָט מיר פאַרטרויט אַ סוד, ער האָט זיך געטראָפן מיט מ ש ה ק ע פ ו ב ט פון איוועניץ (ישראל סלאָנימסקיס אַ קוזין) און משהקע האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אין גיכן קומען אים נעמען און אים אַנשליסן אין אַ פּאַרטיזאַנער גרופּע. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל אויך נישט פאַרגעסן וועגן מיר מיט מיין ברודער גבריאל. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז

אויב אים וועט זיך איינגעבן דער פּלאַן, וועט ער טראַכטן וועגן נאָך קאַרעליטשער בחורים און אויך וועגן אונדז.

ס׳איז אַוועק אַ קורצע צייט און דודן זעט מען נישט מער אין געטאָ. ער האָט זיין פּלאַן אויסגעפירט. איך האָב געהאָפט און געוואַרט אויף זיין צוזאָג, אָבער אומזיסט.

דוד שליסט זיך אָן אין אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, פירט אויס אַלע פּאַרטיזאַנישע אָפּעראַציעס קעגן דייטשן. זיין נאָמען קלינגט: אַ גוטער יידישער פּאַרטיזאַן.

אַ גרופּע קריסטלעכע און יידישע פּאַרטיזאַנער, צווישן זיי אויך דוד און זיין חבר משהקע פונט פון איוועניץ, מאַרשירן אַריין אין שטעטל נאַליבאָק. זייער אויפגאַבע איז געווען פאַרנעמען די פּאָליציי־סטאַציע. אומגעריכט האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם פּלאַן די דייטשן פון איוועניץ און עס איז אָנגעקומען פון איוועניץ אַ גרויסער כוח פון דייטשן קיין נאַליבאָק. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין קלויסטער אין נאַליבאָק. די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם קלויסטער און דורך אַ רם־קול באַפוילן די פּאַרטיזאַנער זיך אונטערגעבן פרייוויליק. אָבער די העלדישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך נישט איבערגעגעבן לעבעדיקערהייט אין די דייטשע הענט. זיי שיסן ביזן לעצטן קויל. די גאַנצע גרופּע פּאַרטיזאַנער ווערט דערמאָרדעט, צווישן זיי אויך אונדזער ערשטער פּאַרטיזאַן דוד און זיין חבר משהקע.

אין ישראל געפינט זיך זיין שוועסטער חנה און ברודער משהקע און אין אויסלאַנד נאָך אַ שוועסטער.

די גבורה פון קאַרעליטשער בחורים

ראובן דושקין, אַ קצב פון פאַך, איז געווען אַ שטילער, אָרנטלעכער מענטש. געאַרבעט שווער. געהאַט אַ גרויסע פאַמיליע. זיין פרוי, מוניה, אַ ריינע ציכטיקע באַלעבאָסטע, פלעגט אים צוהעלפן אין זיין פאַך. זיין עלטערע טאָכטער, שרהקע האָט חתונה געהאַט מיט שלמהקע נאָוויצקי. אויך געווען אַן אָרנטלעכער אַרבעטזאַמער קצב. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין קאַרעליטש און געהאַט פּרנסה.

אין 1941, ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו אונדזערע גרענעצן, זענען די יידן געווען צושראָקן, הערנדיק וואָס פאַראַ צרות און גזירות דער דייטש מאַכט קעגן די יידן.

די פּויערים פון קאַרעליטש און דער סביבה, דער עיקר, די פּאַראָבקעס פון הויף, וועלכע זענען שטענדיק געווען אונטערטעניק דעם פּריץ, האָבן דערפילט די פרייהייט, און גיך געוואָלט רייך ווערן. זיי פלעגן אַ גאַנצן טאָג, אָן שרעק און מורא, ראַבירן און שלאָגן יידן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַר ווען. צווישן די רויבער, זענען געווען די ברידער שטראַשקעס און זייער שוועסטער אָן אַ האַנט, דאַן בריצקאָווסקי. זיי פלעגן גיין פון הויז

צו הויז און אַרויסשלעפּן אַן רחמנות דאָס האָב און גוטס פון די דערשראָקענע קאַרע־ליטשער יידן. זיי האָבן געשלאָגן און געדראָט, אַז ערשט ווען די דייטשן וועלן אַריין אין קאַרעליטש, וועלן זיי ווייזן וואָס זיי קאָנען.

די שקצים פון הויף האָבן אָפּגעשטאָט אַ וויזיט ביי ראובן דעם קצב און געוואָלט ביי אים נעמען דאָס בעסטע פון זיין האָב און גוטס, וואָס ער האָט יאָרן לאַנג מיט שווייס אויף דעם געהאָרעוועט. דאַן האָבן זיך זיינע שטאָלצע זין — יאַנקל, מאָטל און חיים, צוזאַמען מיט זיין איידעם שלמהקע, זיך קעגנגעשטעלט און זיי פאַריאָגט. מיט די פּוסטע זעק, מיט גרויס חרפה האָבן די שקצים פאַרלאָזן זייער הויז. ווען די דייטשן זענען אַריין קיין קאַרעליטש, זענען די זעלבע שקצים געוואָרן זייערע מיטהעלפער און פּאָלי־ציסטן. זיי זענען געקומען צו ראובנען אין הויז און געזוכט זיינע קינדער. אָבער די קינדער זענען שוין נישט געווען, זענען אַוועק.

חיהקע, די טאָכטער, האָט פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט. זי האָט באַוויזן אַנצוזאָגן איר ברודער יאַנקל, וועלכער האָט געאַרבעט ביי פּעל־אַרבעט, ביי אַ קאַרעלי־טשער קריסט, מיראָן, ער זאָל מאַכן פליטה. דאָס גלייכן האָט זי אָנגעזאָגט איר שוואָגער שלמהקען.

אָבער דער ברודער מאָטל, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער פאַראָוועער מיל פון מרדכי בעזין מיט זיינע שותפים, האָט זי נישט באַוויזן אָנצוזאָגן, ווייל די מיל איז געווען ווייט. די כוליגאַנעס האָבן מאָטלען אַרויסגעשלעפּט פון דער מיל, אים גוט צושלאָגן און אָוועקגעשלעפּט אויפן זאַפּאלער באַרג, וווּ ס׳איז געווען דער מאַרק־פּלאַץ (טאַרגאָוויסקאָ האָט עס געהייסן). דאָרט האָבן זיי אים פאַרפּייניקט ביז צום טויט.

יאַנקל און חיהקע, 2 קינדער פון דער משפחה, זענען על פּי נס געבליבן לעבן. זיי זענען געווען אין דער פאַרטיזאַנקע און איצט געפינען זיי זיך אין אַמעריקע.

לאָמיר נישט פאַרגעסן און געדענקען די העלדישקייט און שטאָלץ פון די קאַרעליטשער בחורים

דער קאַרעליטשער פאַרטיזאַן יעקב סלוצקי

יעקב סלוצקי איז געבוירן אין קאַרעליטש אין יאָר 1914. דער פאָטער האָט געהייסן יצחק און די מוטער טשערנע. זיין פאָטער האָט זיך פאַרנומען מיט פעלד־אַרבעט. ער האָט אויך געהאַט אַ שטאַל מיט עטלעכע בהמות, אַ פערד און וואָגן. ער פלעגט פון צייט צו צייט „מאַכן אַ וואָזקע" קיין באַראַנאָוויטש און פלעגט ברענגען סחורה פאַר די קאַרעליטשער קרעמער.

יעקב האָט זיך געלערנט אין דער פּוילישער פּאָווסעכנער שולע און פּריוואַט יידיש און עברית. ער האָט ליב געהאַט פיל צו לייענען. אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע ווערט ער אַרויסגעפירט אין געטאָ נאָוואָגרודעק — פּערעשיקע. אין יאָר 1943


יעקב סלוצקי

געלינגט אים צו אַנטלויפן פון געטאָ, שליסט זיך אָן אין בעלסקיס רייען און ווערט אַ פּאַרטיזאַן.

ער איז אַ הויכער פעסטער בחור. ליב געהאַט צו אַרבעטן און קיין פאַל זיך נישט געשראָקן. פאַרט אויף זאַדאַניעס, נישט האָבנדיק קיין געווער. זיין איינציקער ציל איז געווען צו דערווערבן געווער. איין מאָל האָט ער געקריגן ביי אַ קריסט אייזערנע, פאַרזשאַווערטע טיילן פון אַ ביקס און ביי אַ צווייטן קריסט, סטאָליאַרסקי — מכשירים. ער האָט אויסגעפוצט די טיילן, געמאַכט אַ פּריקלאַד און אויפגעשטעלט אַ ביקס. אמת, זי איז ניט געווען אַזוי ווי אַנדערע ביקסן, אָבער האָט געשאָסן. ער איז געווען זייער צופרידן און געזאָגט:

— איך בין גלייך מיט די, וואָס האָבן געווער, האָט ער געזאָגט:

צו נאָך אַ סך ביקסן האָט ער צוגעמאַכט דאָס האָלץ. ער האָט געבראַכט פיל נוצן דעם אָטריאַד. אין אַ שטיקל צייט אַרום פאַרלאָזט יעקב בעלסקיס אָטריאַד. די סיבה איז נישט באַקאַנט. ער טרעט אַריין אינעם רוסישן אָטריאַד, אונטער דער אָנפירונג פון קאָמאַנדיר באַלטייעץ. ער שליסט זיך אָן אין די רייען פון די מינעראָווּשטשיקעס. ער מאַכט אַליין באָמבעס, מינעס, גייט אויף פעולות, מינירט באַן־ליניעס, שאָסייען, וואַרפט אַראָפּ באַנען, מאַשינען ווערן אויפגעריסן. זיין נאָמען ווערט באַוווּסט.

ער ווערט אַרויסגעשיקט מיט אַ קליינער גרופּע קריסטלעכע פאַרטיזאַנער מינירן אַ באַן־ליניע. אין אַ פינצטערער נאַכט זענען זיי געלעגן ביי דער באַן־ליניע און פון דער ווייטן געהערט דאָס קלאַפּן פון די רעדער, דאָס פייפן פון לאָקאָמאָטיוו און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס דערנענטערט זיך די באַן. האָט אָנגעצונדן די מינע, וואָס האָט אויפגעריסן פאַר דער צייט. דער גרופּע איז נישט געלונגען זיך צו דערווייטערן פון דער סכנה און אַלע זענען אויפגעריסן געוואָרן פון דער מינע, וואָס יעקב אַליין מיט זיינע אייגענע הענט האָט צוגעגרייט.

ער האָט פיל נקמה גענומען. זיין נאָמען איז ביי די קריסטלעכע פאַרטיזאַנער פאַרבליבן, ווי אַ גוטער יידישער קעמפער. אַ דרייסטער מינעראָווּשטשיק (חבלן).

מיכאל ביגין — ירושלים

א רעפעטיציע אין שטעטל

עס איז אַ הייסער זומערדיקער זונטאָגדיקער מאַרק־טאָג אין שטעטל. די געציילטע גוים וועלכע זיינען געקומען צום מאַרק, צעפאָרן זיך אַ היים. די ווייבער־קרעמערקעס זיצן לעבן די פאַרמאַכטע קראָמען און ציילן דעם פדיון פון טאָג. מען רעדט אַ ביסעלע רכילות. יעדער איינער אין שטעטל איז פאַרנומען מיט זיין אַרבעט. די יוגנט גייט צום טייכל נאָך די זאַסטאַווקעס אַ ביסל צו באָדן זיך און זיך אָפּקילן נאָכן הייסן זומערדיקן טאָג. פון דערווייטנס זעט מען קלמן דער מאַראשינער שווימט אויפן פלייצע און מען זעט ניט מער ווי זיין ווייסע באָרד גליטשט זיך איבערן פלאַכן וואַסער. אייניקע יינגלעך ליגן „קלאַפּטער" און מען יאָגט איבער איינער דעם צווייטן.

אויפן ברעג איז פריילעך און טומלדיק. אַ ביסל ווייטער איז די ווייבער־אָפּטיילונג, דאָרטן באָדן זיך די מיידלעך און צווישן זיי פאַרשטייט זיך חיה־לאהקע די געלע, לאלע און אַנדערע. יינגלעך קונדסים, קלמן, יונה און אַנדערע נעמען זיך אָן מיט חוצפה, שמירן זיך אויס די פּנימער מיט בלאָטע און לאָזן זיך שווימען צו די ווייבער, מיינענדיק אַז מען וועט זיי נישט דערקענען. אָבער פלוצלינג אַ געשריי און אַ קוויטשעריי. די יינגלעך דרייען זיך אויס צוריק פאַר שרעק און שווימען אין גרויס בהלה צום ברעג.

פלוצלינג הערט מען אַ סיגנאַל. דאָס גייט יאַשינקע גדליהס מיטן קלאַרנעט אין האַנט, אויסגעפּוצט אין אַ פּאָר שיינע גלאַנציקע שטיוועלאַך, זיינע געלע האָר פאַרקעמט גלאַט און ער רופט דאָס די פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע אויף אַ רעפעטיציע. דעם ערשטן סיגנאַל גיט ער לעבן זיין שטוב אויף דער טויבער גאַס. אַלע האָבן אים שוין געהערט, ער גייט ווייטער צום מאַרק פון דער רעכטער זייט, און גיט זיין באַקאַנטן סיגנאַל. פון מאַרק גייט ער אַוועק צו זאַלאַמאַנקע. נאָך אים לויפן נאָך קינדער פון אַלע זייטן, און יאַשינקע שטראַלט פון פרייד. ווער איז צו אים גלייך? פאַררייסן אויף דער הויך זיין קלאַרנעט בלאָזט ער אָן אויפהער, ביז ער דרייט זיך אויס קינציק מיט זיין טראָמפּייט און קינסטלעריש שפּילט ער אויס אַ ניגון וואָס ער האָט אַליין פאַרפאַסט, און צום סוף גיט ער ווידער אַ שטאַרקן סיגנאַל און אַז ער איז שוין איבערצייגט אַז אַלע האָבן אים געהערט גייט ער אַוועק אין זיין וועג.

איצט הייבן זיך אָן צונויפקלייבן די פּאַזשאַרניקעס צו דער רעפעטיציע. אויסגעפּוצט אין בלישטשענדיקע מעשענע קאַסקעס, פירן זיי אַרויס די באָטשקעס מיט וואַסער

הירשל שקאָלניק

הירשל דער סטאָלער איז געווען באַקאַנט אין שטעטל אַלס דער בעסטער סטאָלער. פון נידעריקן וווּקס, פעסט געבויט, אָנגעטאָן שטענדיק ריין, ציכטיק, אַפילו ביי דער אַרבעט. זיין פרוי, די קלוגע סאָניע, שטענדיק מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, האָט געפירט באַזונדער אַ קראָם און די קינדער האָבן איר צוגעהאָלפן. אַז סאָניע איז עלטער געוואָרן, זיך געפילט שוואַכער, האָבן דעם געשעפט געפירט די קינדער, וויטל און מערקע, אַליין. די טאָכטער אסתר האָט זיך נאָך געלערנט.

צו הירשל דעם סטאָלער פלעגן קומען זיך לערנען אַ סך לערן־ייִנגלעך און איך בתוכם. פון מיר האָט ער געקליבן נחת. ער פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז יאַנקל וועט זיין דער צווייטער חיים בערקאָוויטש. חיים איז געווען זיינער אַ תלמיד און געוואָרן אַ גוטער סטאָלער.

אָבער זיינע טעכטער וויטל און מערקע פלעגן אים בעטן און זאָגן, אַז ער זאָל מיך נישט האַלטן און שיקן אַ היים, ווייל מיין מוטער דוּשקע איז געבליבן אַן אַלמנה און איך דאַרף איר העלפן אין געשעפט. און אַזוי איז געווען: ער פלעגט מיך שיקן העלפן דער מוטער אין קראָם. אָבער איך פלעג צוריק קומען. אויסגעפירט האָט ער: דעם פאַך האָב איך זיך נישט אויסגעלערנט און כ׳בין פאַרבליבן אין געשעפט.

זיין עלטערע טאָכטער איז אַוועקגעפאָרן קיין ישראל. אַ ביסל שפּעטער האָט זי אָפּגענומען איר שוועסטער אסתר. מערקע האָט חתונה געהאַט און געפירט דעם געשעפט. זיין פרוי סאָניע איז שפּעטער געשטאָרבן. די טאָכטער מערקע מיטן מאַן מונעס און קינד זענען אומגעקומען ביים דייטש. ער אַלס גוטער פאַכמאַן איז געבליבן לעבן, איינזאַם, אַליין. בעתן ליקווידירן קאָרעליטש אין יאָר 1942 איז ער מיט די קאָרעליטשער יידן אָנגעקומען מיט אַ טראַנספּאָרט אין נאָוואָגרודקער געטאָ. דאָרט האָט ער געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן אַלס סטאָלער.

ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אין בויען דעם אונטערערדישן טונעל אין געטאָ. די יידן האָבן זיך געגרייט צו אַנטלויפן. ער האָט זיך געראַטעוועט צוזאַמען מיט די, וואָס זענען אַנטלאָפן דורכן טונעל, וואָס ער האָט געבויט.

הירשל שקאָלניק דערגרייכט צו דער פּאַרטיזאַנקע, צו טוביה בעלסקיס אָטריאַד אויך אין די וועלדער געפינט הירשל מיט וואָס צו העלפן דער פּאַרטיזאַנקע. ער אַרבעט סטאָלעריי, ער מאַכט דעם הילצערנעם טייל (פּריקלאַדן) צום געווער און נאָך אַנדערע פאַרשיידענע האָלץ־אַרבעטן. ער האָט כשר פאַרדינט זיין ברויט און געבראַכט נוצן די פּאַרטיזאַנער.

איך פלעג זיך מיט אים גאַנץ אָפט טרעפן, אים געבראַכט אַ ביסל טאַבאַק, זאַכן צום אָנטאָן. מיט וואָס כ׳האָב נאָר געקענט אים געהאָלפן.

נאָך דעם קריג קומט הירשל קיין ישראל. זיין טרוים איז דערפילט געוואָרן. איך

האָב זיך מיט אים געטראָפֿן אין ירושלים ביי זיין טאָכטער וויטל. ער האָט געאַרבעט ביי זיין פֿאַך. האָט מיר געוויזן גוטע, שיינע מעבל, וואָס ער האָט געמאַכט פֿאַר זיין טאָכטער. אויך האָט ער מיר געוויזן די סטאָלאַריי, ווו ער אַרבעט.

נאָכער האָב איך זיך מיט אים געטראָפֿן פֿיל מאָל אין נתניה, ווו ער איז אַריבער־געפֿאָרן צוזאַמען מיט זיין טאָכטער וויטל. ווידער האָט ער איינגעאָרדנט אַ סטאָלאַריי און אַרבעט ביי זיין פֿאַך. מיר פֿלעגן כאַפּן אַ שמועס, זיך דערמאָנט די צייטן אין קאָרעליטש און אין דער פּאַרטיזאַנקע.

— ווער האָט עס געהאָפֿט, אַז איך וועל נאָך קומען קיין ישראל און זיך טרעפֿן מיט מיינע קינדער — האָט ער געזאָגט — און אויך, אַז איך וועל נאָך אַרבעטן ביי מיין פֿאַך.

יואל מאיראָוויטש

יואל מאיראָוויטש, ביי אונדז האָט מען אים גערופֿן יואל מושקעס. פֿון מיטעלער וווקס, ברייט־פּלייציק, פֿעסט געבויט. ער, זיינע ברידער און שוועסטער פֿירן דעם געשעפֿט פֿון מאַנופֿאַקטור. די שוועסטערס נייען קאָנפֿעקציע אין הויז פֿאַרן געשעפֿט. זיי באַאַרבעטן אויך פֿעלדער.

די מוטער שטאַרבט. די שוועסטער, חיה, האָט חתונה און עפֿנט אויך אַ געשעפֿט פֿון מאַנופֿאַקטור אין קאָרעליטש. איר מאַן הערשל סלוצקי שטאַמט פֿון אַ פֿיינער, אָנשטענדיקער פֿאַמיליע אין צירן. זיי פֿירן אַ פֿיינעם און אָנשטענדיקן לעבן.

מיטן אַריינמאַרש פֿון די דייטשן אין קאָרעליטש, ווערן זיינע ברידער אַרויסגעפֿירט צוזאַמען מיט די 105 מאַן צום טויט. יואל און זיינע שוועסטערס נחמה, שרה, מיניע און זייער טאַנטע קריינע קלייבן זיך אַריין צו אונדז אין הויז, ווייל אין צענטער שטאָט איז געווען זייער שווער צו פֿאַרבלייבן. די דייטשן און די פּאָליציי פֿלעגן טאָג־טעגלעך ראַבירן און שלאָגן אָן רחמנות. די ערשטע קרבנות זענען געווען די, וואָס האָבן געוווינט אין צענטער.

אין עטלעכע וואָכן אַרום נעמט די פּאָליציי צו יואלן. אין דער פּאָליציי האָט מען אים געשלאָגן אָן רחמנות, צובראָכן אַ האַנט און אים שווער געפּייניקט. אַ פֿאַרחלשטן וואַרפֿן זיי אים אַרויס אויפֿן הויף פֿון דער פּאָליציי. יואל, דער שטאַרקער, קומט צו זיך, לויפֿט דורך די פֿעלדער און קומט צו אונדז אויפֿן הויף. מיר האָבן געהערט ווי עמעץ איז געלאָפֿן אויפֿן הויף, נעבן דער טיר. כ׳האָב געעפֿנט די טיר און געפֿונען יואלן ליגן אַ פֿאַרחלשטן. כ׳האָב מיט כוח אים אַריינגענומען אין הויז, אים אָפּגעמינטערט, ווייל ער האָט געחלשט פֿון די גרויסע ווונדן. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער דערציילט, אַז אין דער פּאָליציי האָט מען ביי אים געבעטן זאַכן און געלט. ווען ער

האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי צו געבן, האָבן זיי אים אַזוי געשלאָגן, ביז ער האָט פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין.

מיר האָבן אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי קאָן מען אים העלפן. יואל האָט געוויינט. ער האָט געזאָגט, אַז די באַנדיטן האָבן אים צעבראָכן די ביינער און זיך געבעטן, מען זאָל אים ראַטעווען, ווייל די ווייטיקן קאָן ער נישט אויסהאַלטן.

איך און זיין שוועסטער נחמה זענען אַוועק דורך די פעלדער צום ד״ר לעוויצקי. ד״ר לעוויצקי האָט אָנגעשריבן אַ צעטל, אַז יואל איז געפאַלן און צעבראָכן אַ האַנט (ער האָט מורא געהאַט צו שרייבן, אַז די פּאָליציי האָט עס געטאָן) און ער שיקט אים איבער קיין נאָוואָגרודעק צום כירורג.

מען האָט גלייך פאַר געלט באַזאָרגט אַ פור און זיינע שוועסטערס שרה און מיניע זענען מיט אים אָפּגעפאָרן קיין נאָוואָגרודעק.

7 פרי, מען קלאַפּט אין טיר. די פּאָליציי זוכט יואלן:

— וווּ איז ער?

— איר האָט אים צוגענומען — האָב איך געענטפערט — און נישט צוריק געבראַכט.

נאָכער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די פּאָליציי האָט פאַר אים אויסגעגראָבן אַ גרוב און געוואָלט אים שיסן. אַזוי איז ער געראַטעוועט געוואָרן פון טויט.

מיט דער ליקווידאַציע פון קאָרעליטשער געטאָ, טרעפן זיך די שוועסטערס מיט יואלן. מיר זענען צוזאַמען אין געטאָ נאָוואָגרודעק.

פון דער גרויסער משפחה איז יואל אַליין געבליבן לעבן. מיר האָבן זיך געטראָפן אין די וועלדער. נאָכן קריג ווערט יואל מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי. ווערט פאַרוווּנדעט. ער קומט אויף אַ באַזוך קיין נאָוואָגרודעק. מיר לאָזן אים נישט גיין צוריק אין דער אַרמיי. מיר שליסן אים איין אין דער רשימה פון אונדזער משפחה און ער פאָרט צוזאַמען מיט אונדז. מיר קומען אָן קיין איטאַליע און האַלטן זיך די גאַנצע צייט צוזאַמען. מיר געפינען זיך אין אַ קיבוץ נעבן רוים.

מיר האָבן אים געוואָלט מיטנעמען מיט אונדז קיין ישראל, אָבער זיין משפחה, וואָס געפינען זיך אין אַמעריקע האָט אים גערופן צו זיך. ער האָט געוואָלט טרעפן נאָך עפּעס אַ גליד פון זיין פאַמיליע און אין יאָר 1947 צעשיידן מיר זיך.

ער קומט קיין אַמעריקע, האָט חתונה, אַרדנט זיך איין, אַרבעט און מאַכט אַ לעבן. ער האָט די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטן מיט אונדז אַ שריפטלעכן קאָנטאַקט. ער האָט צוגעזאָגט צו קומען זיך זען מיט אונדז אין ישראל. אָבער דער העלדישער, גוטער יואל שטאַרבט פּלוצלינג דעם 29סטן יאַנואַר 1967, 20 טעג אין טבת.



גבריאל אברמוביץ

לייביש בערנשטיין



בנימין שאַצקי

דער טויט פון קאַרעליטשער ייִנגלעך

אין דוואָרעצער אַרבעטס־לאַגער „טאָדט“ זענען בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אַרויסגעפירט געוואָרן גרופּעס קאַרעליטשער ייִדן. זיי האָבן דאָרט געאַרבעט שווער; אַ טייל ביי שטיינער־אַרבעט און אַ טייל ביי בוי־אַרבעט.

די לעבנס־באַדינגונגען אין אָט דעם לאַגער זענען געווען אומבאַשרייבלעך. אין אַ קליין צעבראָכן הויז, ווו ס׳האָט זיך געקאָנט קוים געפינען אַ משפחה, זענען געמאַכט געוואָרן נאַרעס — איינע איבער די צווייטע. און אַפילו אויף דער פּאָדלאָגע, אויב ס׳איז געווען פּלאַץ, האָבן זיך געפונען 30—40 מאַן. מען איז געווען פאַרלייזיקט און פאַר־קרעציקט. עסן איז נישט געווען.

ס׳קומט דער טאָג, ס׳שטייען רעדלעך מענטשן, אין דער לופטן שמעקט מיט עפּעס, די דייטשן גרייטן עפּעס. דער אָנפירער פון לאַגער, האָט פאַררופן צו זיך דעם יודנראַט: דעם פּרעזעס נאַוויק און וויצע פּרעזעס און האָט זיי געזאָגט, אַז די אַרבעט אין לאַגער דוואָרעץ האָט זיך געענדיקט, אָבער אַזוי ווי די ייִדן פונעם לאַגער זענען נוצלעכע, פירט ער אַלע אַרבעטער פונעם לאַגער איבער אויף אַ צווייטן פּלאַץ. די ערשטע גרופּע מוז באַשטיין פון סטאָלערס, וועלכע דאַרפן צוגרייטן באַראַקן אין דעם נייעם פּלאַץ פאַר די אַרבעטער. דערביי האָט ער געדראָט, אויב עמעצער פון די סטאָלערס וועט פעלן, וועלן זיי באַצאָלן מיטן לעבן.

מיין ברודער גבריאל און בנימין שאַצקיס, וועלכע זענען געווען פון פאַך שטעפּער, האָט מען פאַררופן אין יודנראַט. מען האָט זיי געהייסן פון ברעזענטענע קישקעס צוגרייטן כאָליעווקעס. די סטאָלערס האָט מען געהייסן צוגרייטן קלעצלעך צו שיך פאַר באָרוועסע ייִדן, ווייל פיל זענען געגאַנגען באָרוועס. ווער ווייס וווהין מען וועט אַרויספירן? זאָל מען כאָטש האָבן שיך!

די אַרבעט און צוגרייטונג צום אַרויספאָר איז אָנגעגאַנגען אין שנעלן טעמפּאָ. אָבער עס האָט נישט געדויערט לאַנג. ווינטער 1943 האָט מען אַרומגערינגלט דעם לאַגער מיט מאַשין־געווער. צו דעם צוועק זענען אָנגעקומען פּיל מאַשינען מיט דייטשע מערדער. מען האָט גענומען אַרויספירן די אומגליקלעכע יידן. געפירט האָט מען זיי גלייך צו די גריבער, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן נישט וויט פון דוואָרעץ. לעבעדיקער־הייט האָט מען די יידן אַריינגעוואָרפן אין די גריבער. אַ טייל יידן האָבן אין לאַגער צוגעגרייט מעלינעס (סכראָנען). אַ טייל איז געלאָפן איבערן לאַגער, צעטומלט. האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, געזוכט עצות, ווי אַזוי צו בלייבן לעבן.

מיין ברודער, גבריאל, בנימין שאצקיס, לייבוש בערנשטיין האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ קליינעם הייזל אין לאַגער, וואָס איז געווען אָן אַ זייט, נעבן דעם צוים פון לאַגער. גבריאל און בנימין אויפן בוידעם, לייבוש — אונטער אַ בעט. אַז די באַנדיטן זענען פאַרטיק געוואָרן מיט זייער אַכזריותדיקער אַרבעט אין לאַגער און מען האָט שוין נישט געזען קיין איין ייד — האָבן זיי פאַרלאָזן דוואָרעץ. בלויז עטלעכע מיט געווער האָבן זיך אַרומגעדרייט.

דאָן האָבן זיך פויערים אַ לאָז געטאָן אין לאַגער, כדי צו ראַבירן דאָס פאַרבליבענע יידישע גוטס. ווען אַ פויער איז אַריין אין דעם הויז, ווו די דריי יינגלעך זענען געווען באַהאַלטן און געבליבן לעבן — האָט ער געפונען אויפן בוידעם מיין ברודער און זיין חבר. זיי האָבן אים געגעבן אַ מתנה. ער האָט זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט וועגן זיי קיינעם נישט דערציילן. ער האָט זיי געזאָגט, אַז ווען עס וועט ווערן פינצטער, זאָלן זיי אַרויס איבער די דראָטן און גיין ווייטער. לייבוש בערנשטיין, וועלכער איז געלעגן אונטערן בעט, איז על פי נס געבליבן. אים האָט זיך פאַרוואָלט טרינקען, געווען שטאַרק דאָרשטיק, געפינענדיק אַ פלעשל מיט אַ פליסיקייט, האָט ער זיך שטאַרק אָנגעטרונקען. געווען איז דאָס בראָנפן. ער האָט זיך צוגעהערט, וואָס דער פויער האָט גערעדט די צוויי חברים.

דער פויער האָט גלייך איבערגעגעבן עטלעכע אַרבעטער, צווישן וועלכע איינער האָט געהייסן קורילע. קורילע איז אַרויף אויפן בוידעם, האָט אַראָפּגענומען די 2 דערשראָ־קענע יינגלעך און מען האָט זיי דערשאָסן. נאָכער פאַרברענט זייערע קערפּערס.

לייבוש איז געלעגן אונטערן בעט און זיך צו אַלעם צוגעהערט. ווען עס איז טונקל געוואָרן, איז ער אַרויס פון לאַגער. ער האָט זיך געטראָפן מיט נאָך חברים, וועלכע ס'איז אויך געלונגען נצול צו ווערן פון טויט. ער האָט זיי דערציילט וועגן אַלעס. בלאָנקענדיק איבער די וועגן, און פרעסט זענען געווען גרויסע, האָט לייבוש אָפּגעפרוירן די פינגער פון די פיס און נישט געקענט מער גיין. ער איז געשטאָרבן אין וועג.

אונטערוועגס האָב איך זיך געטראָפן מיט דער חברה און זיי האָבן מיר דערציילט וועגן דעם.

בצלאל־קלמן אושרוביץ

שאול קופילוביץ

שאול בן יעקב וחיה בדנה קופילוביץ, נפטר בארץ. בן למשפחה תורנית מכובדת, מעורה בחיים החברתיים היהודיים במקום מגוריו. לפני מלחמת העולם השניה התגורר שאול בנובוגרודק. עם כבוש העיר ע״י הנאַצים, הושמדה משפחתו והוא נשלח למחנה עבודה, בהיותו בעל מקצוע מעולה בהחזקת רכב, רצו הגרמנים לנצל את כשרו המקצועי למטרותיהם השטניות, כשם שעשו זאת לגבי הרבה יהודים בעלי־מלאכה שהשאירו אותם בחיים, כל עוד היה להם סיכוי להפיק מהם תועלת. אולם קופילוביץ לא השלים עם מצב זה, ופעם, בזמן תיקון מכונית, עלה בידו להתחמק מעיני השומרים הנאצים ובבריחתו הגיע עד יערות נאליבוקי, שם הצטרף לגדודי הפרטיזנים של ביאלסקי.

תוך כדי נדודיו ממקום אחד למשנהו, לקה בהצטננות חריפה ובשעול חמור, שהיה נשמע למרחוק ועלול היה להסגיר את חבריו הלוחמים בידי האויב. כדי למנוע סכנה זו התרחק מחבריו וחי מבודד בתנאים קשים וללא כל טיפול רפואי. מצב בריאותו הלך ורע עד שחלה בשחפת, וכאשר שוחרר האזור ע״י הצבא הרוסי, חזר קופילוביץ לנובוג־רודק, כשהוא חולה אנוש וכמעט חשוך מרפא. הודות לטיפולה המסור והבלתי־נלאה של אשתו השניה, חזר אט אט לאיתנו עד שהתרפא כליל. אולם בריאותו נשארה מעורערת סבל מאַסטמה כרונית שלא עזבה אותו עד סוף ימיו. כשעלה ארצה עם אשתו בשנת 1951, לא היה גבול לאושרו ולשמחתו. פה כאילו חודשו נעוריו והיה ער לכל המתרחש בארץ וביחוד לעניני הבטחון. התפעל מכל אשר ראה פה, אהב את הכול ואת כולם, וביחוד את הדור הצעיר הבונה והלוחם. למרות אופיו החברותי מאוד מאז ומתמיד בחו״ל, העדיף כאן להתבודד בביתו ולא להתבלט בחברה.

עם הסתלקותו של שאול קופילוביץ אבד השריד האחרון של משפחה יקרה ונכבדה זו.

פרומע גולקאָוויטש־בערגער

דער העלד - אפרים

געווידמעט מיין קוזין, אפרים גולקאָוויטש, וועלכער איז געפאַלן
אין קאַמף (מאַי, 1944), אין טשקאַלאָווסקער בריגאַדע.

„פאַרוואָס? פאַרוואָס? אויב עס איז אַ זין אין טויט פאַראַן,
וועל איך נקמה נעמען פאַר אייך", — שווערט אפרים דער פאַרטיזאַן.
נעכטן ערשט געשמאַכט אין געטאָ, מיט אַ געבויגן פּלייצע,
געזען, ניטאָ קיין נסים היינט, געזוכט האָט ער אַן עצה.

אַ שטים אַ שטילע האָט גערופן, אין דער שוואַרצער נאַכט,
עס קומט פון גרויסן מאַסן־קבר, פון דעם טיפסטן שאַכט.
איך זע דעם ליכטיקן געשטאַלט און הער דעם פליסטער פון מיין כלה,
געדענק: נקמה מוזטו נעמען פאַר אונדז אַלע!

אָט זע איך איצט דעם לעצטן בליק פון זייער לעצטער שעה,
דער שוידער פון דעם לעצטן וויי פון מאַמעס, טאַטעס דאָ.
און אַזוי פיל קליינע הענטלעך עס רופן מיך אַצינד,
נקמה זאָלסטו נעמען, פאַר יעדן אומגעבראַכטן קינד!

איך וועל די מערדער ניט פאַרגעבן,
נקמה פאַר אייך איז מיין ציל אין לעבן,
מאָנען וויל איך בלוט פאַר בלוט,
צו פאַרניכטן דעם שונא וועל איך קעמפן מיט מוט!

פאָרויס, פאָרויס, ער לויפט אויף זיין ווייסן פערד,
ווי אַ האָז אַ פלינקער, ער רירט ניט אָן די ערד.
דער אויטאָמאַט אויף זיין אַקסל, מיטן נאַגאַן אין האַנט,
טראָגט ער פייער צום שונא, ווו נאָר ער שפּאַנט.

ווי אַ פלאַמיקער פויגל, ווי אַן אַדלער, ער פליט,
מיט שטאָלץ וויל ער טראָגן דעם נאָמען „ייד".
דער ערשטער אין קאַמף, ווי אַ טיגער, אַ חיה —
